STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09339

ALE VERK

Isaac Leib Peretz

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אַלע ווערק פון י. ל. פרץ

אינהאַלט פון די 18 בענדער

1) פאָלקסטימלעכע געשיכטן
2) די צייט
3) דראמען
4) אָדם וחוה
5) חסידיש
6) פאר קליין און גרויס
7) בילדער און סקיצן
8) אויפזאצן און פעליעטאָנען
9) אלט און ניי
10) פון שטוב און גאס
11) געדאנקען און אידעען
12) פינף מגילות
13) לידער און באַלאַדן
14) געשיכטן און סצענעס
15) ליטעראטור און לעבן
16) אין מיין ווינקעלע
17) שטעט און שטעטלעך
18) מיינע זכרונות און בריוו

פון פאַרלאַג „יידיש"

דער קליינער און יונגער יידישער אַרגענטינער קיבוץ איז אַ דאַנק דער שוידערלעכער יידן־אויסראָטונג זינט אויגוסט 1939 געוואָרן איינער פון די וויכטיקסטע יידישע ישובים אין דער וועלט. דער יידישער וועלט־חורבן האָט אונדזער ישוב דערהויבן און אים אָנגעטון אַ טראַגישן און גרויסן זכות.

אַ זכות גייט ביי אונדז זייט שטענדיק אָן האַנט ביי האַנט מיט חוב. פאַר דעם גרויסן טראַגישן חוב איז אונדזער ישוב אַ סך, אַ סך שולדיק. און פאַרלאַג „יידיש", וואָס איז אין דער פאָרעם אַ פּריוואַטע אונטערנעמונג און אין תוך געהער ער צום גאַנצן ישוב, שטרעבט צו באַצאָלן אַ קליינעם טייל פון די חובות, וואָס דער ישוב איז שולדיק.

דורך דעם פאַרלאַג „יידיש" וועט דער אַרגענטינער יידישער ישוב אָנהויבן העלפן אויפבויען דאָס דאָזיקע, וואָס דער שונא האָט חרוב געמאַכט.

און נישט אומזיסט הייבן מיר אָן מיט אונדזערע קלאַסיקער: דאָס דאָזיקע לעבן, וואָס מענדעלע, פּרץ און שלום־עליכם האָבן באַשריבן וועט מען שוין מיט קיין טאַנקען אויך נישט אויסמעקן.

און ווען דער צאָרן וועט זיך ענדיקן און אייראָפּע וועט זיך נעמען באַנייס אויפבויען און מען וועט דאָרט נעמען אויפבויען אויך דעם יידישן שארית הפליטה, וועט דער אַרגענטינער ישוב דורך דעם פאַרלאַג „יידיש" שיקן די ביכער פון די קלאַסיקער פאַר די ערשטע פון סניי אויפגעבויטע יידישע ביבליאָטעקן.

פאַרלאַג „יידיש" הייבט אָן מיט אַלע ווערק פון י. ל. פּרץ, ווייל בעצם האָט פּרץ געראַטעוועט דאָס מאָדערנע יידישע לעבן פון אַ שריפה, וואָס האָט עס גענומען אַרומכאַפּן פון אַלע זייטן. פּרץ איז אַריין אין פייער אַריין פון השכלה און אַסימילאַציע און ער האָט אַרויסגעכאַפּט דעם סאַמע עיקר פון דער באַדראָטער יידישקייט. די ערשטע ווערק וואָס מען וועט אַריינשטעלן אין אַ באַנייטער יידישער ביבליאָטעק פון אייראָפּע, מוזן זיין פון י. ל. פּ ר ץ !

י. ל. פרץ

אלע ווערק

מיט בילדער, פאַקסימילן, געקליבענע פערזענלעכע בריוו און

ביאָגראַפישע שטריכן פון יעקב באָטאָשאַנסקי

פאַרלאַג „יידיש“

פון וואָלף ברעסלער און אברהם מיטלבערג

בוענאָס איירעס 1944

זעכצנטער באַנד

אין מיין ווינקעלע

פארלאג ״יידיש״
בוענאס איירעס
1 9 4 4

PRINTED IN ARGENTINE

I. L. PERETZ
Obras Completas
TOMO XVI
"IN MAIN WINKELE"

Editorial y Talleres Gráficos "IDISCH"
Bmé. MITRE 2146 BUENOS AIRES
1 9 4 4

אינהאַלט פון זעכצנטן באַנד:

זייט

באמערקונג — — — — — — — — — — — — — — 9
מיין ענטפער — — — — — — — — — — — — 11
אין קאמף — — — — — — — — — — — — — 14
דער סינטעז — — — — — — — — — — — — — 17
כלל ופרט — — — — — — — — — — — — — 21
און אז מען קומט צוריק — — — — — — — — 24
נאָך שימחת תורה — — — — — — — — — — 27
אין מיין ווינקעלע — — — — — — — — — — 32
" " " — — — — — — — — — — 36
אַלטווארג און אַלטערטימלעכקייטן, ווהין שיקן?
ווארשע, ווילנע, פעטערבורג — — — — — — — 39
פאַרט ווילנע — — — — — — — — — — — — 43
נאָך א וואָרט (דאָס לעצטע, זאָל זיך די וועלט איבער-
קערן!) וועגן „אונדזערע" סקאַנדאַלן — — — 47
צום ריבונו של עולם — — — — — — — — — 52
אַן אַלטע געשיכטע — — — — — — — — — — 55
באַדוען־דע־קאַרטוניי — — — — — — — — — — 60
אין מיין ווינקעלע — — — — — — — — — — 64

א בריוו — — — — — — — — — — — — — — 66
נאָך גראַסערס לוויה — — — — — — — — — 69
וועגן, וואָס פירן אָפּ פון יידישקייט:
די געפאר — — — — — — — — — — — — 72
חומש מיט רש"י — — — — — — — — — — 74
דער ערשטער וועג — — — — — — — — — 77
די פארפרעמדטע אינטעליגענץ — — — — — 81

זייט

בילדונג — — — — — — — — — — — — — 85
וואָס ווילן מיר? — — — — — — — — — — — 100
דער לץ — — — — — — — — — — — — — — 104
וואָס הערט זיך? — — — — — — — — — — — 122
אויך אַ פעליעטאָן — — — — — — — — — — 126
שרייב אַ פעליעטאָן — — — — — — — — — — 136
צען פעליעטאָנישע געדאַנקען — — — — — — — 143
עקבתא דמשיחא — — — — — — — — — — — 144
אונדזער טרייסט — — — — — — — — — — — 148
תענית־געדאַנקען — — — — — — — — — — 151
די עשרת הדיברות — — — — — — — — — — 153
וויסן, אידעען און „איזמען" — — — — — — — 158
עטרת יתומים אין ווארשע — — — — — — — — 160
קעגן האקאטא — — — — — — — — — — — 165
פּאָלעמיק — — — — — — — — — — — — — 170
פּראָמעטעום — — — — — — — — — — — — 183

ראש־חודש — — — — — — — — — — — — — 191



בריוו צו אן אומבאַקאַנטן אַדרעסאַט

זעהר געעהרטער הער,

אויף אייער ליעב-שמייכעלדיגען בריעף פון 17 ד. מ. בעעהר איך מיך אייך צו ענפערן פאָלגענדעס:

אויב דאָס אויפלעבען פון יודישען פאָלק הייסט ביי אייך „ציוניזם" — מה טובו! געהער איך דאַצו, האָב איך אַ טהייל דערינען. צום פאָליטישען ציוניזם האָב איך ק י י ן צוטרויען: דאָס גלות פערלייקען איך נ י ש ט. דאָס איז דאָס שלאַכט פעלד, וואו מיר מ ו ז ע ן זיעגען. ביי דער גאַנצער בענקשאַפט צו ארץ ישראל (נישט צום „פאַטערלאַנד" לויט'ן גוישען בעגריף) גלייב איך פעסט אין יודישען וועלט-פאָלק, ווי דער פראָפעט האָט עס געזעהען. איבעראַל די מונדערהייט אין צאָהל, די מערהייט אין זין פון מאָראַלישער קולטור. נאָכען זיעג, וועט געבויט ווערען דאָס פראָפעטישע, נישט פּאָליטישע ציון... כי מציון תצא תורה פ א ר א ל ע...

ביאָגראַפישע נאָטיצען שרייבט צו, אויף מיין ביטע, מיין קאָלעגע י. דינעזאָן.

מיט אַכטונג

י. ל. פ ר ץ

באַמערקונג צום זעכצנטן באַנד

אונטער דעם קעפּל „אין מיין ווינקעלע" האָט י. ל. פּרץ פּאַרעפנטלעכט אַ ריי פעלעטאָנישע אַרטיקלען אין דער וואַרשעווער צייטונג „היינט" אין משך פון די יאָרן 1912-13. אַ סך פון די דאָזיקע אַרטיקלען זענען אַריין אונטער פאַרשידענע נעמען אין עלפטן באַנד („געדאַנקען און אידעען). די לעצטע פיר אַרטיקלען פון „אין מיין ווינקעלע" („צום ריבונו־של־עולם", „אַן אַלטע געשיכטע", „באַדוען דע קאַרטוניי", „אין מיין ווינקעלע") זענען דערשינען שוין נאָך פּרצעס פּטירה.

אין עלפטן באַנד („געדאַנקען און אידעען") איז אַריין איין קאַפּיטל פון דער סעריע אַרטיקלען „וועגן, וואָס פירן אָפּ פון יידישקייט", אַזוי ווי עס זענען פאַראַן נאָך דריי קאַפּיטלען פון דער זעלביקער סעריע, געפינען מיר פאַר נייטיק צו געבן נאָך אַמאָל אין אָט דעם באַנד דאָס ערשטע קאַפּיטל, ביכדי צו אַריינפירן דעם לייענער אין דעם קרייז פון די פּראָבלעמען וואָס פּרץ באַהאַנדלט אין די ווייטערדיקע דריי קאַפּיטלען.

די איבעריקע אַרטיקלען, וואָס קומען אין אָט דעם בוך, זענען געשריבן דורך פּרצן אין די יאָרן 1890 - 1912, כמעט אונטער אַלע זענען אָנגעוויזן די דאַטומס, ווען זיי זענען צום ערשטן מאָל געדרוקט געוועזן.

„ראש חודש", וואָס קומט צום סוף פון בוך איז אַ סעריע חודש־איבערזוכט, וואָס פּרץ האָט געדרוקט אין חודש־זשורנאַל „די יודישע פאַמיליע" אין יאָר 1902 אונטערן פּסעוודאָנים „י. ל. צופּעליג". (לויטן ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין).

מיין ענטפער

צייטן בייטן זיך.
פאר א יאָר צוויי בין איך געווען אין „קוריער ווארשאַווסקי״ א „גרויסער יידישער שרייבער״.

דאָס מאָל שרייבט ער אין נומער זעקס הונדערט און עלף פון שבת:
„אין „היינט״ האָט אָנגעהויבן שרייבן עפּעס א פּרץ...״
און באַלד דערצו א קליין נאַריש מסירהלע:
„אַן אָנגעשטעלטער פון דער וואַרשעווער גמינע...״

— און (האָב איך מיך צו אַלט־פּוילן געווענדעט) שאַצט אונדז נישט אריין אין יחוס, וואָס איר מאַכט קיין פּאָגראָמען נישט! „אין אייער מענאַזשעריע פעלן קיין חיות נישט, נאָר די שליסל צו עפענען די שטייגן זענען נישט אין אייער האַנט!״

די ווערטער האָבן דעם „קוריער וואַרשאַווסקי״ געטראָפן!

ער האָט אַזויערנאָך געגעבן אַן אָנצוהערעניש אויף דער מעגלעכקייט פון פּאָגראָמען, אויב מיר וועלן נישט גוט און פרום זיין...

און ער גייט, דער יעזואיטישער „קוריער וואַרשאַווסקי״, און בייסט אוים מיט גיפטיקע ציין דעם משל מיט דער מענאַזשעריע אַליין, אַן דעם אָנהויב, אַן דער ווענדונג צו דעם פּוילישן שימל, און פאַרשפּרייט בייזוויליק די מענאַזשעריע איבער גאַנץ פּוילן.

איך זאָג נאָכאַמאָל: חיות אין מענאַזשעריע פעלן נישט. די פינצטערע כוחות פאַרמאָגט יעדעס פאָלק...

און דאָס, וואָס אין די „פרייע״ טעג זענען דאָ קיין פּאָגראָמען נישט געווען, האָבן מיר נישט אייך, נאָר יונג־פּוילן, וואָס האָט דעמאָלט דאָס ווילדע אין צוים געהאַלטן, צו פאַרדאַנקען...

וויניקסטנס, נישט ניעמאָיעווסקין, וואָס שרעקט אונדז מיט די פּויערן פון דאָרף... „איך גיב א פייף און זיי קומען אויף אייך״...

און איצט, אַז יונג־פּוילן שווייגט? איז עס א יי ע ר ווילן?

און וועמענס זענען געווען די פּלאַקאַטן, וואָס האָבן גערופן צו פּאָ־גראָמען, בשעת די וואַלן צו דער צווייטער דומע?

און וואָס איז געווען דאָס גאַליצישע דראָהאָביטש, ווו דער שליסל פון די שטיינגן איז אין א יי ע ר האַנט? און וואָס איז דאָס באַרימען זיך מיט נישט־מאַכן קיין פּאָגראָמען?

נישט קיין ווונק אויף זייער מעגלעכקייט, אויב מיר וועלן נישט זיין גוט און פרום?

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

און צום סוף א לעבערלעבער מאָמענט:

— דער זעלבער „זשאַרגאָניסט” (שרייבט דער „קוריער וואַרשאַווער־סקי”) איז זייער צופרידן, וואָס דאָס נישט אַרויסטרייבן די לאַנגע קאַפּאָטעס פון זאַקסישן גאָרטן הענגט אָפּ, נישט פון פּאָליאַקן, נאָר פונעם סטראָזשניק ביים טויער!...

איך בין הייסט דאָס, צופרידן, וואָס די פּאָליאַקן האָבן אפילו קיין שליטה נישט אויפן זאַקסישן גאָרטן!...

און דאָס איז שוין אומפאַרשעמט אויסגעטראַכט. איך האָב וועגן קאַפּאָטעס אין זאַקסישן גאָרטן קיין וואָרט נישט געשריבן.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

צי וועט דער „קוריער וואַרשאַווסקי”, וועלכן איך וואַרף פאָר פאַלש־קייט, שקרים און א קליין נאַריש מסירהלע, — מיך איינגעבן אין געריכט?

איך מיין, אז נישט!

דאָס, רעכנט ער, קאָן אַמאָל שאַטן!

און דערצו שרייבט ער (דער „קוריער וואַרשאַווסקי” מיינט, ווירק־לעך, אז ער קאָן עמעצן באַליידיקן!): „אַן אַראָגאַנט (קעגן פּריץ!) א צייטונגס־ייד אין ערגסטן זין פון וואָרט (!!!), וואָס האָט זיך (פאַר ווילטאָג א פּנים, דער פּוילישער האָבער שטעכט מיך!) געמאַכט א ספּאָרט(!) צו־צושרייבן די פּאָליאַקן, גאָט ווייסט וואָס פאַר א טירישע 1) אינסטינקטן" „איר וואָלט געביסן, נאָר מען האָט אייך א מויל־שלאָס אויפגעהאָנגען".

און די ווערטער דריקט ער אין „געגנזנפיסלעך"; זאָל זיין לייכטזיניקער לעזער מיינען, אז דאָס האָב א י ך געזאָגט, אז דער „קוריער" ציטירט מ יי נ ע ווערטער!

1) חייהשע.

און דאָס האָט געזאָלט זאָגן איך, וואָס האָב אויפגעשטעלט דאָס פּראָגראַם פון סאָלידאריטעט מיט פּאָליאקן!

מיט פארברעכערישע נאַטורן וואָלט איך נישט געראטן קיין שותפות צו מאכן!

אלא וואָס?

איך האָב געזאָגט, אז האַנט־אין האַנט וועלן מיר גיין מיט יונג־פּוילן. וואָס בויט נישט אויף באַזיץ, נאָר אויף ארבעט, וואָס וויל נישט לעבן (צו אונדזער שאָדן!) פון מאָנאָפּאָלן און פּריווילעגיעס, און וויל אונדז נישט באַצווינגען.

מיטן אלטן פּוילן, מיטן באַצווינגערישן, הערש־זיכטיקן, ווילן מיר קיין שותפות נישט מאכן. דאָס אין דער שימל, וואָס מוז אראָפּ, אָן אונדזער שאָדן, און אָן שאָדן פון פּ ו י ל י ש ן פאָלק.

אין קאַמף

אוּן קוקט מען אויפֿן יידישן אייגנאַרטיקן לעבן נישט מיט פֿרעמדע אויגן, איז לייכט צו דערזען, אַז אונדזער פּראָצעס צווישן קאָנסערוואַטיוון געפֿיל און פּאָרשריטלעכן געדאַנק אונטערשיידט זיך פֿון דרויסנדיקן שוין מיט דעם, וואָס ער איז אַ כמעט ריין קולטורעלער.

די סאָציאַל־עקאָנאָמיש־פּאָליטישע וועלט איז פֿאַר דער ווירקונג פֿון יידישן געדאַנק געשלאָסן... ער גנבעט זיך אַריין אין דער פֿרעמד, פֿעקלט די גרענעץ מיט אַ פֿאַלשן פּאַספּאָרט, ווערט אַריבערגעטראָגן דורך אַפּטרייניקע און פֿאַרענדערט דאָס לעבן דורך אַנאָנימער אַרבעט, מיט פֿרעמדע הענט — אָבער אינעווייניק ווערט ער פֿאַרקערפּערט אין אַ גרינגער צאָל קהילשע קליינע אינטערעסן און דער עיקר אין רעליגיעזע פֿאָרמען און סימבאָלן.

דאָרט איז דער פּראָצעס אַ פֿאַרוויקלטער. עס גיסן אין אים אַריין זייטיקע סאָציאַלע, פּאָליטיש־עקאָנאָמישע שטראָמען, שטיצט זיך די רעגירונג אויף דער קירך, שיצט דער גלויבן די רעגירונג, קעמפֿן ביידע פֿאַרן רייכן און וווילהאָבנדיקן, אויף וועלכע זיי בויען, פֿון וועלכע זיי לעבן. ווערט אַ דריי־בונד, פֿאַרפֿלאָנטערן זיך די אינטערעסן. און ווער עס איז קעגן איינעם פֿון בונד, מוז באַקעמפֿן אַלע דריי.

אונדזער רעליגיע הערשט נישט; די „סינאַגאָגע" האָט נישט קיין מאַכט צו באַצווינגען; אירע דינער, די כלי־קודש, זענען די אָרעמסטע, שוואַכסטע און אונטערטעניקסטע אין פֿאָלק.

אויף זיי שטיצט זיך קיין פּאָליטישע מאַכט, קיין פּראָדוקטיווע פֿאָרעם, און זיי ווערן פֿון קיינעם נישט געשטיצט; ווערט מיט קיינעם קיין יד־אחת נישט געמאַכט. אונטערדריקט פֿון פֿרעמדע און קיינעם נישט האָבנדיק הינטער זיך, מוז אויך דער קאָנסערוואַטיווער ייד פֿאַרלאַנגען פּאָליטישע פֿרייהייט; און זיין רעליגיעז געפֿיל קאָן אַבסאָלוט גאָרנישט האָבן קעגן אידייען, וואָס שטאַמען פֿון שבת, שמיטה און יובל...

און אויב דער פרומער ברויט־געבער האָט לעצטנס גערופן דעם ספר מיט זיין פּארטייטשער צו הילף קעגן ארבעטער;

און אויב דער מינדער־געבילדעטער יידישער ארבעטער האָט זיך אויפגעלענט קעגן רעליגיעזע סימבאָלן און פאָרמען, פון וועלכע די גע־בילדעטע באַלעבאַטישקייט האָט זיך נאָך נישט באַפרייט, — — איז עס געווען נישט מער, ווי אַן אָפּקלאַנג פון דרויסנדיק לעבן, א נאָכמאַכעריי. און פון זעלבן סאָרט איז אויך די שרעק פון אונדזער פרעסע פאר קאַטאָוויץ.

— — — — — — — — — — — — — — — —

איך בין געשטאַנען, שטיי און רעכן ביזן לעצטן אָטעם־צוג צו שטיין אין די רייען פון די קעמפער פאַרן פּאָרשריטלעכן, ראַדיקאַל־פּאָרשריטלעכן יידישן געדאַנק...

און נישט שווער איז זיך קעגן קאָנסערוואַטיוון געפיל צו באַוואָ־פענען; זייער לייכט אים צו שרייבן אַן „אַבווינימעלני אקט", אויסצורע־כענען א גרויסן „על־חטא" —

עס איז וואָר, אַז דאָס קאָנסערוואַטיווע היט אָפּט דאָס פּאָס, אין וועלכן דער ויין איז שוין לאַנג געפעלשט; גייט אַרום אויף דער וואַך ביי חורבות, אין וועלכע עס ברומט שוין לאַנג נישט די פאַרוואָגלטע טויב — די שכינה!

עס איז וואָר, אַז צוליב האַלטן דעם יידישן געדאַנקען אין קלויז אָדער אין א פאַרשאָטנטן היימישן ווינקל, איז ער אָן ליכט און לופט, קרענקלעך געוואָרן, דער יידישער געדאַנק! און ער ציטערט פאַר יעדן פרייען לופט־צוג, פאַר יעדן ליכטיקן שטראַל! ער, וואָס איז באַשאַפן גע־וואָרן די ערד צו באַצווינגען דאָס לעבן צו באַהערשן און ג ע ר ע כ ט צ ו מ א כ ן!

און געוואָרן איז דער יידישער געדאַנק רוח הקודש און שכינה פאַרן קרענקלעכן וויל־לערנער אין קלויז... און האָט זיך דערווייטערט פון פאָלק, וואָס לעבט און שטרעבט, און אָפּגערוקט פון המון אין זיין גאָס; אויף פרעמד באַראָט אים געלאָזט!

און נישט מינדער איז וואָר, אַז אָדאַנק דעם איינגעשפּאַרטן קאָנ־סערוואַטיזם, אַזוי דעם מתנגדישן, ווי דעם חסידישן, פאַרלירן מיר א האַלב יידיש פאָלק, די יידישע טאָכטער, די יידישע פרוי, די יידישע מוטער...

און דאָס איז די טראגעדיע, די דראמע און די טראגי־קאָמעדיע אין אַלע יידישע הייזער, וואָס גייען דעריבער צו גרונט...

אמת איז אויך, אז דאָס בלינד־איינגעשפּארטע שטויסט אָפּ די פעיקע יוגנט, אז מיר פארלירן זי פון טאָג צו טאָג אַלץ מער און מער! אז דאָס פּאָטער־הויז ווערט פארן קינד א תפיסה, גאנץ אָפּט מיט צוכט־ארבעט און קייטן! — און דאָס לעבנספעאיקע, לעבנסדורשטיקע מוז דעריבער גאנץ אָפּט אריבערשפּרינגען די צוים אָדער שפּאַלטן דעם שוואכן, פון פּאָליציי און ארמיי נישט געהיטענעם טויער, און — אין הפקר אריין!

און נישט ווייניקער איז אמת, אז אַ דאנק דער אָרטאָדאָקסיע און איר בלינדער שטאַרקייט 1), זענען מיר הינטערשטעליק געבליבן אויך עקאָנאָמיש.

אָן בילדונג, נישט צוגעגרייט צום לעבן, נישט באוואָפנט מיט טעכ־נישן ווישן, קאָנען מיר אין קאמף פון לעבן קיינעם נישט ביישטיין. איז פאר אונדזערע ארבעטס־הענט פארמאכט די מעכאנישע פאבריק! איז אונדזער געווערב פושעריי; איז אונדזער קאפּיטאל נישט פעאיק צו באַ־שאפן אַן ערנסטע אינדוסטריע...

דאָס אַלץ איז אמת.

און דאָך!

דעם אמת מוז מען מודה זיין, ערלעך מוז מען שאצן — — —

און דאָך האָט זיך ערשט נישט לאנג באנייט אין אונדזער לעבן אַ דערשיינונג, וואָס באווייזט זיך נאָך יעדן באנקראָט פון אַ פאלש־משיחי־שער פירמע; נאָך יעדן קראך פון פרעמדע פילאָזאָפיען, נאָך יעדן פאר־בליען פון נישט צייטיקע האָפענונגען —

און דאָס גיט אונדז זייער פיל צו דענקען.

---

1) פאַרשטאַרטקייט

דער סינטעז

וואָס איז געווען די דערשיינונג?

אָנגעהויבן האָט זי זיך מיט „קאַצניאַמער״.

דאָס קליינע בראָשורעלע האָט באַנקראָטירט. א טראָפּן געווען, אויסגעטרונקען, און דעם דורשט נישט געשטילט.

ווו נעמט מען ווימן?

חברשאַפט מיט אַלעם גוטן, מיט אַלעם פרייעם און ריינעם און שיי־נעם, איז דורכגעגאַנגען די קאָסע — און אָפּגעשניטן פעלר, א גאַל פעלד...

ליגט מען אין אָפּגרונט, און איבערן אָפּגרונט איז פארשפרייט א חושך, דרינגט דעם חושך קיין איינציקער שטערן אין הימל נישט דורך...

דער שכל איז מחייב, די טעאָריע זאָגט: עס וועט צוריקומען, עס וועט צוריק אויפלעבן... די ליפּן זאָגן עס, שטאַמלען עס, דאָס האַרץ גלייבט נישט... און וועט עפּעס קומען, פילט עס שוין דאָס האַרץ — פרעמד, ווייט פון אונדז...

עס וועט נישט קומען מיט אויסגעשטרעקטע הענט:

— קום, ברודער, טאַנצן...

און נישט מיט גרייטע ליפּן צום ברידערלעכן קוש...

און א ווייטיק האָט אָנגעכאַפּט... און א צאָרן קעגן נייע חלומות... גיט צוריק די אַלטע... די גרויסע! גיט געטער!

און עס איז געוואָרן א משונה גאָט־זוכעניש, קינדער און יונגוואַרג זענען ארומגעלאָפן זוכן א סנה, זוכן עפּעס א צייכן, א סימן פון יענער וועלט...

און א ליבשאַפט האָט זיך אויפגעכאַפּט, א פּלוצלינגע ליבשאַפט צו מיצוות ומעשים־טובים, א פאַרבענקעניש אהיים, צום סידור, צו דער קלויז, אפילו צום דריידל און המן־טאַש...

און איז מען צוריקגעקומען און דאָס אַלץ געפונען, נישט ווי מען

האָט דערפון געטרוימט, נישט אזוי הייליק און ריין, נישט אזוי שיין און מענטשלעך —

האָט זיך דער אינטעליגענט דערפילט שולדיק:

— כרמי שלי לא נטרתי!

און א קלאַפּ געטאָן אין הארץ אריין. דאָס הארץ האָט זיך אָפּגערופן... און עס איז געוואָרן א רייד וועגן רענעסאַנס, ווידערגעבורט, איז מען גע־קומען און געבעטלט ביים אַלטן ייד א נדבה!

— אַלטער ייד, דו ביסט היטער אין דער היים געבליבן, דאָס היימי־שע, דעם היימישן אוצר געשיצט... עפן אים אויף, גיב אונדז פון דאָרט ארויס לעבעדיקע זאָמען, שענק־פּלאַנצן, — מיר ווילן באַשטעלן א יידיש פעלד, א יידישן גאָרטן און אונדזערע הענט זענען לער!

און עס האָט זיך אָנגעהויבן א לויפעניש אין שילן און בתי־מדרשים אריין, צום אַלטן, צום קאָנסערוואַטיוון, צום פּרימיטיוון.

זוכט מען דאָרט מוסטערן פאַר געוועב, האַפט און שטיקעריי ביי אַלטע פּרוכתן... זוכט דער שניצער די יידישע ליניע אויף כתרים און ידן. דער בילדהויער — מאָטיוון פון צעבראָכענע מצבות, אויף לאַנגפאַרגעסע־נע בית־עלמינס... דערפרישט דער מוזיקער דאָס אַלטע פּרימיטיוו־פרומע וויג־ליד... גייט ער צוריק צום „ברכו", דעם וויינענדיקן, און צום אַלטן „נתנה־תוקף"... לויפט אַרום שטרוק אין בערלין און זוכט צו מאָלן אַלט־יידישע קעפּ, מיטן אַלטן יידישן צער אויפן פּנים, אין די אויגן... און דער דיכטער זוכט אויפלעבונג און דערפרישונג אינעם חסידישן און פרומען פאָלקסטימלעכן פּרימיטיוו...

פאַרוואָס זוכן מיר נישט הילף ביי פילון אין אַלעקסאַנדריע של מיצריים, — טרינקען מיר קיין וואַסער נישט פון מיימאָנידעס־ברונעם, פאַרוואָס ווענדן מיר זיך נישט צו דעם דעסויער מענדלזאָן?... פאַרוואָס גייט מען נישט אין כאָר־שול אריין, פאַרוואָס זינגט מען נישט די לידער פון דער השכלה־צייט?

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

ווייל — און דאָס מוז מען איינמאָל פאַר אַלע מאָל מודה זיין, דאָס מוז איינמאָל פאַר אַלע מאָל קלאָר און אָפן געזאָגט ווערן, ווייל מיר זענען נאָר בליטן, העכסטנס אמאָל — פּרוכט.

בליטן און פרוכט — האָבן זייער צייט, זייער פרילינג און זייער זו־מער: גייט די צייט פאַרביי, פאַלט מען פון בוים...

דאָס קאָנסערוואַטיווע איז דער שטאַם, וואָס טרייבט צווייגן, בליטן

און בלעטער ארוים, ער איז עס, וואָס גיט די פּרוכט! ער איז דערווייל דאָס באַשטענדיקע, — דאָס אייביקע.

אומפּרוכטבאַר ווילן מיר נישט בלייבן; אונטערהאַקן דעם שטאַם איז זעלבסטפאַרניכטונג...

און באַווייזט זיך אַ י י ד י ש ע ר ו ו אַ ל ד און וואַקסן מיר — די ביימער אין אים... קומט פון צייט צו צייט די האַק...

ווייל די געשיכטע דעם וואַלד באַנייען, מוז זי פון דער וואַלד־שול פלאַנצן איבערטראָגן, גרוימער זעצן; פרייער און צעוואָרפענער פלאַנצן...

אָבער — פון וואַלד־שול קומען די ביימער! די וואַלד־שול איז די אָרטאָדאָקסיע, דאָרט וואַקסט מען ענג, אָן געניגנדן זאַפט פון דער ערד, נישט רייך אין לופט און ליכט פון דער הייך. רייסט נישט פון צייט צו צייט אוים, צום איבערזעצן; פלאַנצט נישט גרוימיק איבער, ווערט אַלץ פאַרקריפּלט און דערשטיקט, פאַרניכטן די וואַלד־שול איז זעלבסטמאָרד... געדענקט די האַק!

גלייכע, אידעאַלע ליניען עקזיסטירן אין בוך, אין דער מאַטעמאַטיק; דאָס לעבן קען נאָר געבראָכענע.

„יאָ" אָדער „ניין", אומבאַדינגט און באַשטימט ענטפערט מען אין קלייזל פון א י ב ע ר ט ר א כ ט ע ר און גאָ ר נ י ש ט א י ב ע ר ־ ל ע ב ע ר!

דאָס לעבן פאַרלאַנגט אַן ענטפער, אָפּהענגיק פון אָרט און צייט, און אין אָרט און צייט פאַרשידן און אָפט אקעגנגעזעצט.

כל־זמן עס איז קיין יידישע פרייע קולטור נישט באַשאַפן... כל־זמן באַפרייען זיך איז ענלעך צום אָפּטרייניק ווערן; וועט זיין: פאַרבונדן זיך מיט פרעמדע קולטורן, מיטן פרעמדן בוך, מיט דער פרעמדער שול —

וועלן מיר אויף יעדן אָרט און אין יעדן מאָמענט שטרייטן מיטן קאָנסערוואַטיזם, נישט וועלנדיק פאַרשטאַרט און פאַרטריקנט ווערן — און שטענדיק און איבעראַל אים דאַנקבאַר זיין פאַר זיין איינגעשפּאַרט־קייט ביים אָפּהיטן די יידישע ווערטן אינעם יידישן.

און מיר וועלן זאָגן און בעטן זיך:

—טרוקן איז אונדזער נשמה, גיב אונדז טוי פון דיין גלויבן...

— לעבעדיקצנדיק איז אונדזער צונג, דערפרישט זי מיט איין טראָפּן פון דיין געבענטשטן קידוש־בעכער!

— איינגעהילט אין מרה־שחורה זענען מיר, גיב אונדז א טראָפּן פון דיין שבת־ און יום־טוב־פרייד...

זאַץ און קעגנזאַץ — ביידע, באַזונדער גענומען, זענען נישט לעבנס־פּעיק...

לעבן איז קאַמף; לעבנספּעיק איז דער סינטעז...

און זאָל ער געזונט און שטאַרק זיין, מוזן געזונט און שטאַרק זיין, אי זאַץ, אי קעגנזאַץ!

און וויל זיך דאָס קאָנסערוואַטע שטאַרקן און בויען —

— יישר כוח!

מיר ווילן שטאַרק זיין און קעמפן מיט שטאַרקע!

כלל ופרט

די קאָנסערוואטיווע פאַרטיי עקזיסטירט נאָך נישט; זי וויל זיך ערשט באַשאַפן. דערווייל שוויבלט און גריבלט ביי אונדז מיט צעוואָרפענע פּראָווינציעלע, קליינשטעטלדיקע קאָנסערוואטיווע קליינע „יידישקייטלעך" פון „קלייזלעך" און „מינינים".

און יעדער „מינין" און יעדעס „קלייזל" האָט זיך אַרומגעקרייזט, אַרומגעגרענעצט; זי איז די אמתע, עכטע יידישקייט! וואָס אויס דער גרענעץ, איז נישט „עכט", נישט „גלאַט כשר"...

און יעדעס קלייזל און יעדער מינין האָט זיך, האלט אויף און שפּייזט זיין גלי־ווערעמל, זיין גדול־הדור, וואָס פירט דאָס קליינע וועלטל מיטן כוח פון א מאָנאָפּאָל אויף פּארטייטשן גאָטס וואָרט און קאָן זיין פּאר־טרעטער אויף דער זינדיקער ערד.

און אַלץ אזוי שפּלדיק־קליין, אַזוי ווערמיק...

באַקומט יעצט דער קאָנסערוואטיווער ייד א גרויסן חלום.

באַקומט ער פּלוצלינג דעם פּארלאנג: אַלע קליינע וואסערלעך זאָלן זיך צוזאַמענגיסן און ווערן א ים. פון אַלע מינינימלעך און קלייזלעך זאָל ווערן איין וועלט־פּארטיי. זאָגן מיר, די קעגנער פון קאָנסערוואטיוון געדאַנק: מה־טוב!

באַוווּנדערן מיר דעם קאָנסערוואטיוון ייד, וואָס איז מיטאמאָל אויפגעוואַקסן, הויך געוואָרן.

ווייל די גרויס און הייך פון מענטש און פּארטיי ווערט געמאָסטן מיט דער ווייטקייט פון זייער אונטערנעמען.

מיט דער לענג פון דער ליניע, וואָס פירט פון פּארלאנגען ביז אויספירן... ווייל חלומות זענען פּאָרגעפילן פון גרויסע אידעען... און גרויסע אידעען זוכן מיט מאכט זייער פּארקערפּערונג אין פאַקטן...

איז נאָר די פראַגע:

איז די אָרגאניזאציע מעגלעך און ווען?

ווען וועט זיך אויפן אָרט פון קליינע גלי־ווערעמלעך באווייזן אַ ווירקלעכער גדול־הדור, אַ מין ריש־גלותא, וואָס זאָל זיך שטעלן אין איר שפּיץ און פירן?

אָבער פון איין זאַך מוז מען וואָרענען פאָרויס...

זאָל די קאָנסערוואַטיווע פּאַרטיי, ווי גרויס זי זאָל נישט ווערן, קיינ־מאָל נישט פאַרגעסן, אַז זי איז נאָר אַ פּאַרטיי אין יידישן פאָלק, אַז זי איז נאָר אַ פּרט, נישט דער כּלל. דער זאַץ, נישט דער סינטעז, נאָר פּאַרטיי און נישט כּל־ישׂראל...

זאָל זי קענען כּלל־ישׂראל נישט זינדיקן, נישט מעסטן זיך און שטעלן זיך אויף זיין אָרט. זאָל זי נישט זאָגן: כּולו שלי...

דער מענטש באַשטייט פון גלידער, דאָס פאָלק פון פּאַרטייען, דאָס איז די פּאַרטיילונג און ספּעציאַליזירונג פון דער אַרבעט. ווי דעם מענטש, וואָס איין גליד פון זיינע גלידער וויל זיך אים נישט אונטערוואַרפן, וויל זיין אייגענעם ווילן האָבן, ציל ווערן, און אַלע אַנדערע באַהערשן; און ווי דעם פאָלק, ווען עס טוט עס איינע פון זיינע פּאַרטייען, דערשטיקנדיק די אַנדערע...

און ביי אונדז איז עס אַזוי לייכט!

נאַציאָנאַלע פאָרמען זענען אומעטום פאַרקערפּערט אין פּאָליטיש־עקאָנאָמישע אינסטיטוטן; אין לענדער און אין רעגירונגס־פאָרמען דאָס פראַנצויזישע פאָלק, דאָס דייטשע פאָלק, הערט מען, זעט מען, עס לאָזט זיך ממש אָנטאַפּן, — גלייבט מען דערין. פילן זיך אַלע פּאַרטייען אַלס אַ טייל פון פאָלק. האָט יעדע איינצלנע פּאַרטיי אַ גרענעץ פאַר איר פאַרלאַנג: די נאַציע!

קומט די נאַציע אין געפאַר, גיסן זיך אַלע פּאַרטייען צוזאַמען קעגן דעם אויסערלעכן פיינט; די געפאַר איז אַריבער, — צעפאַלן זיי צוריק, געראָטן אין שטרייט אַריין צווישן זיך, און עס ווערן נייע פראַנצויזישע אָדער דייטשע לעבנס־פאָרמען באַשאַפן...

אונדזער שכינה איז אין גלות; אונדזער פאָלק צעזייט און צע־שפּרייט. די גאַנצקייט איז געשפּאָלטן, איבערגעריסן און צעבראָקלט.

„יידישקייט" איז דערווייל נאָר געדאַנק, נאָר אידעע, — טראָפּנווייז זוערט זי זיך אַריין אין דער געצנדינערישער וועלט און זיגט לאַנגזאַם, זייער לאַנגזאַם, און ענדערט פרעמדע פאַרקערפּערונגען און אַליין ווערט זי נישט געזען, נישט געהערט, לאָזט זי זיך נישט אָנטאַפּן, — און מענטשן

זענען נאָך אַלץ געצנדינער, ווילן אפילו זייערע געטער הערן, זען און אָנ־טאַפּן... און גלייבן נאָר אין געדאַנקען, וואָס זענען שוין פאַרקערפּערט און טאַט געוואָרן, און פאַרלייקענען דעם שעפערישן געדאַנק, וווען ער קעמפּט פאַר זיין פאַרקערפּערונג...

ווערט דער יידישער נאַציאָנאַלער געדאַנק פאַרלייקנט.

גיט זיך דער אַסימילאַטאָר אונטער דעם פאָלק, וואָס זיין נאַציאָנאַלע אידעע האָט געפונען איר פאַרקערפּערונג...

און דער פּאָליטישער ציוניסט זוכט אַ היים פאַר די, „וואָס ווילן נישט, אָדער קאָנען זיך נישט אַסימילירן" —

דאָס, וואָס ווערט נישט געזען און אָנגעטאַפּט, לאָזט זיך שניידן...

ווי קאָן מען שטרייטן פאַר כּלל־ישׂראל?

און דאָס זעלבע טוט דער פּראָלעטאַריער.

דער דייטשער, פראַנצויזישער פּראָלעטאַריער פאַרלאַנגט דאָס, וואָס די דייטשע, פראַנצויזישע אינדוסטריע קאָן און וויל אים נישט געבן. די גרענעץ איז די נאַציאָנאַלע מעגלעכקייט; אונדזערער שפּרינגט גאַנץ אָפט אין הפקר אַריין...

און אין דעם באַשטייט אונדזער אַנאַרכיע.

דער פּרט שטעלט זיך אויפן אָרט פון נישט געזעענעם, נישט אָנגע־טאַפּטן כּלל...

דאָס גליד אין אָרגאַניזם וויל אים באַהערשן און ציל ווערן!

און וויל מען דעם כּלל־ישׂראל פאַרקערפּערן אין יידישע קאָנגרעסן, וואָס זאָלן אַרויספירן דעם סינטעז פון אַלע יידישע ליידן, האָפענונגען, אידעען און אינטערעסן, שטעלט זיך דער חכם פון קלויז און פרעגט:

— נאָך וואָס? צו וואָס? וואָס פאַר אַן אינטערעסן וועלן באַ־שטריטן ווערן?

איי אינטערעסן זענען פאַראַן גרויסע, די קעפּ אָבער זענען פאַר זיי צו קליין; די הערצער צו ענג...

זאָלן אָבער אונדזערע פּאַרטייען וואַקסן, ווערן יידישע וועלט־פּאַר־טייען, וועט זיך אויך זייער סינטעז געפינען און פאַרקערפּערן, וועלן מיר האָבן אַ ל ג ע מ יי נ ע י י ד י ש ע ק אָ נ ג ר ע ס ן. —

און דעמאָלט — וועט זיך יעדער פּרט אונטערוואַרפן דעם כּלל.

און אז מען קומט צוריק

און אז מען קומט צוריק, פאלט מען מיטאמאל אריין אין א ימים־נוראימדיקער שטימונג, אלץ אזוי ערב־ראשהשנהדיק, הימל און ערד, גאסן און הייזער, אלץ איז גרוי און נעפלדיק און פייכטלעך, ווי עפעס, וואס האלט זיך איין פון וויינען, און וועט דאך מוזן וויינען...

און אלץ ווערט אין דער שטימונג פארטרונקען: דאס וואונדער, פארוואס מען האט נאך נישט באשטעטיקט די וואלן אין דאזאר־שטוב אריין, און די שרעק פאר די וואלן צו דער דומע, און די זארג: סוף־כל־סוף וועמען קלויבט מען אויס? און וואס וועלן זיי זאגן? מען הייסט שוין ביי יידן קיין ביכער נישט קויפן, מארגן וועט מען אסרן לייוונט און טוך... איבערמארגן — מגע־ומשא... און די פופצן טויזנט פאגראם־עקזעמפליארן פון טשענסטאכאוו און די קליינע „געשלעגן" פון דא און דארט... אלץ, אפילו דאגת־פרנסה, ווערט דאך פארטרונקען אין דער שטימונג פון פארן יום־הדין. גאנץ אפט הערסטו אויף די נאלעווקעס א יידישן קרעכץ, וואס האט גאר קיין שייכות נישט צום שלעכטן סעזאן. גאנץ אפט שטויסטו דיך אן אין א פארטראכטן ייד אויף דער דזשיקע־גאס, און דו פילסט, אז דו האסט אים איבערגעהאקט א חשבון־הנפש, נישט קיין קלער וועגן א שטיל באנקראטל. אויף טווארדע פארקויפט מען סליחות און מחזורים, אויף דער פראנציסקאנער רייסט זיך פון צייט צו צייט א קול פון א שופר...

נעפלדיק, גרוילעך און פייכט. און אין זאקסישן גארטן שפאצירן ארום נישט פארנומענע האלבע און פערטל־אינטעליגענטן, ארבעטער אן ארבעט, מיידלעך אין דער נאדל־אליי, פאר, נאך און אינמיטן דער ארבעט. פנימער בלאסע, אנגעשטרענגטע, איינגעשפארטע, ליפן פארביסענע, אויגן מיט בליקן להכעיסדיקע, שפיציקע. פון צייט צו צייט רייסן זיך אויף א פאר ליפן און עס פליט ארויס א וויץ, א שטעכעדיקער, א בייזער. עס דערהערט זיך א ווערטל, וואס וויל עפעס נידעריק מאכן, פארשוועכן, באשפייען...

דאָס האַלט אַ געוויסער טייל פון אונדזער יוגנט מילחמה מיט דער ימים־נוראים־שטימונג, דאָס ווערט זיך אונדזער פריש־געבאַקענער בראַ־שורן־ראַדיקאַל קעגן ימים־נוראימדיקע געדאַנקען און געפילן...

נאָך וואָס? צו וואָס?

פאַראַן מענטשן פרייע.

פאַראַן מענטשן דענקנדיקע, זעלבסטשטענדיקע; מענטשן — מיט אייגענע געפילן און באַגריפן, מיט אייגענע בענקשאַפט, וואָס לאָזט נישט צורו; אויגן, וואָס שטעכן דורך די דיקסטע נעפּלען פון דער צייט; אויערן, וואָס הערן קלאַנגען פון די ווייטסטע וועלטן... די קאָנען בציבור נישט דאַווענען, און נישט צו דער צייט. די קאָנען מיטן עולם נישט גיין... דאָס זענען די אייביקע זוכער פון נייע וועגן, די אייביקע ברעכער פון נייע באַ־נען. די נייען קיינמאָל נישט מיטן טראַקט... געפערלעך איז זייער וועג; פירט צווישן שלוכטן; איבער בערג־שפּיצן, איבער פעלדזן־שפּאַלטן און אָפּגרונטן. זיי שטייגן איבער דער גרענעץ, וווּ ווייץ וואַקסט און קאָרן, איבער דער גרענעץ פון טויבן־נעסטן און פייגל־געזאַנג... געפערלעך איז זייער וועג, וועלכן זיי גייען איבער אַליין פאַר זיך, אויפן אייגענעם חשבון און פאַראַנטוואָרטלעכקייט...

פאַראַן מענטשן — נאַקעטע נשמות... נשמות, וואָס לײַדן קיין פאָר־מען, קיין צייכן, קיין סימבאָלן און זענען אַליין אינהאַלט, די כוונה אַליין. זיי עטעמען מיט גייסט און לעבן אינעם גייסט — זיי דאַרפן נישט קיין נוסח און קיין מחזור. זייער לעבן אַליין איז שוין געדאַנק און געבעט...

און פאַראַן מענטשן מיט ווילן, זייער ליפּ האָט אַ מלאך מיט אַ ברע־נענדיקער קויל פון מיזבח באַרירט; די נשמה מיט גאָטס ליבע און מיט גאָטס צאָרן אָנגעצונדן, און פון צייט צו צייט גייען זיי אַזוינע לעבעדיקע פלאַקערן אַרום איבער דער וועלט און וועלט און שאַפן... אַלץ, די וועלט און דער מענטש, איז פאַר זיי דאָס, וואָס דאָס שטיק ליים פאַרן קינסטלער — נייע פאָרמען מוזן ווערן באַשאַפן, אַ לטע מוזן אָפּטרעטן, דאָס ליים — איבערגעקנאָטן ווערן...

זייט איר דאָס?

ניין...

איר זייט נישט איבערן רעליגיעזן געדאַנק, נאָר אונטער אים... איר זייט קיין איבערצייגטע אפּיקורסים נישט; איר גלייבט אין אפּיקורסות. איר האָט קיין העכערע וועלט־אָנשוירונג נישט געפונען, איר האָט צע־

שטערט אין זיך דאָס איידעלע און שיינע און ווילט עס נאָך אויסוואַרצ־
לען, נישט האָבנדיק קיין בעסערן זאָמען צו פאַרזייער...

ווייסט ווילט איר ווערן...

— —

פאָלגט מיך, ווערט אייך נישט קעגן ימים־נוראימדיקע שטימונגען...
די אידעע, אז עס איז פאַראַן עפּעס העכערס, פאַר וועלכן א מענטש דאַרף
זיך אמאָל אָפּשטעלן, אויף די קני פאַלן און זאָגן: איך האָב געזינדיקט,
און וועל נישט מער; איך נעם דעם וועג, שטייגנדיק צו דיר... די אידעע
איז נישט קאָנסערוואַטיוו, נישט קעגן פּראָגרעס און נישט קעגן דעם אלעם,
צו וועלכן איר שטרעבט!

פאַרן רעליגיעזן געדאַנק דאַרפן גאַנץ אנדערע ציטערן, פאַרן אי־
בערמענטשלעכן געפיל — גאַנץ אנדערע.

איר האָט, פּער טעות, די ראָלן פאַרטוישט...

גייט דאַווענען!

ווערט אייך נישט קעגן הארציקע טרערן... זאָמלט זיי ווער אָדער
נישט — איר וועט דערהויבן ווערן!

נייגט צו אייער אויער צו די „סיני־נגונים", זיי זענען אזוי מענטש־
לעך, הארציק און ריין.

אָרעם?

אָרעם איז דאָס פאָלק, נישט די שיל. אָרעם איז דאָס פאָלק, נישט
זיינע רעליגיעזע געדאַנקען; אין קעניגלעכע קרוינען געפינט איר אזעלכע
בריליאַנטן נישט. די פּערל פאַרמאָגט נישט דער ים...

אָרעמקייט איז נישט קיין שאַנד.

און זייט איר נאָך אָרעמער און האָט קיין אָרט נישט אין שיל, און
קאָנט אפילו פאַר אן אָרט אין א מנין נישט באַצאָלן, און איר גייט אין
פּאַרק, צי אין די „לאַזשענקעס" אריין, גייט! נאָר נעמט א תנכ"ל, נעמט
מיט א סידורל. קוקט אריין, בלעטערט דאָס תנכל דורך, און זעט: צי איז
דאָ ערגעץ א געבאָט, איר זאָלט הונגערן? צי האָט גאָט ערגעץ אָנגעזאָגט,
א מענטש זאָל פרירן פאַר קעלט? און קומט צום נביא צו און הערט זיינע
רייד: צי שטימען זיי נישט מיט אייערע געוואַלדיקסטע האָפענונגען,
ברייטסטע און וויטסטע חלומות? און דאָס סידורל עפנט, צי בעט עס
נישט אייער געבעט?

פריי ווילט איר זיין?

איז אָנגעוואָרפענע אפּיקורסות נישט קיין צוואַנג? נישט קיין יאָך,
גלייך מיט אָנגעוואָרפענער פרומקייט?

נאָך שמחת תורה

האָבן מיר, הייסט עס, זיך מיט דער תורה געפֿרייט?
ישראל ואורייתא!

אַן אַלט פֿאָרפֿאָלק און פֿול „חסד נעורים״! נישט גענומען, חס־ושלום! קיין אַלמנה, קיין גרושה; ביי קיינעם קיין ווייב נישט אָפּגערעדט.

און אַ מיוחסת דערצו.

מען דערציילט, אַז נאָך איידער די וועלט איז באַשאַפֿן געוואָרן, האָט זי כביכול ביי זיך אויף דער שוים געהאַלטן, געשפּילט זיך מיט איר, און שפּילנדיק, זאָגט מען, איר צוליב די וועלט באַשאַפֿן, להראות להעמים והשרים את יפיה. אמת, היינט, נעבעך אַ יורדת, גאָר, גאָר שפּלדיק. גלייבט מען דאָך אָבער, אַז איר צייט וועט קומען צוריק, אַז אויף איר גאַס וועט אַ יום־טוב ווערן, אַז זי וועט צוריק באַקומען די לייצן אין דער האַנט אַריין און כתר־תורה וועט געהויבן ווערן איבער כתרי־מלכים...

וואַרט מען...

און וואַרטנדיק, איז דאָס לעבן אַ גאַנץ גייענדיק יאָר נישט ווי אונטער דער זון!

וואָרים אַ גרויסן חיסרון האָט זי, די בת־מלכה. נאָך שפּלדיק און מישט זיך אומעטום אַריין. ווייל אין אַלעם אַ דעה האָבן, אַפֿילו אין מאָס און וואָג!

און זי זאָל עס האָבן דעם מינדסטן באַגריף פֿון משא־ומתן, פֿרעגט זי בחרם, וואָס אַ וועקסעלע איז, וואָס פּרנסה איז טייטש!

פֿאָלג זי, און דו האָסט דריי קישנס, זאָלסטו שלאָפֿן אויף איין קישן און דיין משרת אויף צוויי!

פֿאַרשטייט איר דאָך, וואָס פֿאַר אַ דרך־ארץ עס וואָלט געווען!

מילא, קריגט מען זיך.

אַפֿילו אַ חרפּה פֿאַר לייט; וואָס זאָל מען אָבער טאָן? לעבן לאָזט זי נישט!

קומט דאָך אָבער אויף אַלעם א צייט; אויף שלום אויך.

יום־כיפּור געווען!

ערב יום־כיפּור זיך מיט אַלע איבערגעבעטן; מיטן תורהלע אויך!

פון יום־כיפּור ביז הושענה־רבה פּאַסט זיך נישט צו קריגן... איז שימחת־תורה: הו־האָ! אמת זיך געפרייט מיטן תורהלע! און דעם אמת זאָגנדיק, דאָס יום־טובדיקע, דאָס שימחת־תורהדיקע תורהלע, אין יום־טובדיקן מאַנטעלע געהילט, מיט דעם גאַרטעלע אַרומגעוויקלט, מיט דער זילבער־ברעסט באַהאָנגען, מיט כתר מיט גלעקעלעך באַקרוינט, — איז טאַקע א שיינקייט — א מלכות מיט חסד! גלוסט זיך טאַקע צו כאַפּן מיטן מלכות א טענצעלע.

אין חסידים־שטיבלעך האָט מען סופיטן איינגעבראָכן...

און נישט נאָר חסידים אַליין!

פון דער ראַדיקאַלער יוגנט זענען מאַנכע געקומען! דערפילט עפּעס א פוסטקייט, דערפילט זיך עפּעס אַזוי פאַרלאָזט, אַזוי פון אַלעם פאַר־געסן, אַזוי איינגעטונקט אין גרויקייט, איינגעווייקט אין עצבות, אַז — חרפּה אָן א זייט! מען איז געלאָפן זוכן יום־טוב־שטימונג ביי די געוער, שימחה — ביי בעלדזער, און דעם אמתן ברען — ביי זוואָלינער... פאַר־איאָרן האָט מען אין די שטיבלעך ביי די געסט קעלנער געריסן, ציצית געזוכט און מן־הסתם נישט געפונען און געהייסן קושן די מזוזה פון יענער זייט טיר. דאָס יאָר — אהבה, אחווה, שלום ורעות...

געוווּנדערט זיך אביסל, געקוקט מיט חשד: אפשר אויסשפּירן גע־קומען? חוזק מאַכן?

ניין! נישט די צייטן פון חוזק! פאַרבענקטע, בלאַסע פּנימער שפּעטן נישט!

און —

„האַנט אויפן אַקסל" צוזאַמען — א טענצל געכאַפּט, עפּל געגעסן, אביסל משקה גענומען... —

— —

און דער עיקר שינוי פון א גאַנץ יאָר איז געווען דאָס ביסל משקה!

וואָרום, גלאַטע, טרוקענע שימחות אויף כל־ישראל האָבן א גאַנץ קוילעכדיק יאָר נישט געפעלט.

קיין ישועות ונחמות פון דרויסן נישט געווען! ניין!

אדרבא, דאָס תוכחה־פעסל האָט, דאַכט זיך, דעם שפּונט פאַרלוירן

און עס האָט געדונגען און עס האָט זיך געשיט, אָבער צו דעם איז מען געוווינט...

געוועזן פאַר דאָס היימישע שימחות! וואָס זיין ליבער נאָמען גיט אַ טאָג! עמעצער פון אונדז, אחוץ צרות הכלל, — עמעצער פון אונדז — אַ פּרט, גייט אין גאַס, גליטשט זיך אויס, שטרויכלט, פאַלט — פאַרשטייט זיך: לאַכט מען! כל־ישראל האַלט זיך ביי די זייטן, אויסער, נאַטירלעך, דעם געפאַלענעם!

אָט האָט זיך אויסגעקערט דאָס טעפּל מיט דער רויטער פאַרב, פאַר וועלכן אָקסן ציטערן און פאַלן אין שיגעון. אַ שימחה! פּטור געוואָרן אַ חמץ! די „שקצים", ווען זייער צייט איז געוועזן, האָבן דאָך דעם בעלעמער פאַרכאַפּט! אַלטע יידן מיט ווייסע בערד מיט בייטשלעך אין שילן און בתי־מדרשים אַריינגעטריבן, צו הערן זייערע דרשות!

געהאָלפן האָט דער „בעור־חמץ" נישט! כשר זענען מיר אין פרעמדע אויגן נישט געוואָרן, אָבער אַ נקמה דערלעבט האָבן מיר. געפרייט האָט מען זיך. מען פרייט זיך נאָך!

דערנאָך האָבן די ציוניסטן געכאַפּט אַ שטיקל מפּלה. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אין די קאָלאָניעס אין ארץ־ישראל אַרבעטן אַראַבער און אַ דלות! די קאָלאָניאַל־ מיט דער נאַציאָנאַל־באַנק צוזאַמען האָבן עד־היום ווייניקער געלט און אַ קלענערן פּאָרטפעל פאַרן מינדסטן פון די גרעסטע באַנקירן! און דעם פּאַשאַ פון ירושלים, וואָס האָט אין זיין גענאָד לייטזעליק צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ צום ציוניזם, האָט מען שיר־נישט אַרויסגעטריבן, — אַ ליבער שמייכל האָט זיך עס צעגאָסן איבער כל־ישראל, נאַטירלעך אויסער ציוניסטן...

דערנאָך האָט זיך געפרייט כל־ישראל, אויסער חובבי שפת עבר. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אין פּאַלעסטינע רעדן יידן אַראַביש, און בכל תפוצות ישראל די חובבי שפת עבר — טערקיש!

דערנאָך אַ נקמה אין רעדאַקטאָרן און שרייבער — יידישיסטן! מען איז געוואָר געוואָרן, אַז זייערע אייגענע קינדער קענען קיין יידיש נישט; רעדן און לעזן נאָר פּויליש, ממש ווי אין די גרעסטע חסידישע הייזער.

און שפּעטער די מפּלה פון קאַטאָוויץ!

געמאַכט אַ בורא!1) זיי וועלן געפינען אין קוילן־גרובן אַרבעט פאַר

1) הורא.

יידן אין ליבצודעקלעך. אַ בוידעם! ביי דער ערשטער פּרווו אַריינגעפֿאַלן! און כּל־ישׂראל, אויסער די „משומדים" האָבן געקאַכט!

און היינט די מפּלה פֿון די וואַרשעווער אַסימילאַטאָרן?

נאַטירלעך, נישט פֿון אונדזערע הענט. מיר שיסן מיט שטרוי! אָבער, ווי עס איז, אַ נקמה דערלעבט!

אָט ערשט נעכטן, דאַכט זיך, האָט גאַנץ וואַרשע געקלונגען מיט ליטוואַקעס. דאָס האַלב־ און גאַנץ־אַסימילירטע פּוילישע יידיש האָט זיך געפּאַטשט אין בייכל אַריין: נישט מיר מיינט מען! דעם שעיר־לעזאזל — „די געגנשאַ־גאַס!"... נו, אדרבא, נעמט און צינדט אָן אַ לאָמטער און גייט און זוכט היינט אין דער פּוילישער פּרעסע אַ ליטוואַק אויף אַ רפֿואה! נישטאָ!

כּל־ישׂראל אין איין זאַק אַריינגעוואָרפֿן!

און כאַפּט דמאָווסקי דעם זאַק אויף די פּלייצעס און אַ טראָג צו דער ווייסל...

צי ער כאַפּט, אָדער ער מאַכט זיך נאָר כאַפּנדיק; און אויב ער מיינט מיט אַן אמת, צי ער האָט גענוג ברייטע פּלייצעס און וועט דער־טראָגן, צי וועט די וואַסער־פּאָליציי לאָזן פֿאַראומריייניקן די ווייסל, — נישט פֿון דעם רעדן מיר אַצינד!

מיר רעדן פֿון שׂימחות, און שׂימחות זענען געווען...

גאָטס גענאָד איז גרויס!

שטיינער פֿון הימל זענען געפֿאַלן, אָבער נישט מיטאַמאָל אויף אַלע איברים, קיין סקילה איז נישט געווען, — האָט מען זיך טאַקע געפֿרייט: אַלע איברים, אויסער דעם, וואָס האָט באַקומען.

און דערביי — אַ גלייכווערטל!

עס האָט באַקומען אַ האַנט —

—אַ מיצווה! דאָס אַנדערע מאָל כאַפּ נישט!

אַ פֿוס!

— לויף נישט! פֿון אייַלעניש קומט קיין גוטס נישט אַרויס!

אַן אַרויסגעשטעקטע צונג:

— רעד נישט! אַ צונג דאַרף זיין פֿאַרביסן! ליגן בין המצרים, צווישן די ציין!

אַן אויג —

— כּשר פֿאַרדינט! קוק נישט, וווּ מען דאַרף נישט...

דער קאָפּ —

— זעסט? ס'אנדערע מאָל טראַכט נישט! פאר הוריות שטראָפט מען!

דאָס הארץ —

— א מיצווה! קלאַפּ נישט! זיי קיין נאר נישט, שלאָג קיין „טרע־וואָגע״ נישט!

אָבער, — ווי געזאָגט, — קיין סקילה נישט...

אין סך־הכל האָט אפילו מיט דער צייט באקומען דער גאנצער גוף:

אַלע איברים — צעקיילט, צעביילט, געניזוקט געוואָרן כל־ישראל —

אָבער וועמען גייט אָן כל־ישראל?

וואָס פאר א כל־ישראל?

א בילבול!

„כל־ישראל״ האָבן אויסגעטראכט אנטיסעמיטן...

*   *

*

עס דאכט זיך אויף זיכער, אז דער נעפל, וואָס האָט איינגעהילט די פּויליש־יידישע באַציונגען, האָט זיך אָפּגעצויגן, און אַלץ איז קלאָר געוואָרן, ווי דער טאָג, און בולט.

טויבע הערן שוין, בלינדע זעען באַשיימפּערלעך.

יאַגעלאָ, וואָס האָט אַ צייט לאַנג אַרומגעטאַנצט אויפן טיש, מיט דמאָווסקיס הענט אויף אַ שנירל געצויגן, איז אַראָפּ פון טיש.

מען דאַרף שוין קיין תירוצים נישט.

אָפּגעטאָן די בושה פאַר אייראָפּע.

אייראָפּע איז פאַרנומען מיט דער טערקישער סעודה, האָט קיין צייט נישט זיך אומצוקוקן... די דייטשע האַנדלס־ און אינדוסטריע־וועלט דראָט אָפּצוציען פּוילן דעם קרעדיט; דייטשלאַנד באָיקאָטירט מען דאָ אויך! און ליידן וועלן מער די נאַלעווקעס מיט דער דזשיקע־גאַס, דער טורעם, וואָס דער ליטווישער דור־הפלגה בויט; זאָגט דער פּוילישער שימשון — דמאָווסקי עט קאָמפּאַניע — תמות נפשי עם פּלישתים. זאָל צוריק אויפשטיין אַלט און ריין פּוילן, אָן נאַלעווקעס, אָן דזשיקע־גאַס, און טאָמאַשאָוו, לאָדזש און זגערזש, נאָר מיט — הוזאַרן!

און אין חלום זעען זיי שוין די הוזאַרן־פליגל פליען קעגן פליגל פון איינזאַמע ווינט־מילן, און טראָגן זיך איבערן אַלט־פּוילישן, שטימונגס־פּוילן „קראַמאַ אָבראַז"... זאַמדיקע האָבער־פעלדער פון היים־געליבטן פּויערל...

הוזאַרן!

און די לופט פון דער „בעסערער" פּרעסע איז ריין געוואָרן פון שאַלן, פון טראָמפּייטערן, פון העצערייען:

— „נישט לאָזן פאַריידישן פּוילן!" „נישט לאָזן די ליטוואַקעס פאַר־

פלייצן די שטעט!״ „פוילן פאר פּאָלאַקן!״ מען דאַרף שוין נישט וועקן; די חיה איז געוועקט!

דעם גולם אין דער טשאַמאַרקע האָט מען שוין איינגערוימט דעם נאַציאָנאַלן שם, ער איז שוין אַרוים אין גאַס אַריין, טרייבט דעם קרעמער פון מאַרשאַלקאָווסקע, די עפּל־ און הערינג־יידענע פון באַזאַר...

מען האָט אונטערגעצונדן, עס ברענט שוין אַליין; מען האָט גע־הויבן דאָס ברעט, דאָס וואַסער האָט זיך אַריינגעריסן און עס רייסט ווייטער...

אַדרעסן געבן?

דערויף איז געניג דער „דזשיען״ צי „דוואַ גראָשע״..

פּילאַטוס מעג זיך שוין וואַשן די הענט...

דער „ערגסטער״ פּאָליטיקער, דער שווערער ליטעראַטיקל־שרייבער איז שוין פריי פון מיצוות העצן: ער מעג זיך שוין צוריקנעמען צו זיין אַרבעט — מיט דער שער צו דער אויסלענדישער פּרעסע! און — נאָך דער „שווערער״, „עכט פּוילישער״ קולטורעלער שער־אַרבעט, גיין אין אַ יידן־ריינער קריסטאַל־קנייפּע און דערקאָפּן די נשמה מיט שוסטאָווס קאָ־ניאַק; אויך אַ נאַציאָנאַלע מיצווה...

דער באָיקאָט אַליין איז אויך נאָר אַ מ י צ ו ו ה, אויך אַ נ אַ־צ י אָ נ אַ ל ע — ווער איז נישט קעגן אונדז?

אַ קליין ביסל א ו י ב ן אין דער ה י י ך, אַ גרעסער ביסל א ו נ ט ן...

אויבן דער פּוילישער מאַגנאַט, וואָס האָט זיינע גיטער און שלעסער א ו י ס ע ר דער שטאָט אינעם פ ר י י ע ן יידן־פרייען! און זיינע קאַפּיטאַלן אין דער ענגלישער באַנק!

מאָשקע, כל־זמן דער מאַגנאַט קומט נישט אין שטאָט אַריין בויען האָטעלן און איינקונפט־הייזער, מאָשקע קאָן אים נאָר באַדינען; אויס־הערן זיינע באַפעלן צום דערפּילן אין פעדער־הויז, פּיליכט אין דרויסן פאַרן גאַניק — מאָשקע קאָן און וועט מיט אים נישט ק אָ נ ק ו ר י ר ן... און געזעלשאַפטלעך נישט לעסטיק ווערן...

מוז מען אים אַמאָל, צוליב אַ דעליקאַטן געשעפט, וואָס ליידט נישט קיין פרעמדע אויגן, אַריינרופן, אָבער דאָס וועטער איז שלעכט, מאָשקע — געפּרווירן, און די עכט־פּוילישע גאַסטפריינטלעכקייט, אָדער די קריסט־לעכע מענטשן־ליבע פאַרלאַנגען מען זאָל אים געבן אַ גלאָז טיי, — שטייט

ביי יעדן פריץ אין קיך־בופעט גרייט דערויף אן עקסטרע גלאז, מיט אן עקסטרע „ספאדעקל" און אן עקסטרע לעפעלע... דער לאקיי ווייסט דער־פון... פריציש־טראדיציאנעל! ווער נאך פון דער הייך?

דאס ביסל גרויס־קאפיטאל, וואס האט, ווי מען זאגט, קיין פאטער־לאנד נישט, נאר אדער היימישע אדער פרעמדע מערק — דאס זענען עט־לעכע געמישטע פויליש־יידישע קאפיטאלן, אין די הענט פון עטלעכע פויליש־יידישע פאמיליעס — די עכטע „אסימילאציע."

אונטן?

דאס הייפל באוווסטזיניקע ארבעטער, וואס גייט צום קלאסן־קאמף און וויל זיך נישט פארדרייען דעם קאפ מיט נאציאנאלע פראגן, זיין כפרה — ד ע ר קרעמער, י ע נ ע ר קרעמער, וועט זיך צוליב דעם מחלוקת צווישן ביידע פ ו ק ס ן, נישט אפזאגן פון דער י י ד י ש ע ר הילף אינעם קאמף...

ווער נאך?

נאך א שפאר ביסל א ו מ ב א ו ו ו ס ט ז י נ י ק ע ארבעטער, די, וואס שטייען אונטער יעדער פאליטיק, נאציאנאלע, ווי קלאסישע, און אין זייער קלויסטער פרעדיקט נישט דער גלח קיין האס, און דראט נישט מיט קיין חרמות און נישט מוחל זיין די זינד פאר נישט באיקאטירן. זע־נען זיי צופרידן מיט מאשקע דעם קליין־קרעמער, וואס פארקויפט ביליקע קליידער (די צייטן, ווען „יאנוש" פלעגט אליין נייען פאר אים, פאר זיך און פאר די קינדער, זענען פארביי; יאנוש איז אויך אין פאבריק, די קינדער אויך! אדער נרייטן זיך דערצו) און ביליק עסנווארג און — ק ר ע ד י ט...

די גאנצע מ י ט, מיט אירע גייסטיקע משרתים, לויב־זינגער, קול־טור־קרעמער און דיכטער — דער גאנצער מיטלשטאנד איז קעגן אונדז געווים, דער גאנצער מיטלשטאנד איז נישט די צ ו ק ו נ פ ט; דאס זעט א בלינדער. אבער „איידער א פעטער ווערט מאגער, גייט דער מא־גערער קאפוט!"

און דער מיטלשטאנד, וואס פלעגט זיך, צוליב פאריז און ווין, פו־דערן ל י ב ע ר א ל... ביי די לעצטע וואלן איז אביסל ווינט נעווארן, דער פודער איז אראפ!...

איז פון יענער זייט אלץ קלאר געווארן, ווי דער טאג, איך מיין: שווארץ ווי די נאכט! די פאליטיק, וואס פלעגט אפן געפירט ווערן נאר

אין גאַליציאַנער בעדער מיט עקסטרע הילצערנע וואַנעס און שפּאַציר־גענג — עקסטרע שטונדן ביים ארצט און די שמוציקסטע ברוטאַלסטע יידן־העצע — די גאַליציאַנער בערד־פּאָליטיק צעשפּרייט איצט פראנק און פריי אירע פליגל איבער שטעט און שטעטלעך...

דאָרט איז אַלץ קלאָר, אַלע הענט פּארנומען מיט פרייער „ארבעט".

און ביי אונדז?

וואָס ט ו ע ן מיר? וואָס טראַכטן מ י ר?

די אַסימילאַציע, דער נאַציאָנאַליסט, דער ראַדיקאַל?

* *

*

„נעם א פידל, גרימפל ארום שטאָט, פאַרגעסענע — —"

איך וויל נישט ארויסזאָגן. איך וויל נישט פאָנאָגראַפירן די צייטונג; איך בין קיין נביא נישט!

— „שפּיל גוט, זינג פיין, מען זאָל דיך דערמאָנען!"

ניין, די אַלטע, פאַרגעסענע קאַקעטע — די זינדיקע אַסימילאַציע, נעמט קיין פידל נישט, זינגט נישט אין די גאַסן, נישט אַזוי ערנאָך וויל זי זיך דערמאָנען...

גוט און פרום ווערן וויל זי אויף דער עלטער... אין טרערן צעגיסט זי זיך. „יזכור" זאָגט זי און רעכנט אוים אירע קדושים, וואָס זענען אומגעקומען על קידוש־השם, פון גוישן שם... און „על־חטא קלאַפּט זי זיך אין אַלטן האַרץ אריין...

תשובה וויל זי טון...

געזינדיקט. זי האָט נאָר „קולטור־ארבעט" געפירט... צווישן דער „טשעמנע מאַסע" נאָר דעם פּוילישן א"ב פאַרשפּרייט... נישט קיין הויז־ארבעט...

נישט אָפּגעריייניקט דאָס פעלד פון קרעמער, פון דער אָרעמער זיצערן...

אַצינד וועט אַנדערש זיין! ווילסט, פריץ־לעב, פאַרפּוילישן די שטעט... מיר האָבן אַנדערש גערעכנט, אַנדערש געמיינט, אָבער דו ווילסט! הייליק איז דיין ווילן! מיר וועלן אָפּטרעטן און פאַרשפּרייטן הויז־ארבעט!

פאַרעדט האָט זיך די אַלטע!

זי האָט פאַרגעסן, אַז דאָס איז זעלבסט־פאַרלייקענען, איר טויט, איר זעלבסטמאָרד, אַז דאָס איז — הימל, שפּאַלט דיך! — סעפּאַראַטיזם! סע־פּאַ־ראַ־טיזם!

וואָס טייטש ארבעטן באַזונדער?

וואָלט, פיליכט גוט געווען... איז אָבער די אַלטע נישט ארבעטס־

פעיק... צופיל מענער געהאט (איז דאָך פּויליש נישט דער ערשטער בײַ־שלאָף) און אַן עקרה געבליבן! קיין גאָט וועט איר די טראַכט נישט עפענען!

די צייט פון ארבעטן איבערן פאָלק, פון דער הייך, די צייטן פון „טשענסטענעווער" צדקות — זאָל זען דער גוי! — און טשענסטענעווער באַנקראָטן... די צייטן פון ווארפן דער „טשעמנע מאַסע" מטבעות פון פענצטער ארויס אין מיסט אַריין — זאָלן זיך די ווערעם צוזאמענשלאָגן מיט די קעפּ און כאַפּן! — די צייטן זענען איינמאָל פאר אלע מאָל פאַר־ביי. אַרבעטן מוז דאָס פאָלק מיט דער פאָלקס־מאסע צוזאמען, הערן, וואָס נישט זעלטן אויפקלערן... מיטן פּנים צו דמאָווסקי עט קאָמפּאַני, און זי וויל, וואָס איר פארלאַנג און איר ד י נ ע ן. אמאָל — אַן עצה געבן, מיטן רוקן צום פאָלק, לאָזט זיך נישט ארבעטן...

די אַלטע פּ ל א פּ ל ט.

זי רעדט אין איר טרויעריקער איינזאַמקייט פון וועג.

הויז־אַרבעט — און וואָס וועט זיין, אַז דמאָווסקי עט קאָמפּאַני וועט דאָס אויך נישט דערלויבן? אַז דער „דזשיען" און די „דווא גראָשע" וועלן זאָגן:

— אונדזער הויז — אונדזער הויז־ארבעט! אַז עס וועלן קומען נייע פּריצים פון דאָרף און שטאָט אַריין נאָך ברויט און פרישע פּויערן, וואָס עס וועט זיי נאָך ערגער ווערן אין דאָרף, און ליפּאַצעוויטש וועט זיך שטעלן אין דער שפּיץ פון דער נייער „היישעריק"־ארמיי און רופן:

— אַ ווארשטאַט נאָך אַ ווארשטאַט! קערעמיק? עס איז א ו נ ד ז ע ר ליים פון אונדזער הייליקער ערד! קוישן פלעכטן? אונדזערע וועלדער, פּוילישע ביימער — דאָס אַלץ ווארט אויף אונדזערע הענט... אויף אונדזער פעלד וואקסט דער פלאַקס, אין אונדזער ווערקשטעל מוז ער ווערן איבערגעארבעט. מיר רופן דעם פּויער צום באַיקאָט!

וואָס וועט זיין דאַן?

דער טאָג מוז דאָך קומען!

ווייטער אָפּטרעטן וועט די אלטע. נייע טרערן פון די אַלטע אונטער־געפּאַרבטע אויגן גיסן, א נייעם „יזכור" זאָגן. צו די אַלטע קדושים נייע צוגעבן. נייע, פון פרישערע קברים אויפן פּאַוואָנזעק, און וועט גיין אָר־גאַניזירן, וועמען? דעם יידישן לומפּן־פּראָלעטאַריאַט!

און אפשר וועט די אַלטע א גוסס טון און — ניפטר ווערן.

און פאר פּטירה, ווען דאָס אויג איז פארקוקט צום הימל, דאָס

הארץ ווערט ווייך, א צוואה שרייבן, איבערלאָזן א גרויס קאפיטאל אויף עולמות...

פאר דעם פראָצענט זאָל מען די וואנדרער, וואָס ווען אוועק פון די ווייסל־ברעגן איבער ימים צו די הרי־חושך, — לאָז מען די אָרעמע וואנדרער שטיוול קויפן! און א טאָרבע מיט א שטיקל ברויט געבן... אָבער נאָר — איבער ימים...

נישט איבער דער יבשה! זאָל אים אויפן וועג נישט ציען צו דער אמאָליקער היים...

וואָלט איך דעמאָלט נאָך געלעבט, וואָלט איך אויף איר קבר א דרשה געהאלטן און מיט דער האנט צום הימל געצויגן, איר צדקה דער־מאנט, און אין גראמען דערנאָך א מצבה געשריבן, אויף א שטיין, אויף א גרויסן, שווערן שטיין —

תנצב"ה...

אַלטוואַרג און אַלטערטימלעכקייטן

וואוהין שיקן? וואַרשע, ווילנע, פּעטערבורג?

סיי־ווי־סיי:

— אַלטוואַרג!

אונדזער לעבנס־ליניע ברעכט זיך איבער. איין עפּאָכע מיט איר גלויבן און אירע האָפענונגען און חלומות איז אוועק, א נייע, נאָך אָן גלויבן, מיט קוים, קוים אָנגעצייכנטע נעפּלדיקע האָפענונגען און צע־מישטע, צעקנוידערטע שאָטן־חלומות, קומט אָן...

זאָל דאָס פאַרגאַנגענעם נישט פאַרגעסן ווערן...

זאַמלט אַלטוואַרג, אַלטערטימלעכקייטן פאַרן מוזעום. וואַרשע האָט, ווילנע גייט עפענען, פּעטערבורג זאַמלט געלט אויף אַ מוזעום צו עפענען...

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

דער אויפרוף פון געוויינלעכן אַלטוואַרג, פון דעם, וואָס האָט נאָך א ווערט אין מאַרק און נאָך קיין ווערט נישט פאַר אַ מוזעום, פאַלט.

וויניקסטנס ביי אונדז:

מיט בעזימער באַוואָפנט, שטייען די טויערן־היטער פאַר די טויערן אין די בעסערע גאַסן, און לאָזן קיין יידל, מיט א זעקל איבער די מאָגערע אַקסל געוואָרפן, נישט איבער דער שוועל.

— באַיקאָט, האַרציק זשידיקל, באָיקאָט! נישט גערדאַרפט זיך אָנ־רעדן און לאָזן אַראָפּ פון גליכן וועג... מיך אַרט עס נישט, דער באַלעבאָס צירנט!...

פאַר דאָס, דער אינערלעכער פ א ר ק ו י ף פון אלטוואַרג שטייט פון טאָג צו טאָג...

עס „ליקווידירן" אַזויערנאָך די „געשעפטן" די, וואָס מוזן צוריק אין תחום; מען פאַרקויפט, וואָס מען קאָן, פון ש ט ו ב, פון זיך אַראָפּ, דאָס גאַנצע אַלטוואַרג...

און די, וואָס מען טרייבט פון דאָרף...

וואָס מוזן פון וואַלד און פעלד, פון אונטערן פרייען הימל צוריק אין שטאָט אריין, מיט א שמאָלן הימל־פּאַס, וואָס איבער אייזערנע דע־כער, און א געלער, געלער לבנה איבער עלעקטרישע לאָמפּן...

און די באַיקאַטירטע... די קרבנות, וואָס ווערן גאַנץ און גאָר פאַר־ברענט אויפן מיזבח פון דמאָווסקים פּאַטריאָטיזם... און די קרבנות פון דער שלעכטער צייט, פון קריג, נישט־גערעטעניש, און וואָס איר ווילט...

און צוזאַמען מיטן געוויינלעכן אַלטוואַרג גייען אין קויף און פאַרקויף אויך די אַלטערטימלעכקייטן...

די לעצטע פאַרשאַכערט נישט!

צווישן די לעצטע געפינען זיך „זאַכן", וואָס האָבן קיין ווערט נישט אין מאַרק און זענען „אוצרות" פאַר א מוזעום. די זאַכן זוכט אויף!

זייט נישט פויל, זוכט אין אַלע פאַרוואָרפענע ווינקעלעך...

אויף די אויוונס, — איר האָט געקאָנט אַמאָל ארויפוואַרפן א רעדל פון אן אַלט חנוכה־לעמפּל...

אויף די בוידעמס, אין די קעלער, וווּ דער אויפגעקומענער עושר האָט ארויף־ אָדער אראָפּגעשיקט די ספרים פון בלאָגעי פּאַמיענטשי דעם טאַטן, דעם זיידן, דעם עלטער־זיידן, מוטער, באָבע און עלטער־באָבע.

עס האָט זיך אפשר דאָרט פאַרוואַלגערט אן אַלט טלית־ ותפילין־בייטעלע, א שטערנטיכל, א ברוסט־טיכל, אן אַלט חלה־טישטעכל...

זוכט, געפינט, שטויבט אָפּ...

און זענט איר אַליין שטומפּיק אויף דער עיברי...

איז ביי אייך שיין נאָר דאָס קלייד פון דער לעצטער מאָדע און דאָס מעטאַל פון דער שטאַנצע, באַארבעט אין א מאָדערנער פאַבריק, דאַן — רופט א מבין!

איר וועט קיין חרטה נישט האָבן...

צווישן די אַלטע פאַרלעגענע, פאַרגעסענע שטויב־געשפּייזטע און מילב־צעפרעסענע זאַכן, וועלן זיך געפינען אוצרות פאַר א מוזעום, פאַר דער גרויסער מ צ ב ה פאַר די ערשט נישט לאַנג, אין בלוט און צער, אָפּגעגאַנגענע דורות...

און דאָס זענען געווען דורות מיט מער הארץ און געהירן און פאַר־שטענדעניש פאַר יידישער שיינקייט! אויבוויל פרעמד איז זיי געווען דאָס פרעמד־נאַרישע וואָרט „קונסט", וואָס דערמאָנט פון פאַבריק און פאַר־קויפט זיך אין קראָם.

אין די אלטע אויסגעטעפטע שטערנטיכלעך, אויסגעוועבטע ברוסט־טיכלעך, פון דער זון אויסגעצויגענע געשטיקטע חלה־טישטעכלעך און טלית־ און תפילין־בייטעלעך, וואס וואלגערן זיך ביי אייך.

און אין די אלטע פרוכתן, כסא־של־אליהו־דעקן און תורה־העמד־לעך און גארטעלעך אין די חורבות פון שילן און בתי־מדרשים.

שטעקט „קונסט", שטעקט נשמה!

אין זיי האט, פיליכט, אייער באבע, אייער עלטער־באבע, — פרו־מע, ריינע און ווירקלעך שיינע יידישע טעכטער, ארייננעשטיקט זייער שטיל־הייליקע ליבע צו נישט־געקענטע חתנים, זייערע ווירקלעך ריינע, ליכ־טיק־נעפלדיקע פרומע חלומות און האפענונגען; און די הארציקע תמי־מות זייערס, זייער הארציק־שטילן גלויבן און צוטרוי צום לעבן און צו גאט, דעם האר פון לעבן — זייער גאנצע פרומע, נאיווע, נישט נאכגע־מאכטע יונגפרוילעכע „קונסט"!

און זאכן וועט איר געפינען, פון האלץ געשניצטע, פון בלעך גע־בויגענע, פון אייזן און קופער געשמידטע (זילבער און גאלד האט איר שוין לאנג אויף בראך פארקויפט...) הענגל־לאמפן, חנוכה־לעמפלעך, שאבאשניקעס, מנורות, בשמים־שקעטעלעך, אתרוג־ און צדקה־פושקעס, אין וועלכע דער שטילער, וועלט־פארגעסענער, זיך אליין אומבאוווסטער, לאנג־פארשטארבענער, פרום־יידישער „קינסטלער" — אן דעם נארישן נאמען, נאר בצלאלס אן אייניקל — האט ארייננעקריצט, אויסגעבויגן אדער אויסגעשמידט זיינע, פיליכט נישט קלארע, אבער הויכע יידישע, דאס הייסט: ריין־מענטשלעכע און איבערמענטשלעכע און געטלעכע חלומות וועגן משיחן און זיינע צייטן, פון וועלכע דער נביא האט גערעדט און מיט וועלכע ער האט דאס פאלק און דעם מענטש געטרייסט...

און ווען שטיקער נאר, קלעפט זיי! שטויבט אפ, פוצט אויס, דאס זענען, ווי געזאגט, — אוצרות!

און שיקט זיי...

יא, וווהין שיקט מען זיי?

איך מיין:

נישט צום ווארשעווער מוזעום, אזוי לאנג, ווי עס איז פארן ברייטן פובליקום געשלאסן...

ווילנדיק, אדער געגייט...

דאס זענען „זאכן" פון פאלק, „זאכן", אין וועלכע דאס פאלק האט זיינע חלומות פארפליישט, זיינע געטראכטע שיינקייטן אויסגעשמידט,

אריינגעשטיקט, אין וועלכע ער האָט זיין נשמה פארקערפערט, און זיי גע־
הערן דעם פאָלק! זיי מוזן פאר אים זיין אָפן און פריי צו יעדער צייט...

און נישט צום קאלטן פעטערבורג שיקט, אזוי לאנג ווי עס איז אוי־
סערן „תחום", אזוי ווייט פון יידישן אויג...

דאָס מוזעום וועט זיין פאר אונדז פארשלאָסענער, ווי דאָס וואר־
שעווער. און דאָס מוזעום מוז זיין אונדזער. פאר אונדז אַלע! נישט קיין
מוזעום אויסשליסלעך פאר געשווירענע אדוואָקאטן און קויפלייט פון
ערשטער גילדע...

ווי הויך עס זאָל נישט קלאפן זייער יידיש הארץ, און ווי ווארעם עס
זאָל נישט שלאָגן זייער פולס פאר יידן און יידישקייט אינעם קאלטן
„מלוכה־צענטער", אהין קומט נישט דאָס פאָלק און זיי — זענען נישט
דאָס פאָלק!...

זיי האָבן געלט? און האָבן גוטע הערצער צו געבן געלט? ווילן געבן
אויף א יידיש מוזעום?

זאָלן זיי געבן, נאָר בויען און עפענען א יידיש מוזעום אין — ווילנע!

עס איז א יידישע שטאָט — „עיר ואם בישראל". דאָס הארץ פון
דער יידישער ליטע — „ירושלים דליטא!"

פאָרט ווילנע

ווען מענטשן רעדן שוין די זעלבע שפּראַך, רעדן זיי דאָך פאַר־שידענע שפּראַכן. ביפרט ביי אונדזער דור הפלגה, אינעם מיש־מאַש פון מענטשן און אַלערליי פלעצער און אַלערליי חדרים...

די זעלבע נעמען, די באַגריפן זענען דאָך פאַרשידן; די זאכן, וואָס ווערן מיט די זעלבע נעמען באַצייכנט, ווערן דאָך פון יעדן אויג אַנדערש געזען...

און וויפל אויגן, ביפרט ביי אונדז, ליידן אויף דאַלטאָניזם, און זעען געוויסע פאַרבן לגמרי נישט?

לעזט אונדזער פובליציסטיק און אירע וויכוחים! און אין א שלעכט וועטער, דאָס טעאַטער יאָנגס אויספאַרקויפט און איר האָט מיטן אָוונט נישט וואָס צו טון, קומט אין „הזמיר” און הערט דיסקוסיעס...

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

נאָר — צו דער זאַך:

ווער, צום ביישפּיל, רעדט עס נישט פון — פאָלק?

ווער פון אונדז איז זיך עס נישט מקריב, כאָטש דריי מאָל אין טאָג פאַרן פאָלק? ווער מיינט עס נישט די ט ו ב ה — און ווער רעדט עס נישט אין נאָמען פון — — — פאָלק?

אַלץ איינס, צי דאָס פאָלק האָט א נשמה, צי עס איז נאָר א גולם, צי עס האָט נאַציאָנאַלע אידעאַלן אָדער גאָר א לערן מאָגן, א משיח־צי א קרופּניק־פאָלק — — —

אַלץ פאָלק און פאָלק! א פול מויל — פאָלק! און אַז עס קומט דערצו, האָט יעדערער זיין פאָלק, זיין טייל פאָלק, זיין פאַרטיי אָדער זיינע לאַנדסלייט, וואָס זענען זיין פאָלק, אָדער די יחידי־סגולה פון פאָלק... רייכע לייט, אינטעליגענטן...

למשל:

אין אַן אַרטיקל וועגן מוזעאום האָב איך געזאָגט, אַז אַ מוזעאום דאַרף זיין „פון פאָלק, פאַרן פאָלק!" און „אַז דאָס וואַרשעווער מוזעאום איז פאַרן פאָלק פאַרשלאָסן".

דאַכט זיך, קלאָרע דיבורים?

קומט עמעץ, וואָס האָט, באַשיינפּערלעך, אַ גאַנץ אַנדערן און זייער אַן ענגען באַגריף פון פאָלק, און לייקנט מיך אָפּ, פון אַ זייט, מיט אַ קורצן אַנאָנס:

דאָס מוזעאום ביי דער יידישער געמיינדע אין וואַרשע איז אָפן צו צוויי שעה אַ טאָג, צוויי מאָל אין וואָך...

אָפּגעלייקנט, און דאָך?

און דאָך איז דאָס וואַרשעווער מוזעאום נישט פון פאָלק — ער איז אַ מתנה פון א יי ן מענטש, אַ רייכן, וואָס האָט זיינע זאַמלונגען פאַר־שענקט, און די יי ד י ש ע זאַמלונג — דער יי ד י ש ע ר געמיינדע.

נאָך אַ חסד!

און די געמיינדע האָט די מתנה אָנגענומען און פאַר זיך אַ צ י מ ע ר אָפּגעטיילט.

צום פאָלק עס זאָל פאַרגרעסערן די זאַמלונג, האָט זיך די געמיינדע נישט געווענדט; אַז עס ווערט געפנט אַ מוזעאום, נישט צו וויסן געטון דעם פאָלק.

ווילנדיק (ווי איך האָב געגעבן אָנצוהערן) אָדער נישט ווילנדיק — אויס פּחד פאַר אַן עין־הרע פון דרויסן, צי איז דער פּחד באַרעכטיקט אָדער איבערגעטריבן, — סיי ווי סיי און דערוויל ווייניקסטנס —

איז דאָס וואַרשעווער מוזעאום נישט פון פאָלק און נישט פאַרן פאָלק; עס האָט דעם פאָלק גאָרנישט צו פאַרדאַנקען, און עס האָט פאַרן פאָלק נישט קיין פּ ל אַ ץ און נישט קיין צייט...

עס איז דאָך לעבערלעך: אַ צימער, צוויי שטונדן אַ טאָג און צוויי מאָל אין וואָך, און אויך ביז אַהער — ב ס ו ד ... אַצינד אַ קליינער אַנאָנס, אַ שטילער, אַ באַשיידענער... צום — אָפּלייקענען!

בלייב איך דעריבער ביי דאָס מייניקע:

אויב „פון פאָלק, פאַרן פאָלק", איז נישט פּעטערבורג, נישט וואַרשע, נאָר — ווילנע!

גיט פלוצלינג בעל־מחשבות א פרעג:

— פארוואס נישט ירושלים?

— פארוואס ירושלים דליטע און נישט דפאלעסטינע, דאס אמתע ירושלים?

פארוואס אין לאקאל פון צדקה־גדולה און נישט אין בית־נאמן פון דר. כאזאנאוויטש?

— האט דען דר. כאזאנאוויטש געמיינט דווקא ספרים, און נאר ספרים און נישט —

און רעכנט מיר נאך מיט אן אריסטאקראטישער גרימאסע די שטע־רנטיכלעך, ברוסט־טיכלעך און אנדערע שיינע זאכן פון דער באבען און דער באבעס־באבען...

די גרימאסע מאכט נישט אויס, אבער א קאצנשפרונג איז עס.

א קאצנשפרונג פון פאלק צו נאציע, פון א פאלקס־מוזעאום צו א נאציאנאלן מוזעאום...

פאנטאזיע פעלט מיר נישט, פון קיבוץ גליות חלומט זיך אפט, אויב־וויל אויף אן אנדער שטייגער, און צעצווינגן ווערט מיר ארץ־ישראל, צעצווינגן...

אבער גערעדט האב איך צופעליקערוויז וואכנדיק: וועגן א מוזעאום פארן פאלק דא אויפן ארט.

צוצוקומען, אן אן אויסלענדישן פאס.

נישט גערעכנט דעריבער אנדערע לענדער, מיט אזוינע שטעט, ווי פאריז, לאנדאן, ווין, בערלין און זייערע מוזעאומס, אויף מתנות פון נדבים, אויף די פארמאכטע, ממש פארמאכטע...

און מיר שווינדלט פון פאלק ביז נאציע, פון מוזעאום אין פעטערבורג, ווארשע אדער ווילנע, ביז א נאציאנאל־מוזעאום אין — ירושלים...

איך האלט נישט דערביי...

אגב — א קליינע פראגע:

— ווי וואלט אויסגעזען, וואס פאר א פנים וואלט געהאט אונדזער יונגע, ערשט פריש־געבאקענע אלטערטימלעכקייט דארט, ביי דער כותל־מעריב? ביי די קברים פון מלכים און נביאים? ביים לבנון?

מען האט גערעדט פון א מוזעאום פאר אונדז, דא אויפן פלאץ!

פארן פאלק אין תחום, און פאר זיין יונגען קינסטלער, וואס קאן זיך

און זיין אינערלעכקייט נישט געפינען און וועט אפשר אין מוזעאום טרעפן א היימישע ליניע, אן אייגנס, עפּעס א האַרציקס און עס וועט עפּעס אין אים אויפטויען...

און איך מוז בלייבן ביי מיינעם:

אויב מען האָט צו וועלן צווישן „א ו נ ד ז ע ר ע" שטעט, איז נישט פּעטערבורג, וואָס איז אויסערן תחום, נישט וואַרשע, ווו יידישע עפנטלעכקייט איז, ווי מען דאַרף, נאָך כמעט ווי אומעגלעך, נאָר —

— ירושלים דליטע, נאָר — ווילנע.

נאָך אַ וואָרט

(דאָס לעצטע וואָרט, זאָל זיך די וועלט איבערקערן!)

וועגן „אונדזערע“ סקאַנדאַלן

זעלבסטפאַרשטענדלעך האָט אַמעריקע, געוואָר־ווערנדיק פון פּראָצעס צווישן טעאַטער־קריטיקער און רעליגיעזן פילאָזאָף, שוין אַרויסגעשיקט איר קאָרעספּאָנדענט. אַפּוואַרטנדיק דעם פּראָצעס, באַטראַכט ער דערווייל אונדזער זיבעטע מאַכט און שרייבט קאָרעספּאָנדענציעס... אַמעריקע קוועלט! דאָס גאַנצע אַמעריקע! באַזינגט דאָס טעאַטער, ווי אַ דיבוק אַריין אין דער ליטעראַטור, — „מיר פּייפן אויף אייראָפּע“!

די לעצטע קאָרעספּאָנדענץ גיב איך אייך איבער וואָרט ביי וואָרט, אַזוי שרייבט ער:

פאַראַן אין יוראָפּער וואַרשע אַ צייטונג, מאַכט זי קיין ביזנעס נישט, ערגאַ: די ערלעכע צייטונג...

עס איז אַ דריי־בונד פון: ראַדיקאַלעכץ, דעמאָקראַטיזם, און — ערלעכקייט; מאַכט קיין ביזנעס נישט!

געפירט ווערט די צייטונג פון אַ פיר־קעפּיקן אָדלער. די פיר פּאָר פּיס — אַרומגעבונדן מיט אַ לענטע! אַמאָל געווען אַן אויפשריפט, אַ גאָלדענע: „ראַדיקאַל, דעמאָקראַטיש און ערלעך“, היינט אָפּגעריבן. די קעפּ פריי! געווען מער. פון צייט צו צייט וואַרפט מען עמעצן אַרויס, קלענער דער עולם, שענער די חתונה, זוכט זיך יענער זיין אָרט, ווו אַ וואָרט צו רעדן, זיפצט מען: מען פאַרלאָזט אונדזער אָרעם ערלעכקייט. ווי געזאָגט: געבליבן פיר, דער „פיר־קעפּיקער אָדלער“! איך וועל זיי אייך אויסרעכענען אויף די פינגער (איינער וועט בלייבן!): אַ קאַדעט — איינס! אַ מאַרקסיסט — צוויי! אַ ציוניסט — דריי! און אַ טעריטאָריאַליסט (מען זאָגט אין זיין אייגענעם נאָמען: לשם ספּאָרט!) — פיר!

נישט קיין בלאף!

איך קום אריין, די געבונדענע פיס — אונטערן טיש, די קעפ, ווי געזאָגט, פריי אין דער לופט.

איך קוק מיך אום — חושך...

אויף די ווענט — א גרוילעכע טויטקייט.

— אָבער נישט געל! — רופן פיר מיילער פון פיר קעפ.

— אָבער אָן פארב?!

— איז אָן פארב!

— האָט יעדער קאָפּ, ווי אָנגעצייכנט, זיין מויל, האָט יעדעס מויל זיין אינסטרומענט. נעמען זיך די מיילער צו דער ארבעט. בלאָזט יעדעס מויל אין זיין אינסטרומענט אריין זיין מעלאָדיע... בלאָזט יעדעס מויל ערלעך, געטריי, לשם שמים, לשם מיצווה, לטובת הכלל, קיין ביזנעס מאכט מען נישט...

אלץ צוזאמען — (איך מאך די אויערן צו, די פייקלעך פלאצן) — א קאקאפאָניע! א שעטנד־כלאימדיקע...

לייגן זיי די אינסטרומענטן אוועק און אלע פיר מיילער שרייען אויס מיטאמאָל:

— ניין!

א פיר־פאַכיקער, צוזאמענגעשלאָסענער „ניין", א הארט־מיתנגדיש־שולחן־ערוכדיקער, פארשטייט זיך לויט ערפורטער פראָגראם; „ניין". עפעס א מין בן־יחידיש־אריסטאָקראטישער, „פון צווישן די ציין געזייערט". און גלאט „ניין", א וואיל־יינגערישער, מיט א קוויטש...

פרעג איך, להכעים:

— און וואָס, יאָ?

— נישטאָ, זאָגן זיי, קיין „יאָ"!

אויף וואָס עס איז פאר א „יאָ" איז לכל הפחות איין קאָפּ נישט מסכים (די אומגאנגס־שפראך — האלב־העברעאיש) און מיר גייען (איי־גנטלעך: זיצן) ווי איר זעט — צוזאמענגעבונדן איז ביי אונדז אלץ: ניין און ניין... פרעגט, וואָס איר ווילט!

פרעג איך אומישנע:

— ארץ ישראל?

— ניין!

— א טעריטאָריע?

— ניין, ניין!

— דאָ א פּיים?

— ניין!

— איר האַלט פון פּעטערבורגער בעלי־טובות, פון קאָוונער צוזאַ־מענפאָר, פון יק"א, יט"א...

— ניין! ניין! ניין!

פּאַלט מיר איין צו פרעגן:

— פון אַטלעט ווילדמאַן?

— ניין! „פּייט" נישט פּריזיטיק־צו־נאַכטס!

— פון אַשם „מערי"?...

ווערט דאָס בוך, אַפּנים פון „פיר־קעפּיקן אָדלער" אינעם דריי־בונד, אויף טויט פאַרשוויגן. מן־הסתם אויס ע ר ל ע כ ק יי ט. דער „עולם" ענטפערט נישט, די מיילער פאַרמאַכן זיך, און פיר פּאָר הענט כאַפּן זיך פלוצלינג צו פיר שערן...

— אונדזערע קאָרעספּאָנדענטן! מיר מאַכן קיין ביזנעס נישט...

— און פון וואָס — פרעג איך — לעבט איר?

קווענקלט מען זיך אביסל, דאָך ענטפערט מען:

— „פון זכות אבות"... פון „אַמאָל איז געווען"...

און — פון צופעליקייטן. אָט, זעט, — אָפּענע פענצטער, זומער־לעב, אַ ווינטל בלאָזט, פליט אַמאָל אריין פון די ארומיקע ווינט־מילן אביסל דונסט, קנעט מען מיט ניכטערן שפּייעכץ און מען באַקט ביים קאַלטן אויוון, אַמאָל מען ברענגט אין הויף אריין מולטערס צום פלומפּ, כאַפּט מען אביסל אויסקראַצעכץ...

איך האָב פאַרגעסן אייך צו זאָגן, ווי די „קאָרעספּאָנדענץ" הייסט, אַ דריי־גאָרנדיקן טיטל האָט זי, מיט פיר־אַרשינענדיקע אותיות:

ווארשעווער סקאַנדאַלן —
צי דלות מאַכט פּסלות
אָדער
דער שטילסטער און הימל־שרייענדיקסטער סקאַנדאַל.

און איך זאָג ווייטער: גם זו לטובה!

זאָל דער יידישער ליטעראט פארלירן זיין האָנער, דאָס געדרוקטע וואָרט דעם קרעדיט!

זאָגט אָבער די דעמאָקראטישע צייטונג: דאָס איז די שטימונג פון גאַס, באשטעטיקט פון פּאָעט!

ליבע, ליבע מאדאם!

פארן פּאָעט — מערסי!

א גרויס וואָרט — לאו כל אדם זוכה!

פּאָעט דאָס איז דער כהן־גדול אין יעדן ליטעראַרישן בית־המקדש...

בין איך אָבער נישט שולדיק, וואָס אונדזער קליין ליטעראריש בית־המקדשל איז, בנוגע צו א ר ב ע ט, אזוי אָרעם אין מ ע נ ט ש ן, במקום שאין אנשים, כוהן גדול צי ניין, מוז מען אויפהויבן די פּאָלעס, פארקאַשערן די ארבל, כאַפּן דעם בעזעם און — אויסקערן...

און בנוגע צו דער גאַס: —

די גאַס האָט רעכט, מאַדאַם!

און דאָס רעכט האָבן „מיר" איר געגעבן, „מיר", די ערלעכע, די שער־ארבעטער, „ניין"־זאָגער און טערטל־מערטל־שפּילער... ווארום — די גאַס איז דערוויי געוואקסן... אונדז — דערוואַקסן... זי דאַרף זיך אויף די נעגל נישט שטעלן, דעם קאָפּ אראָפּבויגן וויל זי נישט, קוקט זי אונדז גלייך אין די אויגן אריין...

מיר וועלן ווייטער שפּילן טערטל־מערטל און ארבעטן מיט דער שער און די גאַס וועט אונדז א י ב ע ר וו א ק ס ן און אָנהויבן קוקן פון אויבן אראָפּ...

און א קול האָט זי... זי קאָן אויך דאָס מויל עפענען, און א געשריי טון:

פּאַשאָל וואָן...

און איידער אזא הארב וואָרט צו הערן, פאָלגט מיך, באַפרייט די פּיס פון דריי־בונד... שטעלט אייך אויף, איינער צום צווייטן מיט די אַקסל, א קארעי מאכט, אייער ערלעכקייט לאָזט אין דער מיט, און איר ווענדט אייך מיט די פּנימער יעדערער אין זיין ז יי ט אריין און שפּיצט די אויערן...

און וועט איר דערהערן, אז אייער שוואכע, אויסגעהונגערטע ערלעכקייט קאָמאַנדירט:

— מאַרש!

צעגײט איך, יעדערער אין זײן װעג...

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

און מײנט נישט, אײער שונא רעדט. אױך אַן ערלעכער, לכל־הפּחות „אױך", אױבװױל אַן אַרױסגעװאָרפענער...

און איך בין נישט, װי חבר סקאַנדאַליני מײנט. איך בין אײנער פון די ב—נ—יך בו—נ—יך —... קאָן מען אָבער נישט בױען, ביז עס װערט נישט אָפּגערײניקט דער פּלאַץ.

צום ריבונו של עולם [1]

איך רעד צו דיר, ריבונו־של־עולם, פּה אל פּה, ווי צו א טאטן. — און אויף מאמע־לשון רעד איך צו דיר, אזוי האָט מיך ר׳ לווי יצחק מברדיטשוב געלערנט און איך טו קיין פרעמדע גדולים נישט נאָך... און זאָגן זאָג איך דיר, ריבונו־של־עולם:

ס׳אי גוט!

בעסער געוואָרן.

דיין עדה שאָף וועט שוין נישט אזוי געמינערט ווערן!

וואָרום כל־זמן זייערע פּאסטוכער זענען רבנים און לומדים פרומע געוועזן — „חבל על דאבדין!״ פיל פון דיינע שעפעלעך זענען פארלוירן געגאנגען, אויף פרעמדע ציין געקומען... שוואך זענען דיינע היטער געוועזן!

שוואך איז דער קול פון דיינע רבנים; זיי האָבן גערופן און ביי קיינעם אין האַרץ קיין אָפּקלאַנג פון זייערע רייד נישט געפונען...

און שוואך זענען די הענט ביי דיינע וויל־לערנער, די פרומע:

זיי האָבן זייערס געטון. ארום דיינע הערט מיט די כשרע שעפעלעך גראָבן געגראָבן, צוימען געשטעלט... שוואך און נישט הויך זענען די צוימען געוועזן; נישט טיף און נישט ברייט די גראָבן...

און תינוקות של בית רבן האָבן לייכטע פיסלעך געהאט... זענען זיי איבער צוימען און גראָבן, ווי די קאָזעס געשפּרונגען, צו דער פרעמדער פּאשע אין פרעמדן פעלד אריין...

און פון טאָג צו טאָג זענען וויסטער געוואָרן די פלעצער פון דיין הייליקער תורה, לערער געוואָרן די חדרים, טויב־שטומער דיינע בתי־מדרשים... און צו דיינע ספרים אויף די ווענט האָט זיך קיין יונגע האַנט נישט אויסגעצויגן...

איז מקוים געוואָרן א שטיק פון דיין תוכחה:

דער יצר־הרע, דער שונא, ימח שמו, האָט אונדז אונדזערע זין און

---

1) די פאָלגנדע פיר פעליעטאָנען זענען פארעפנטלעכט געוואָרן נאָכן טויט פון י. ל. פרץ.

אונדזערע טעכטער, פאַר אונדז אין די אויגן, געפאַנגען און אַוועקגעפירט.
„ואין אומר: השב!" קיינער האָט נישט אָפּגעשטעלט!
האָסטו אָבער אַצינד שומרים מחוץ למחנה געשטעלט...
פאַרצוימט דעם וועג — קאַסאַ! 1)
זאָגט קאַסאַ, משומדים זענען אים אויך נישט ניחא... זיי זיכער, ריבונו־של־עולם, דיין הייליקע סטאַדע וועט שוין אַזוי געשווינד נישט געמינערט ווערן! די מגיפה פון שמד וועט אויפהערן, דאָס אַנטלויפעניש וועט אָפּגעשטעלט ווערן... און צוריק וועלן אָנגעפילט ווערן דיינע חדרים, אין דיינע בתי־מדרשים וועט קלינגען דער קול פון תורה און פון דיינע גמראָס וועלן פון אונטער די הענט בלעטער פליען...
און נאָך אַ בשורה טובה, ריבונו־של־עולם! היינט־מאָרגן ווערט כעלם מיט דער גאַנצער סביבה אַנטגילטיק אָפּגעריסן פון פוילן און צו דער אימפּעריע באַהעפט...
פאַר פוילן אַן עוולה.
אָפּגעריסן אַן אבר מן החי...
זיי וועלן אוודאי שרייען צו דיר אין דער נויט, און דו וועסט הערן. זיי וועלן בעטן צו דיר, און דו וועסט זיך פאַר זייער תפילה, ווי דו טוסט אונדז, מיט קיין וואָלקן נישט פאַרשטעלן...
פאַרגעס אָבער נישט, אַז פון שלעכטן קומט אַמאָל אַרויס גוטס... פון ביטערס — זיס, און טאַקע פאַר דיינע כעלעמער יידעלעך...
דיין עדה יידעלעך פון כעלם און דער סביבה וועלן זיך שוין נישט אָפּקערן און נישט אָפּוועגדן פון דיר! פרום וועלן זיי ווערן ב י ן ה מ צ ר י ם, צווישן ים און מצרים. אַ וואָלף פון איין זייט, אַ בער פון דער צווייטער. און דאָס שעפעלע, פון ביידע זייטן געצופּט, וועט בלייבן ביי דיר אין דער מיט, מיט די פייכטע פרומע אייגעלעך צו דיר, צום הימל אַרויף געווענדט, און וועט שטענדיק שרייען צו דיר!
און נאָכוואָס?
זיי וועלן אַלע מיטאַמאָל „ליטוואַקעס" ווערן!
זיי קאָנען אפשר געשטרויכלט ווערן אין „דקדוק", אָבער זיי וועלן שוין אין פינצטערן עם־הארצות נישט זינקען.

1) קאַסאַ איז געווען אַ צאַרישער בילדונגס־מיניסטער און ער האָט איינגעפירט אַ „פּראָצענט־נאָרמע" (נומערוס קלאַוזוס) פאַר די יידן, וואָס האָבן געלערנט אויסער די גימנאַזיעס און זיי האָבן זיך עקזאַמענירט ווי עקסטערנעס. — רעדאַקציע.

„עברי״ וועט מען קענען!

און האָב איך שוין אַ ליטוואַק דערמאָנט, מוז איך דיר, ריבונו־של־עולם, דערמאָנען אין דער מעשה מיטן ליטוואַק, וואָס האָט אַמאָל אַ פערדל געהאַט...

דו ווייסט אַלץ, און „אין שכחה לפניך״, איך ווייס!

ווייס איך דאָך אָבער אויך, אַז דו האָסט ליב מען זאָל דיר זאָגן, מען זאָל דיר דערמאָנען. אויף דעם זענען דאָך די תפילות געמאַכט, דער סידור געשטעלט!

ווייסטו דען נישט אַליין, וואָס אונדז פעלט, וואָס דו דאַרפסט אונדז געבן... וואָס אין האַרץ פון דיין כנסת ישראל טוט זיך — און דאַוונען מוז מען!

דו ווילסט, מען זאָל בעטן, דריי מאָל אין טאָג דיר דערמאָנען...

וויל איך דיר, ריבונו־של־עולם, אָן ליטוואַק מיטן פערדל דערמאָנען...

אַ פערדל האָט אַ ליטוואַק געהאַט, האָט ער עס געוואָלט אָפּגעוויינען פון עסן, האָט ער אים יעדן טאָג געשיט אַ קליין ביסעלע האָבער ווייניקער; אַ קליין ביסעלע קלייען און היי ווייניקער — „עס וועט זיך צוגעוויינען״...

עס איז אָפּגעפאַלן אַביסל פון לייב — אָבער עס גייט!

נאָך אַביסל, מען קאָן פון אונטער דער פעל די ביינער ציילן, עס גייט.

די אויגן ווערן טריבער, דער קאָפּ געבויגענער, די פיסלעך שטרויכל־דיקער, די קני צאַפּלדיקער — עס גייט!...

מען דאַרף נאָכאַמאָל אַ ריר טון, מיטן בייטשל אַ שמיץ אין דער אָדער יענער זייט: אַמאָל איבערן קעפּל, איבער די אויגן, — עס גייט!

ביז עס האָט געהאַלטן ביי גאָר, ביי גאָר, גאָרנישט!

אַ קליין כזיתל היי, קלייען — אַ משהו, פון האָבער שוין לאַנג קיין זיכר נישט, און עס גייט! עס שלעפּט זיך.

נאָך איין טאָג אינגאַנצן! נאָך איין טאָג און עס וועט אינגאַנצן זיין אָפּגעוויינט פון עסן...

פּלוצלינג — —

פּלוצלינג גיט עס אַ צי אויס די פיסלעך...

קענן וואָס איך דערמאָן דיר עס, ריבונו־של־עולם? קענן דיין התנהגות מיט ד יי ן קליאַטשע, ריבונו־של־עולם...

קריג, באַנקראָטן, באַיקאָט... און — עס גייט צו פּסח!

טראַכסט עפּעס דערפון, ריבונו־של־עולם?!

אַן אַלטע געשיכטע

איך ווייס, איר זייט מיך מקנא!

איר מיינט, אַז אויפשרייבן אַ ווינקעלע איז אַ קלייניקייט. אַ מלאכה נקיה וקלה, ווי מען זאָגט, וואָס צו שרייבן, טראַכט איר, פעלט נישט; פאַראַן „בלעטער", גיבן זיי „פּערל" —

ווי אַ ז וי צו שרייבן? אויך, טראַכט איר, אַן עסק: מען כאַפּט אַ געשעעניש — אַ „פּערל", און מען פּרעגלט אויף אייגענעם שפּייעכץ...

פעלט אַ „ווינקעלע", איז עס, זייט איר זיכער, פוילקייט.

מוז איך אייך אַרויספירן פון טעות.

פון פוילקייט זאָלט איר גאָרנישט רעדן. „יותר ממה שהעגל רוצה לינק" — מער ווי דאָס קאַלב וויל זויגן, שטעכן די מילך־גיסער ביי דער מוטער.

אָבער „פון וואָס", און „ווי אַזוי צו שרייבן", דאָס, זעט איר, איז שוין נישט אַזוי לייכט.

אַ ווינקל איז אַמאָל קריעת ים־סוף!

איי, די בלעטער?

פאַראַן!

און איך בין אייך מודה, ביי מיר אין ווינקעלע האָט דער קאַלענדאַר קיין דעה נישט. אין מוקדם ומאוחר אין ווינקעלע — נישט פאַראַן פריער און שפּעטער. עס קאָן זיין פּורים, און פון וואַנט־קאַלענדאַר ביי מיר, אין ווינקעלע, איז נאָך נישט אָפּגעריסן דאָס בלעטל פון פאַראַיאָרן תשעה־באב, און די בלעטער לעז איך פון היינט, נעכטן און פון פאַראַיאָרן, און ווי אַ פרומער ייד שניידט די נעגל — בסירוגין, לעז איך, ווען און וואָס עס קומט אונטער דער האַנט, און כאַפּ — געשעענישן פּערל!

און כדי איך זאָל קיין טעות נישט האָבן, נישט נכשל ווערן אין אַ פאַלשע פּערל, וואַרף איך באַלד אַן אויג צום שפּיגל, איך שרייב שטענדיק קעגנאיבער אַ שפּיגל. זע איך, אַז מיין פּנים האָט זיך פון געשעעניש גע־

ענדערט, בין איך זיכער, אז פון ווינקעלע, וו די פערל וועט אריין, וועט מיר אויך ווערן גרין און געל, און אלע קאלירן...

און אצינד הערט די געשיכטע פון היינטיקן ווינקעלע. דער יצר־הרע צום שרייבן האט זיך אין מיר צעברענט.

דער יצר־הרע ברענט, ווייסט איר דאך, וואס מען טוט.

מען גיט אים נאך.

זעץ איך זיך צום טיש.

דאס פאפיר פאר מיר, אויפן טיש, בלאנקט ווייס. די פעדער הינ־טערן אויער — געטונקט שווארץ...

אבער וואס?

און — ווי אזוי?

דער עיקר, ווי אזוי. אין ווינקעלע איז דער עיקר די פארעם!

זיץ איך און קלער:

עס וועט ארויספליען א ווארט איבער תפוצות ישראל, אבער ווי אזוי?

כנשר? פליגל ברייטע, מעכטיקע — ווו נעמט מען פון געשעענעם קראפט?

כיונה? — ווי א טויב פון נחס תיבה ארויס? האט זיי ווירקלעך דער גרימצארן געלאשן, דאס וואסער זיך געשטילט?

אבער „כרביבים" — ווי א שפיי רעגן, פון דער הויך, וועלן מיינע ווערטער פאלן אויף די טרוקענע לייבער און הערצער, זיי צו דערפרישן. זאל דארטן אויפבליען די „חבצלת השרון" — די רויז פון אלט־יידישן בטחון?

און אפשר וועקן? ווי א שופר זאל עס שאלן? בלאזט מען, ווער צי־טערט נישט? זאלן אויפציטערן די הערצער פון אונדזערע פארזארגער, וואס שלאפן זיי?

און אפשר ווי א דונער, למשל — אויף קאוונער־לייט, פון צארנדיק ברוינעם וואלקן א דונער אויף זייערע קעפ...

און אפשר גאר, א פאסטוך־פייפערל... פרילינג... די זון שיינט, די וואלקן פארטריבן... די תלמוד־תורה־קינדער — וועלן קריגן לייכטע רעקלעך...

וואס, ניין?

אבער וואס העלפט קלערן?

„פוק חזי מה עמא דבר", וואָס רעדט דער נביא פון גאָס? וואָס דערציילט דאָס בלאַט?

און איך שטרעק אויס די האַנט, גיב אַ גראַבל — אַ פּערל:

„דער קעניג פון מאָנטאָנעגראָ געפאַלן! דער העלד פון אונטער סקוטאַרי! צווישן געדונער פון ריזיקע האַרמאַטן, הוראַ־געשרייען, פון העלדישע באַלאַגערער..."

איך וואַרף אַן אויג צום שפּיגל; אַליין אַ העלדיש פּנים באַקומען... אַ פּערל!

און איך וועל זי דראַמאַטיזירן.

ליתר תוקף ועוז וועט עס ביי מיר געשען ביינאַכט, אין קעניגלעכן געצעלט, דער קעניג פון מאָנטענעגראָ, דער העלד, שטייט, ביידע אָרעמס, ווי אייזערנע שטאַנגען, אויסגעשטרעקט! איין אייזערנע האַנט קעגן סקוטאַרי, די צווייטע מיט נאָך אַ פעסטער געביילטער פויסט, קעגן אייראָפּע, קעגן איר קאָנצערט! און די ברוסט די העלדישע — אויסגעשטעלט! און אין די אויגן (איין אויג אויף סקוטאַרי, דאָס צווייטע אויף אייראָפּע) אַ העלדישע בראַנד און פלוצלינג —

— באַץ!

אונטערגעהאַקט, ווי אַ בוים; געפאַלן, ווי אַ סנאָפּ! פאַרוואָס? פאַר ווען?

„אַ שוואַך האַרץ געהאַט"...

האָט דאָס שוואַך העלדישע האַרץ געפּלאַצט? פאַר צער און צאָרן געפּלאַצט?

ניין; פאַר אַ „ווינקעלע" איז בעסער — פון אַ פרעמדער האַנט! אַ מעסער האָט אַ בליץ געטון אין שוים פון דער נאַכט, און מערדערישע אַפּגלאַנצן געוואָרפן איבער די שטילע שאָטן, פון זיי האָט וועלכע זיך אויפגעוועבט... אַ מעסער אין דער האַנט פון... פון...

האָב איך אָבער אויך אַ שוואַך האַרץ, אַ שוואַך־העלדיש האַרץ. הויבט עס אָן פלאַטערן:

— טאָמער אַ ייד?

טאָמער וועט די פעטערבורגער אַגענטור אויסטראַכטן אַ ייד!

טעלעגראַפירן: סאַלאָניקער קהל אָדער איישישאָקער? גיב איך נאָך אַ גראַבל אין פּאַפּירענעם אוצר; ווייזט זיך אויס —

להד"ם!

דער קעניג פון מאָנטענעגראָ לעבט, ער שטייט נאָך אין געצעלט; א בערזן־שווינדל געווען...

גיב איך א נייעם גראַבל.

ווייטער — א פערל.

א חסד: די דריי הונדערט רובלדיקע שטראָף אראָפּגענומען.

און אויג צום שפיגל: אויסגעלויטערט האָט זיך מיין פּנים, א פאָדעם פון חסד לייגט זיך דארויף, ווי א רעגנבויגן איבער א פארכמארעטן הימל.

„לא בפירוש איתמר" — שווארץ אויף ווייס אין מאניפעסט שטייט עס נישט, אָבער דער סענאט, דער מפרש, האָט אויסגעטייטשט, געזאָגט: מפללא אתמר. יידעלעך קומט אויך עפּעס...

איך וויל שוין שרייבן, האָט אָבער — איר ווייסט דאָך וואָס — דער מיניסטער פּראָטעסטירט, דער סענאט איבערגעטייטשט!

א בליק צום שפּיגל: דער רעגנבויגן, דער חוט של חסד, לעשט זיך...

ווייטער, פינגער, ארבעט אין די בלעטער... אָט א פּאַק אן אויסטער־לישער!

א מודעה רבא פון אונדזערע פּאסטוכער: פון זיבן רועי צאן ישראל — פון זיבן רביים קעגן ליטווישע מלמדים, קעגן (ווי נאָמבערג זאָגט): „באָרוך אתאָ"... גיב איך א ציטער, שריי אויס: הוי הרועים! און א בליק צום שפּיגל! מיין פּנים ברענט, מיינע אויגן פלאמען מיט גערעכטן צאָרן! איך באָרג מיר דאָס וואָרט ביים נביא, די פעדער ביי ביאליקן! צער און צאָרן.

ווי שטיינער פון א שליידער וועלן מיינע ווערטער איבער די זיבן שטריימלעך פאלן! סטייטש! — היינט! אין א באלאגערטער שטאָט, וואָס דער שונא וויל נעמען מיט הונגער, אָנצינדן א פייער? מאכן א מחלוקת...

פאלט מיר אָבער אין אויג אריין א נומער „הצפירה" —

בוידעם!

געפעלשטע חתימות!

דער גערער איז גאָר אין מאָנטרע!

און דער יצר־הרע צו שרייבן טוט זיך זיינס און ברענט... איך זוך ווייטער, געפין ווייטער! און אויג אין שפּיגל אריין: מיין מויל איז כמעט פיר־קאנטיק אָפן! דאָס גאנצע פּנים — א פראגע־ צייכן, און אָפענער: היכא דמי? און אויגן ברייטע, געגלאָצטע!

דאָס פּראָגראם פון ראָיאליסטן...

הערט!

אָפּגערעכנט די טשיעמנע מאַסע, טײלן זיך די ײדעלעך אויף צוויי טײלן: אויף נאַציאָנאַליסטן, וואָס בויגן און בוקן זיך, קומט זיי באַיקאָט! און אויף נאַציאָנאַליסטן, וואָס בויגן זיך נישט און בוקן זיך נישט — קומט זיי וואָס?

— באַיקאָט!

איך וועל פּילדערן אויף אַזאַ אומגערעכטיקייט! היכא דמי? היכא דמי?

גיט פּלוצלינג אַ קלונג אין טיר. דער בריוו־טרעגער! „ײדישע לע־גענדן" פון אָדעס, דאָס צווייטע העפט, איך גיב אַ בלעטער, דאָס אויג פאַלט אויף אַ מַעשהלע... אַ מעשה מיט אדריאַנוס קיסר... אַ מדרש!

זיצט אדריאַנוס קיסר אין גאַס (מן־הסתם אויפן פּאָרטאַל פון פּאַ־לאַץ), גײען ײדעלעך פאַרביי, גייט דאָס ערשטע ײדעלע פאַרביי און בוקט זיך...

פלאַמט אויף זיין צאָרן:

אַ העזה פון אַ ייד! ער בוקט זיך נאָך!

ברילט ער:

— קעפּט אים!

גייט אַ צווייטער פאַרביי, און בוקט זיך שוין נישט...

ווייטער גרימצאָרן:

אַ העזה פון אַ ייד: ער בוקט זיך נישט!

און דער זעלבער בריל:

— קעפּט אים! —

— ניין! אבסאָלוט — אַלט! אוים מדרש פּליטה!

פּשוט! פאַראַן צווייערליי ײדן, אַזוינע, וואָס בוקן זיך יאָ, און אַזוינע וואָס בוקן זיך נישט...

האָט מען די קרוין אויפן קאָפּ ברילט מען:

— קעפּן!

פאַרלוירן די קרוין פון קאָפּ:

— באַיקאָטירן! —

„איינע אַלטע געשיכטע", ווי היינע זאָגט.

באַדועז־דע־קאַרטונײַ

באָדוען דע קורטעניי, דער אַלטער אינדיווידואַליסטישער אַפּיקורס רעדט. ער שמייסט די פּוילישע קולטור, איראָניזירט איבערן ווילדן באָיקאָט, און איך זע פאַר מיר אמאָל (זאָל עס מיר דער אַלטער אַפּיקורס מוחל זיין) דעם פרומען פּערסישן קיסר, וואָס שמייסט דעם צעווילדעטן ים מיט ריטער — שטיל זאָל זיין! און אַמאָל (דאָס וועט אים שוין זיבער נישט באַליידיקן) אַ לופטיקן שפּיל־פויגל, וואָס האָט זיך פאַרהאַלטן איבער אַ מאַרק, פול זידלעריי און געשלעג, און וויל אים שטילן מיט זיין ליד!...

באָדוען דע קורטעניי אָבער פּראָטעסטירט... איך רעד נישט צום מאַרק, נישט צום המון... צו מיינע נאָענטע רעד איך, צו די ווייניקע!

איך קוק מיך אום — אַ פולער זאָל מיט יידן...

עס ווערט מיר וואַרעם; איך ווער שטאָלץ: אָט די אַלע, די ברידער מיינע, פון נאַציאָנאַליזם, פון דער אַסימילאַציע און אַזוי פון גאַס זענען די ווייניקע, די נאָענטע פון באָדוען־דע־קורטעניי!

און באָדוען־דע־קורטעניי רעדט פון דער מענטשהייט...

ער איז אינדיווידואַליסט; נישטאָ קיין ביימער, נאָר וואַלד...

און איך זע די מענטשהייט זיינע: ווי זאַמד ביים ים, פון איינציקע טרוקענע קערנדלעך ליגט זי אויסגעשפּרייט...

ניין! באַדוען־דע־קורטעניי איז אַ גרויסער מענטש, ער קוקט צו דער הויך...

און איך דערזע זיין מענטשהייט, ווי די שטערן אין הימל... יעדער שטערן גייט זיין וועג, האָט זיך זיין ליניע, קיינמאָל טרעפן זיך נישט צוויי צוזאַמען, עס רעדן זיך נישט אָפּ צוויי קעגן אַ דריטן. שטיל, רואיק און אַזוי ליכטיק... און אַזוי איינפאַך: זאַמד אָדער שטערן, פיזיק אָדער אַס־

טראַנאָמיע... קיין ביאָלאָגיע, קיין סאָציאָלאָגיע... קיין קאָפּ־דרייעניש. אין שאָפּענעם ראָד קיין סטאדע קולטור, קיין שטאנדן, קיין פעלקער. א מענטש־הייט פון באָדוען־דע־קורטעניים!

אַן עקסטער אינדיווידואַליסט. פון דעם שטאַנדפּונקט איז לייכט צו קומען צו שטירנערס עגאָאיזם, צו ניטשעס איבערמענטש, צו הארטמאַנס אויסראָטן; דערצו איז אָבער באָדוען־דע־קורטעניי צו פיין, צו איידל... ער וויל גערעכטיקייט! און פאַר אַלע, ביפּרט פאַר די ווייניקע, פאַר זיינע נאָ־ענטע! האָט שטירנער ז יי ן איך „אויף ניכטס געבויט” און באָדוען־דע קורטעניי מ יי ן איך אויף קאָנאָפּניצקאַס „מענדל דאַנציקער”!

ווער איז מענדל דאַנציקער, אויף וועלכן מיין איך ווערט געבויט?

א וואַרשעווער, עכט וואַרשעווער ייד (קיין ליטוואַק נאָך דעמאָלט אויף קיין רפואה נישט געווען,) און אַן ערלעכער, א בעל־מלאָכה, שיקט דאָס ייִנגל זיינס אין שקאָלע אריין, זיין שכל וועט צונויף קומען דעם לאַנד! א מענטש צו גאָט (דאַוונט זייער ערנסט, דער גלח אַליין, אז ער גייט פאַרביי, הויבט, פאַר דרך ארץ, דאָס היטל אָפּ) און צו לייט: לעבט זייער גוט מיט שכנים... א ייד ווי באָדוען־דע־קורטעניי וואָלט געבאָטן: אָן נאָ־ציאָנאַלע אידייען, אָן ציוניזמען, טעריטאָריאַליזמען און אָן פראַגן וועגן זעלבסטשטענדיקייט, וועגן אַן אייגענער היים, — פאַרוואָס קומט ש ל אָ ג ן ?

— א פּאָגראָם, — פרעגט מענדל דאַנציקער — אויף וועמען? אויף גנבים? אויף רוצחים? — אדרבה! ער גייט מיט!

ער פילט נישט, אז קודם־כל האָט ער עמעצן איבערגעגעבן דאָס רעכט אים צו מישפּטן און צו שטראָפן. — ער וועט נאָר מיטגיין! אינעם בלוט ליגט שוין די א ו נ ט ע ר ט ע נ י ק יי ט, ד אָ ס ב י ר ג ע ר־ ט ו ם פ ו ן ד ע ר צ ו ויי ט ע ר מ ד ר ג ה . אמת, דאָס האָט אָבער באָדוען־דע־קורטעניי נישט אָקצענטירט! אָבער אַזוי איז עס. אמת איז אויך, אַז מענדל דאַנציקער איז אַן ערלעכער ייד און אַן אמתער. צוליב פאַרהיטן א פּאָגראָם, וועט ער קיין צלם אין פענצטער נישט אריינשטעלן. אָבער ווען עס זאָל קומען צו פּאָליטישע וואַלן, וועט מענדל דאַנציקער, לויט זיין אייגענעם, לויט זיין יידישן ווילן נ י ש ט ווילן! — א בירגער פון דער צווייטער מדרגה פאָלגט! ער דינט דעם לאַנד! אָבער באָדוען־דע קורטעניי האָט דאָס אויך נישט אָקצענטירט. ער האָט עס גאָרנישט באַ־מערקט, אדרבא: יידן, באַשטעטיקט ער, האָבן רעכט געהאַט צו ווילן יאַ־

געלאָן... געווען נאָר — גיט ער צו — אַ קליין ביסל טאַקטלאָזיקייט: נישט געדאַרפט זיך אַריינמישן — ווינאַווער...

ווער איז באָדוען־דע־קורטעניי, וואָס מישט זיך יאָ אַריין?

אַ פראַנצויזיש־פאַרפּוילישט בלוט, וואָס קילט זיך שוין לאַנג ביי דער נעווא אין פּעטערבורג, ווו ער איז פּראָפעסאָר און דעקאַן!

ווער איז ווינאַווער?

אַ פאַרפּוילישט־ייִ י ד י ש בלוט! קילט זיך שוין אויך לאַנג ביי דער נעווא; אויך פּראָפעסאָר, נאָר זיינע לעקציעס, קאָסאַן צוליב, לעזט ער אין ברי־סל!

דער אונטערשייד איז דער, וואָס ווינאַווער איז יוריסט און אַ סאָציאַל פּאָליטישער מענטש, בשעת ווען באָדוען־דע־קורטעניי איז אַ שפּראַך־געלערטער!

און פּיליכט הענגט עס אָפּ פונעם אונטערשייד צווישן פ ר א נ ־ צ ו י ז י ש און יידיש בלוט?

באָדוען־דע־קורטעניי מיינט עס זיכער נישט, אָבער אַביסל סאָציאַל־פּאָליטיק וואָלט אים נישט געשאַדט!

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

באָדוען־דע־קורטעניי רעדט און איך הער האַמערן!

נישט ער האַמערט! ער זינגט...

גענומען און אויסגעהאַקט אַ צעדער פון לבנון, אויף קליינעם צע־שפּאַלטן, אין יעדער פעלקער־קלאָץ אַ קליין אַריינגעזעצט: זייט נישט פויל, קלעצער, שפּאַלט אייך, רירט אייך, בינדט אייך אין דער מענטשהייט!

ווער האָט עס געטון?

איך ווייס ווער? רופט אים ווי איר ווילט! אפשר דער, וואָס האָט געהייסן: פאַרפולן די ערד, און האָט צעטריבן דעם דור הפלגה, וואָס האָט נישט געפאָלגט און געוואָלט זיך דרייען אַרום געבויטן טורעם? און דערנאָך אפשר, אַז מען האָט ווייטער נישט געפאָלגט, אויפגעשטעלט סנחריבן, ער זאָל אויסמישן די פעלקער! — פאָלגט מען ווייטער נישט, איז אַ יאָמער!

דער קליין בענקט צוריק צום לבנון, אָדער ערגעץ אַוועק ווו דער פעפער וואַקסט! די זייטן פון די קלעצער, וואָס ווילן זיך נישט שפּאַלטן, נאָר אויף אייביק פאַרהאָלצט און פאַרגליווערט ווערן — דריקן! און דער

האמער אין דער האנט פון, אלץ איינס, ווי איר וועט אים רופן, קלאפט פון דער הויך...

און באדוען־דע־קורטעניי שטייט דערביי, שמייכלט און זאגט:

— מען קאן אלץ גוט מאכן... מען דארף נאר אויסיידישן, דאס הייסט אויך — אויסקריסטלעכן די וועלט.

א גרויסער מענטש און א גרויסער געלערטער באדוען־דע־קורטעניי, נאר אביסל סאציאלאגיע און וויניקסטנס א טראפן סאציאל־פאליטיק וואלט אים נישט געשאדט. —

* *

*

שלום מיטן נייעסטן, מיטן פרייעסטן, געווים, נאָר אַ באַוואָפנטער שלום! אַ שלום צווישן גלייכבאַרעכטיקטע ק אָ נ ק ו ר ע נ ט ן, און קאָנקורענטן פּאַקטישע, נישט טעאָרעטישע, נישט אויפן פּאַפּיר, אין רייכטום — גיטער און געלט, זען'מיר, גיטער־און געלט־קבצנים, נישט דער גלייכער שידוך, איז יעדער שלום — אַ דלות! וועט זיין רייכטום — אַרבעט, וועלן מיר, אויב מיר וועלן פאַר זיך אַליין נישט טראַכטן, בלייבן אַרבעטס־קבצנים און וועלן אויסקוקן אויף אַן איבערקערעניש פון לומפּן־פּראָלעטאַריאַט...

שלום, האַנט אין האַנט... שותפות! אָבער שלום מאַכן גלייכע מיט גלייכע. די האַנט, וואָס מען זוכט זי אויף תקיעת־כף, מוז זיין אַ שטאַרקע, אין שותפות מוז מען האָבן וואָס אַריינצולייגן!

פריער מוז געשטאַרקט ווערן די קעגנוואַרט, און פון איר אַרויס אָרגאַניזירט ווערן די צוקונפט! און דאָס איז די שרעק!

וואָס יידישקייט פאַרן ליבעראַל, סעפּאַראַטיזם פאַרן אַסימילאַטאָר און „כל־ישראל־פּאָליטיק” פאַרן ראַדיקאַל!

איז דאָס פּיליכט אונדזער „מיסיע”? מיר זענען דאָס משיח־פאָלק, אויסגעלייזט וועלן מיר ווערן גאָר צום סוף, ערשט מיטן לומפּן־פּראָלעטאַריאַט צוזאַמען...

ביז דער צייט וועלן מיר זיין די אַקושערן, וואָס העלפן ביי יעדער געווינען, וואָס ציען מיט צוואַנגען, מאַכן, ווו מען דאַרף, קייזער־שניט און קומט דאָס ניי־געבוירן קינד אויף דער ליכטיקער שיין, לייגט מען עס אין דער מאַמעס בעט אַריין, דעם אַקושער דאַנקט מען, שענקט אַ מטבע און מען עפנט אים די טיר...

און „זה הקטן גדול יהיה”, וועט פון שטוב אויפן גאַס אַרומלויפן,

א קונדאס ווערן, שטיינער ווארפן און טרעפן אמאל דעם אקושער אין פענצטער, אמאל גאר אין קאפ אריין...

מיסיע? משיח? מאדערנער אתה בחרתנו?... כע!

פאר מיר נישט!

„אבער „אני מאמין" זאגט מען יעדן טאג, „בכל יום אחכה" און צו משיחס צייטן איז אזוי ווייט, אזוי ווייט...

וועט מען דערלעבן? וועט נישט די ראסע די אויגן אויפעסן, איידער עס וועט שיינען די זון?

מיר האבן אזוינע ברייטע הערצער פאר אלע ל יי ד ן , און אפענע אפטייקן מיט שמירעכטס און פולווער פאר אלע קרענק — פארוואס איז פארגליווערט אונדזער הארץ פאר אייגענע לײדן און פיין? פארוואס האבן מיר קיין רעצעפט פאר אייגענע צופאלן? פארוואס איז „כל ישראל" אנטי-פראגרעס?

— אבער עס עקזיסטירט פארט נישט קיין כל־ישראל־פאליטיק.

— עס עקזיסטירט!

מיר מוזן שטענדיק גיין מיט אנדערע!

— ביז א געוויסן פונקט אין וועג... ווייטער וועלן מיר עס פרווון דעפינירן...

1912-13

אַ בריוו

...און אַזוי, מיין ליבער, זעסטו נאָר רויזן, נאָר רויזן! זעען זעסטו נאָר רויזן, הערן הערסטו דעם געשפּרעך פון גראָזן, און דעם געזאַנג פון דער נאַכטיגאַל... און דו ביסט פאַרגיפטעט געוואָרן, ווי דו דריקסט זיך אויס, פון רויזן־דופט, און דיין נשמה איז נאָר אַ לייכט וואָלקנדל פון רויזן־דופט...

און איך שטעל מיר פאָר, דו גייסט אין גאַס, דער גערטנער גייט פאַרביי און גיט דיר אַ שטויס אין זייט, וועסטו נישט צאָרנען אויף אים — אדרבא, דו וועסט זיך פרייען: אַ רויזן־בלוט האָט דיך באַרירט!

און אַ בלינדער אָדער אַ הינקענדיקער, אָדער אַן אַנדער מין קאַליקע שטייט צוגעשפּאַרט צו דער וואַנט, שטרעקט אויס צו דיר די האַנט און בעט אַ פּאָר גראָשן אויף ברויט, די נשמה צו דערהאַלטן...

און דיין טייסטער איז פול, אָבער דו גיסט נישט!

ווייל קיין פלאָגן זעסטו נישט, דו זעסט נאָר רויזן, די שטים פון געבעט הערסטו נישט — דו הערסט נאָר די שטים פון נאַכטיגאַל — —

די זון לאָזט זיך אַראָפּ אויפן הימל, ליידיקע, מידע שאָטנס וואָגלען זיך אום אין די גאַסן...

די נאַקעטע קינדער פון עלנט שטרעקן אויס די האַנט נאָך אַ זעקסערל — נאַכט־געלט צו באַצאָלן.

און די טעכטער פון עלנט צינדן אָן אין דער פינצטער זייערע מאַטע אויגן מיט דעם נשמה־פלאַם, וואָס איז נאָך נישט אויסגעקויפט געוואָרן — — —

און די דומפּיקע פוילעניש, צעמישט מיט דעם גאַסיקן שמוץ, הייבט זיך צום הימל — און ביי דיר אין מוח ווינגן זיך גרינגע שאָטנס, און אין הארצן ביי דיר רוישט אַ זילבערן קוועלכל, און דיין נשמה איז פול רויזן, לויטער רויזן...

און אַז דו גייסט אריין אין שעכט־הויז פון לעבן, הערסטו נישט דאָס כאָרכלען פון געקוילעטן קעלבל, און די ברכה פון שוחט דערגרייכט נישט צו דיין אויער, און דעם לעצטן אָטעם פון דער גסיסה הערסטו נישט, און דער גערוך פון דעם פּאַרגאָסענעם בלוט באַרירט נישט דיינע נאָזלעכער. נישט קיין קוילער, נישט קיין געקוילעטע, קיין געטויטע — דו האָסט שענערע פאַרלאַנגען: נאַכטיגאַל, געזאַנגען און רויזן...

און אַז דו גייסט אריין אין הקדש — אויב דו ביסט א דאָקטאָר אָדער דו האָסט דאָרטן א באַקאַנטן חולה, און דו קומסט אים געווויר־ווערן — זעסטו נישט די ווייטיקן, הערסטו נישט די קרעכצן, דיין מוח בלייבט רואיק, דיינע אויגן ווערן נישט פאַרוואונדערט, דיין האַרץ גיט אפילו נישט קיין ציטער — דו זעסט נאָר רויזן, הערסט דעם געשפּרעך פון די בלעטער אין די שפּיצן פון די ביימער... טייבעלעך וואָרקען... נאַכטיגאַלס טרעלן...

און אין טורמע — — —

אָבער אהין וועסטו קיינמאָל נישט קומען!

רויזן זינדיקן נישט... דאָס ליבע־זינגען פון נאַכטיגאַל איז נישט קיין זינד.

און דו זעסט דעם ליכטיקן טאָג, אָבער נישט זיין שטורעם...

אויף דעם שטילן גערויש פון די בלעטער האָסטו זיך דערצוינגן.

דו ביסט דער ערשטער מענטש אין גן־עדן געוועזן...

א קליין הייזעלע אין גן־עדן (זיינע ביימער האָסטו נישט געזען), די פענצטערלעך זענען — — אָפן פאַר אַלע פאַרבן פון געזאַנג און שטערן־ליכט!

שיינקייט און ליבע אין הייזל. שיינקייט און ליבע אָן אויפהער... אָן קראַנקייט, אָן קריגערייען, אָן נשמה, אָן בענקעניש צו דער אומענדלעכ־קייט, וואָס רינגלט אַרום דעם גן־עדן...

פאָטער, מוטער און קינד...

פאָטער, מוטער און קינד, און נאַכטיגאַל, און שיינקייט, און פאַרבן, און רויזן...

און דער גן־עדן ווייסט נישט פון קיין שטורעם... און בלומען קרענקען נישט, און קיין קריכנדע פאַראומרייניקן זיי נישט, און קיין פליג בייסט זיי נישט, און זיי וועלקן נישט דעם קיילעכדיקן יאָר, און אַז עס קומט זייער

צייט, פאַלט אויף זיי פלוצלינג אַראָפּ א שניי פון הימל... און דאָס לעבן ראַנגלט זיך מיטן טויט, און די רויזן וואַקסן אָן דערנער, און די וואָרצלען פלעכטן זיך טיף אין דער ערד, און קיין פאַרוואונדעטע נאַכטיגאַל פאַלט קיינמאָל פון קיין צווייג נישט אַראָפּ...

אָבער דעם קאַמף פון די וואָרצלען אונטער דער ערד באַמערקסטו נישט, און קיין רויז וועלקט נישט, און די ליבע איז נישט קיין קראַנקע, אַלץ לעבט, אַלץ איז שיין און אַלץ לעבט אייביק!

און דו לעבסט, און אַלע דיינע געליבטע און ליבנדע לעבן... און קיין איין ווייסער פלעק, קיין איין ווייסע מציבה האָט נאָך אויף דיר נישט געקוקט...

און דעם ים האָסטו געזען, אָבער נישט זיין שטורעם... און קיין צעבראָכענע שיף אויפן ים האָסטו נישט געזען, גליקלעך ביסטו, אָבער איך, איך בין דיר נישט מקנא...

1908.

נאָך גראָסערס לוויה

איך האָב גראָסערן פּערזענלעך נישט געקענט. אינגאַנצן צוויי צי דריי מאָל געזען און נ י ש ט ביי דער אַרבעט...

איך האָב נאָר צוויי צי דריי מאָל געזען אָן ערלעך, איבער־צייגט געזיכט, ערלעך איבערצייגטע אויגן, מיט אַ זיכערן פעסטן בליק ערגעץ אין דער ווייטקייט אַריין. אויגן, וואָס ז ע ע ן דאָס נאָכנישט גע־קומענע, דער קאָפּ פאָרויסגעבויגן — פאָרויס, צום נאָכנישט־געקומענעם!

עס איז מיר נישט אויסגעקומען מיט גראָסערן צו רעדן און איך האָב עס נישט געבראַוכט. עס איז גאָרנישט אַזוי וויכטיק צו וויסן, ווי דאָס נאָך נישט־געקומענע זעט אויס אין דעם אָדער יענעמס אויגן. גענוג איז צו וויסן, אַז דער און דער איז נישט צופרידן מיטן הייַנטיקן טאָג און זיין מאָרגן איז נישט זיין מאָרגן פּערזענלעך פאַר אים...

איך האָב אַמאָל אָפּגעטראָטן גראָסערן די פירונג פון דער איצט פאַרמאַכטער ליטעראַרישער געזעלשאַפט, און האָב אַפילו נישט אויסגע־פרעגט, אויף וועלכן וועג ער וויל פירן. אויף אַלע וועגן קען מען ברענגען משיחן. אַבי נישט געלעגן אין הייַנטיקן זומפּ. אַבי נישט געשטאַנען אויפן אָרט, און געזעסן אין שטוב...

ווי אַלט איז געווען גראָסער?

מיין אַ צופעליקע באַקאַנטע, זיינס אַ מומע, האָט זיך עמפּערט, מען האָט גראָסערן איבערגעגעבן די ליטעראַרישע געזעלשאַפט...

„אַזאַ סמאַרקאַטש"! — האָט זי געזאָגט מיט גיפטיקער ליבשאַפט...

ווירקלעך, ער האָט זיך געקאָנט עפּעס פּראַקטישערס און בעסערס אויסקלייבן אין לעבן. פאַראַן אָבער אייביקע קינדער, וואָס ווען זיי דער־זעען פון איין זייט אַ גאָלדענע קרוין און פון דער צווייטער — ברענענדיקע קוילן, כאַפּן זיי זיך צו די לעצטע.

און דאָס פּנים זיינס און די אויגן זיינע האָבן שטענדיק און אָפן פאַר יעדן געזאָגט:

— איך בין יונג, גרין און וועל שטענדיק זיך ציען צום פייער, אויס־שטרעקן די האנט צו הייסע קוילן...

אינגאנצן צוויי צי דריי מאָל געזען און דאָך. די „צופעליקייט" איז נאַטירלעך פאר אונדז, פאַר אונדז, וואָס האָבן וואָס ווייניק פון לעבן, און קאָנען נאָך ווייניקער נעמען אין באטראכט, אריינציען אין חשבון אריין... דאָס גאנצע ווייסט פון קיין צופעליקייט, אין געשטאַלט פון א טיפוס, האָט אים פלוצלינג געקרייצט דעם וועג, אָפּגעשטעלט, א זאָג געטון: עד כאן! און גראָסער איז פון לעבעדיקן וועג אראָפּ, בין איך געגאַנגען אויף דער לוויה. און נישט צוליב דעם „טויטן". אין קבר, אין דער ערד אריין, לייגט מען נישט דעם מענטש, נאָר זיין שאָל; נישט זיין אינערלעכן „איך", נאָר זיין פאַרקליידונג... דער קערפּער גייט צו דער ערד צוריק און דער גייסט — צום הימל"... מענטשן האָבן אזוי ווייניק צו טון מיטן הימל, אז קוים פליט דער גייסט ארויף, צו דער הויך, וואָס זיי וועלן און ווילן נישט דערגרייכן, לאָזן זיי נאָך טיפער זייער בליק צו דער ערד אראָפּ און וואַרפן זיך מיט דער גאנצער נשמה, מיטן גאנצן הארץ איבערן קערפּער, וואָס גייט צו דער ערד... נעצן אים מיט זייערע טרערן, באדעקן מיט זייערע ערשט פריש גע־קויפטע בלומען, דאָס מערסט קרענץ אויף דראָטן! — טאַטע מיינער! מוטער, מאַן, ברודער... קרוב, באַקאַנטער...

מען האָט פריער אין אים אויך נישט מער פאַרמאָגט, צו אים קיין אנדער באַציונג נישט געהאַט. און דאָס, וואָס איז אין דער ווירקלעכקייט ער, נישט זיין צופעליקייט געווען, דאָס בלייבט נישט. דאָס פליט, זאָגן זיי, ארויף, אין הימל אריין...

גראָסערס „איך" איז נישט אין הימל אריין... ער שוועבט צווישן די ווירקלעך, נישט צופעליק זייניקע, און ווערט פון זיי איינגע־עטעמט... און ער וועט אויפלעבן אין זיי...

עס איז מיר ווירקלעך נישט אינטערעסאנט געווען צו זען, ווו זיין הויט־זאַק וועט ליגן, וויפל קרענץ עס וועלן ווערן אויף זיין פאַרקליידונג געוואָרפן...

נישט קיין חבר בין איך געגאַנגען זען, און נישט קיין בר־מינן. „יקרא דחייא"!

איך האָב געוואָלט זען, ווער עס גייט נאָך — גראָסערן...

און איך האָב כמעט קיין אלטע לייט נישט געזען און האָב פאַרשטאַ־נען פאַרוואָס; „טאַקי סמאַרקאַטש"! האָט זיין מומע געזאָגט. און איך

האָב קיין קינדער נישט געזען. נישט די האַלב־ווילדע פון חדרים, און נישט די האַלב נאַקעטע פון תלמוד־תורה אַרויס...

אָבער יוגנט האָב איך געזען!

דער טויטער אַקער איז מיט־אַמאָל, ווי דורך אַ כישוף, פאַרפּלאַנצט געוואָרן מיט י ו ג נ ט, דאָס פעלד פון טויט האָט אויפגעבליט מיט לעבן. פון צווישן מציבות קוקן פרישע, יונגע, לעבעדיקע, לעבנזויגנדיקע אויגן אַרויס...

יוגנט און יוגנט!... ווי ווייט דאָס אויג פאַרנעמט — יוגנט!

ווייס איך, אַז מיר זענען נאָך נישט ג ע ש ט אָ ר ב ן נאָך אפילו אַלט נ י ש ט געוואָרן, אַז מיר האָבן, יוגנט...

און נישט געזיפצט און נישט געטרערט האָט זי, די יוגנט, אין די אויגן איז געווען טרייהייט, איבערגעבנקייט, ליבשאַפט. נישט צו דער שאָל, וואָס מען האָט אין דער ערד אַריינגעלייגט, נאָר צום ת ו ך, צום ע צ ם ע נ י ן, וואָס ווערט נישט באַגראָבן... און נישט צום קבר האָבן די אויגן שטיל־שווייגנדיק געקוקט, נאָר אין דער וו יי ט אַריין! און נישט שרעק פאַרן טויט איז געלעגן אויף די געזיכטער, און נישט די פאַרלוירנקייט פון שאָף, ווען דער פּאַסטוך פאַרשווינדט אויף אַ ווײַלע, נאָר די ז י י כ ע ר ק יי ט: דאָס אַלגעמיינע שווייגן האָט ה ו י ך געערדט:

— מיר ווילן זיך נישט פאַרלירן, נישט פאַרלירן! מיר קענען דעם וועג, חבר! גייענדיק פון מצרים, טראָגן מיר דיין קאַסטן נישט מיט, דיין גייסט איז מיט אונדז! ער גייט מיט אונדז...

מיר קענען דעם וועג, זיי רואיק, חבר!

.1912

װעגן, װאָס פירן אָפּ פון ייִדישקייט

די נעפּאַר

— אויף דער אָרדענונג פון טאָג — הייסט עס אויף דער צייטונגס־שפּראַך — האָט זיך, צווישן אַלדאָס־בייז, געשטעלט אויך די שמד־פראַגע.

און די געוויינלעך געדולדיקע ייִדישע עפנטלעכע מיינונג האָט אָנגעהויבן רעאַגירן.

אין אויסלאַנד — שטאָלצער און שטאַרקער.

פּראָטעסט־מיטינגען, אויפגעבראַכטע רעזאָלוציעס; מען הייבט אָן טייטן אויף די אָפּטריניקע מיט די פינגער, פאַרעפנטלעכן זייערע נעמען...

ביי אונדז, אין דער דערשלאָגנהייט, שטילער: עטלעכע צייטונגס־נאָטיצן; ציטאַטן פון אויסלענדישע סטאַטיסטישע שמד־ציפער; באַגלייט פון אַ ייִדישן יתום־קרעכץ, באַנעצט מיט אַן אַלמנה־טרער...

עס איז ביי אונדז „צווישן אַלדאָס־בייז".

אויבן־אָן — די אימיגראַציע, די טשערטאַ־פראַגע, דערנאָך אַלטע, נייע, באַנייטע און ניי־אויסגעטייטשטע גזירות, און שטילע עקאָנאָמישע פּאָגראָמען, און אָפענע באָיקאָטן, און „זונטיק־רו" און ייִדישע פאַבריקאַנטן, וואָס טרייבן פון פאַבריק אַרויס די ייִדישע אַרבעטער, און — די וואַרשעווער גמינע...

פאַראַן זיך מיט וואָס צו פאַרנעמען אויסער שמד...

און קיין ייִדעלעך — טראַכט מען דערביי — וועלן נישט פעלן... פאַלן עטלעכע פוילע בלעטער פון בוים...

קיין שמד־באַוועגונג — טרייסט מען זיך — איז נישט פאַראַן: קיין שמד־טעאָריע ווערט נישט געפּרעדיקט, קיין שמד־אַגיטאַציע ווערט נישט געפירט, נישט מאַסנוייז טרעט מען אָפּ...

איינציקווייז און דערצו שטיל, אויף־די־נעגל, ווי גנבים, שלייכן זיי זיך אַרויס אין קלויסטער אַריין; מאַנכע הערן נישט אויף צו צאָלן דעם ייִדישן געמיינדע־שטייער, מען זאָל פון זייער שאַנד נישט וויסן. עס בלייבט

גאנץ אָפּט ביז טויט און באַגרעבעניש אַ פּערזענלעכער סוד, העכסטנס אַ פאַמיליען־געהיימניש...

עמעץ איז אוועק. — אַ חרפּה, אַפילו אַ האַרץ־ווייטיק! אָבער דערביי גיט מען, נישט ווילנדיק, אַ טראַכט: פּאַרט פרייער געוואָרן אין אונדזער ענגשאַפט... אַראָפּ אַ יידישער קאָנקורענט פון מאַרק, געעפנט זיך אַ וואַ־קאַנץ אין אוניווערזיטעט, אין גימנאַזיום; לייכטער אָפּצוטעמען...

און דאָך איז עס, פון העכערן נאַציאָנאַלן שטאַנדפּונקט, נישט אַזוי לייכט צו נעמען; אָנשטעקנדיק צי ניין, — אַן „אונטערגאַנג" איז עס...

און נישט אין דער צאָל פון די אָפּטריניקעס שטעקט די געפאַר, נאָר אין דער ל י י כ ט ק י י ט, ב אַ — אין דער — ל י י כ ט ז י נ י ק י י ט פון שמד... אונדזער געשיכטע האָט ביז אַהער געוווסט פון אנוסים: מאַר־טירער, וואָס האָבן פאַרלוירן די קראַפט אומצוקומען אויף קידוש־השם, אונטער די שרעקלעכסטע לײדן און אומענטשלעכער פּיין...

מיר זענען געוווינט צו שמדות אַלס רעאַקציע נאָך אַ פאַלשער משיח־באַוועגונג: דער לעצטער פונקט פון האָפענונג איז אויסגעגאַנגען, דער לעצטער בינדנדיקער פאָדעם האָט געפּלאַצט, — אַלץ אוועק מיטן רויך...

מיר ווייסן און פאַרשטייען קאַנטאָניסטן. און די אַלטע הייבי־מיתות אין די פינצטערע קאַזעמאַטן פאַר פאַלשע בילבולים, וואָס האָבן זיך מיט אַביסל שפּרענג־וואַסער באַפרייט פון אַן אומזיסטיקער תליה...

און נישט מיט שפּינאָזאַס, וואָס אונדזער אייגענער בלינדער פאַנאַ־טיזם האָט פון מחנה אַרויסגעטריבן, האָבן מיר צו טון... און נישט מיט היינעס און בערנעס, וואָס האָבן אין ענגן פינצטערן געטאָ נישט געקאָנט אויסשפּרייטן די פליגל...

מיר האָבן צו טון מיט ק ל יי נ י ק יי ט ן : אין די ספערן, ווו מען טרעפט זיך אויג־אין־אויג מיטן קלענסטן פּיצל עולם־הזה, שפּרינגט מען איבערן יידישקייט אַריבער, ווי איבער אַ שטרוי...

עס איז שוין קיין טראַגעדיע נישט, קיין דראַמע; עס איז אין די ספערן אַ לייכטע קאָמעדיע געוואָרן, אַ פאַרס! און עפּעס האָט געמוזט פאַרבאָרגן ווערן אין אונדזער „דעניש קעניגרייך". די יידישקייט אין נע־ווייסע ספערן איז צו שוואַך געוואָרן און קאָן זיך דאָרט נישט ווערן קעגן מינדסטן און קלענסטן שמד־מאָטיוו...

א י ן א ו נ ד ז ע ר ש וו אַ כ ק יי ט ש ט ע ק ט ד י ג ע פ אַ ר...

און דעריבער איז די פראַגע פון „די וועגן, וואָס פירן אָפּ פון יידיש־קייט", אַזוי וויכטיק.

וועגן, וואָס פירן אָפּ פון יידישקייט

חומש מיט רש״י

קאָן מען נאָך אַלץ צום „יידישקייט“ נישט גיין; דער וועג איז אַלץ נישט פריי.

עס שלענדערט זיך פאַר די פיס דער באַלעבאָס און פאַר זיין פילאָזאָף — דער נביא פון נעכטיקן טאָג...

פון פאַרגאַנגענעם טאָג, אָן וועלכן דער פאַרגייענ־דיקער באַלעבאָס מוז זיך האַלטן, ווי דער פאַרמישפּטער צום טויט אָן די הערנער פון מיזבח.

און אויב דער מאָדערנער נערוון־קראַצער, דער מענטש פון „עט!“ און „קיי און שפּיי!“ איז געווען אַן אָנשיקעניש פון דרויסן, האָבן מיר איצט צו טון מיט אַ היימיש־געבאַקענעם, מיט אַן אייגענעם.

פון קלויז ארוים קומט ער, דער נביא פון נעכטיקן טאָג; קומט, לייגט זיך אין דער לענג און אין דער ברייט פון וועג צו יידישקייט, און וואַרפט זיך, און שלאָגט אַרום זיך מיט הענט און פיס, ווי אין אַן עכטער אָדער סימולירטער שווערער קרענק, און דאָס מויל־ווערק שוימט:

— נישט ווייטער גייט, נאָר צוריק!

— חומש מיט רש״י! אבותינו!...

— — — — — — — — — — — — — — — — —

אומעגלעך איז דאָס אויפלעבן פון דער יידישער אייגנאַרט, די באַ־פרייאונג און פרייע, ווייטערע אנטוויקלונג אָן דער ביבל, ווי עס איז אומ־מעגלעך א לעבעדיק בליענדער בוים אָן וואָרצלען אין דער ערד...

אָבער וואָרצלען אָן שטאַם, צווייגן, בלעטער און בליטן זענען קיין בוים נישט, נאָר אַן איבעריק איבערבלייבעניש פון א געוועזענעם בוים. —

פאַרן באַלעבאָס און זיין נביא איז עס, זעט אויס, גענוג...

איז יידישקייט חומש מיט רש״י!

עס איז אזוי איינפאך, און אזוי אויסגעפרווט ווערנד דער צייט, ווען די מילחמה צווישן יידיש און נישט־יידיש איז געווען די מילחמה פון אן אלט־בוך (די ביבל) און צוויי נייע (דער נייער טעסטאמענט און דער קאָראן).

הייסט עס:

ווייטער ציען דעם נעכטיקן טאָג.

און ער טוט אזוי, דער באַלעבאָס.

אזוי, ווירקלעך, טוט ער, דער באַלעבאָס מיט זיינע קינדער — די מינדערהייט — און מיט דער גרויסער מערהייט, מיט די אָרעמע קינדער פון פאָלק, ווי ווייט עס האָט זיך נישט פון זיינע הענט ארויסבאפרייט.

און קינדער זענען ביי אים נאָר יינגלעך!

מיידלעך זענען פריי.

מיידלעך לערנט מען שרייבן, לאָזט מען „לעזן" — שרייבן זיי, די מיידלעך, אויף צוויי און דריי שפּראכן, לעזן זיי אַלע ליטעראַטורן, אויסער יידיש... לעבן זיי מיטן „גוף" אין דער יידישער שטוב, מיט דער נשמה — אין דער פריירער גויישער וועלט — זענען זיי ארומגערינגלט מיט אומליבן, ווייל פאַר זיי אַן אומפאַרשטענדלעכן, היימישן, און בענקען און לעכצן צום פרעמדן...

ציט זיי פון דער היים ארויס, אין דער פרעמד אריין, יעדעס פרעמדע בוך, יעדער, אָן עלטערנס וויסן, אויסגעהערטער קאָנצערט, יעדער אויגנבליץ פון פאַרבייגייענדן פרעמדן...

גייט מען א צייט ארום פאַרמאַסקירט אין טאַטנס הויז, לעבט מען שפּעטער אַן אומדערטרעגלעך פאַלש לעבן מיטן האַלב־ווילדן מאַן; גייט מען דורך דער וועלט פאַרחלומט און צעוויייטיקט, מיט צעריסענע נשמות און פאַרבלוטיקטע הערצער און גאַנץ אָפט — איינמאָל פאַר אַלע מאָל זאָל עס געזאָגט ווערן! — געצויגן פון יעדן קלאַנג פון קלויסטער־גלאָק...

וועגן דער טראַגעדיע דאַרף מען אָבער גאַנצע ביכער שרייבן, נישט פאַרבייגייענדיק, דאָס וואַקסט פון די ראַמען ארויס...

וועלן מיר צוריקגיין צום טעמאַ:

יינגלעך לערנט מען תורה...

און נישט קיין תורה פאַרן לעבן און נישט קיין לעבעדיקע תורה.

אמאָל איז געווען, שפּעטער וועט זיין, און היינט א תורה פון „דרוש וקבל שכר" אויף יענער וועלט, אָן א שום באַציונג מיט דער וועלט, מיטן לעבן אונטער דער זון.

לעבט דאָס באַלעבאַטישע יינגל אַ טאָפּלט לעבן, אַ ה י י נ ט י ק ס און אַ נ ע כ ט י ק ס, זיגט, נאַטירלעך, דאָס ה י י נ ט י ק ע אי־בערן נ ע כ ט י ק ן, און טראָגט די מאַסקע פון נעכטיקן טאָג, כל־זמן טאַטע־מאַמע און שווער־און־שוויגער לעבן און גיבן קעסט, נדן, און וועלן איבערלאָזן ירושה. שפּעטער — נאָר דאָס וואַקסט אויך פון דער ראַם ארויס און איך בין קיין אַפּיטראָפּוס נישט פאַר באַלעבאַטישע קינדער...

אָבער ווי זעט אויס דער פּראָדוקט פון באַלעבאַטישן חומש מיט רש״י אין פאָלק?

די אַרויסגעלאָזטע פון חדר און תלמוד־תורה —

דאָס זענען:

די אַלע קליינהענדלער, וואָס די פּאָליציי טרייבט פון אָרט צו אָרט; די אַלע פאַקטוירים, וואָס שלינגען לופט; די גאַליציאַנער שענקער, וואָס פּאָרן קושן די האַנט און בעטן רחמים אין ווין... אונדזערע שפּיץ־ביי־שפּיץ־קעפּלעך — די קליינע איבערגעחכמהטע סוחרימלעך, וואָס די קאָאָפּעראַטיווע באַוועגונג וואַרפט אַזוי לייכט אַרויס פון שטעט און שטעטלעך און צעשטרייט, ווי זאַמד אויפן ווינט... אונדזערע עמיגראַנטן, אָן געווערב און שפּראַך, וואָס דער אַגענט שערט, ווי שאָף ביי דער גרענעץ, אין אויס־לאַנד פאַרבראַקירט (אַלס שלעכט מענטשן־מאַטעריאַל!) און געשיקט צוריק, און טייל וואַרפט זיך פון שיף אַראָפּ אין ים אַריין... די גליקלעך־איבערגע־קומענע פאַלן אַריין אין גיהנום פון סוועטינג־סיסטעם און לעבן שוין נישט מיט חומש און רש״י, — מיט דער געלער פּרעסע!

און דאָס זענען — אַלע הויקערס פון א ו נ ד ז ע ר גאַס, אַלע אויסגעמאָגערטע, מיט די ווייכע שמאָלע ביינער... די אָנגעצונדענע אויגן אין די טיפע לעכער, ווי די אָפענע ווונדן, די אַלע שאָטן פון עולם־התוהו, וואָס שפּייען גאַל און שלינגען לופט.

וואַקסט דאָס אָבער נאָך מער אַרויס פון דער ראַם.

אָבער ווען נישט דער ייד, ווי זעט אויס דאָס יידישקייט?

וועגן, וואָס פירן אָפּ פון יידישקייט

דער ערשטער וועג

צייטלין האָט אַמאָל געשריבן:

„אַ הימל האָט ער, פּרץ, אָבער נישט קיין גאָט אין הימל!"

די ערשטע העלפט פון דער פראַזע איז געווים אַ קאָמפּלימענט — און איך פאַרנויג מיך מיט אַ ליבלעכן, פאַרבינדלעכן שמייכל! בעסער שפּעטער אַלס קיינמאָל.

פאַר דאָס די צווייטע העלפט באַשטעטיק איך גאַנץ באַשטימט און אַנטשידן.

איך ווייס אַפילו נישט, ווו זיין ליבן נאָמען צו זוכן:

פאַר דער וועלט, — ער איז איר באַשעפער?

נאָך דער וועלט, — ער שיילט זיך ערשט אויס פון איר?

פיליכט נאָר אין דער וועלט: ער איז איר גייסט; איר אַל־געמיינער ווילן, וואָס אַנטפּלעקט זיך אין פאַרשידענע פאָרמען, אין קערפּער באַקליידטע; איר רעגענט אָדער באַצווינגער, דער באַצווינגער פון טויט און קערפּערלעכער פוילקייט; איר געפאַנגענער, וואָס ראַנגלט זיך, רייסט אירע קייטן, ברעכט די מויערן פון איר תפיסה, און באַפרייט זיך, אום ענדלעך אַמאָל אַנטפּלעקט צו ווערן?!

פיליכט נאָר איז די וועלט דאָס ליים, און ער — דער קינסטלער, וואָס פירט ארויס וואָס אַמאָל שענערע און קרעפטיקערע פאָרמען, פאַרקערפּערנדיק אַזוי ערנאָך זיינע קינסטלערישע טרוימען און — „כחומר ביד היוצר" — ווי דאָס ליים ביי דעם טעפּער אין דער האַנט, צעברעכט ער אַליין־איינעם דאָס אַלטע, שאַפט נייע און וועט אַמאָל דעם נייעסטן, דעם שענסטן, דעם העכסטן שענקען די אייביקייט?

ווי עס זאָל נישט זיין — ער איז דער קוואַל פון לעבן!

לעבן הייסט — האָבן געטלעכע פאָרשטעלונגען און, אין אַ געוויסער

מאס, געטלעכן ווילן, די פארשטעלונגען אויסצופירן, דאס ארומיקע, לויט פארשטעלונג, אידעע און ווילן צו ענדערן, ארויספירנדיק וואס אמאל נייע פארמען, א שותף זיין צו מעשה־בראשית!

איך לעב, האב איך דעריבער אין מיר א געטלעכן פונק! דאס האבן אלע, וואס לעבן, און פילן פיל איך, אז אלע לעבט!

דעם געטלעכן פונק האט אויך ד ע ר, וואס ל יי ק נ ט אין גאט. ביי דעם איז נאר א מיספארשטענדעניש, א טעות א קליינער: ער לייקנט אין פרעמדע פונקען, וואס האבן זיך, אין זייער אייטלקייט, א י ן גאנצע געטער פארקליידט! און ער קאן זיך פונעם גלויבן אין זיי נישט באפרייען!

דעם געטלעכן פונק האט אויך דער לעסטערער!

איך רעכן — נאך אין א גרעסערע מאס! עס לעסטערט די פארצווייפלטע ליבשאפט, וואס בענקט צום קוואל פון לעבן און קאן צו אים נישט קומען!

עס צווינגט די געקרענקטע מענטשלעכע בארעמהערציקייט, וואס קאן נישט איבערטראגן די פיין און ליידן, וואס ווערן אין גאטס נאמען אין אזא אומענדלעכער מאס פארטיילט און אויסגעטיילט! וואס ווערט עמפערט ביז שיגעון, זעענדיק דאס בלוט, וואס ווערט אין זיין נאמען פארגאסן!

„איוב" שרייט! די טיף־באליידיקטע, צום טויט־פארוואונדעטע גערעכטיקייט...

און, איז ער די סומע פון אלע געטלעכע פונקען; זענען ליבשאפט, בארעמהערציקייט און גערעכטיקייט די געטלעכע אטריבוטן אינעם מענטש!

לייקענער און לעסטערער זענען די, וואס פון געטלעכן פונק באלעבט, וואקסן זיי, און, וואקסנדיק, זענען זיי די באשטייענדיקע געטער־פארשטעלונגען, און אין די אפגעשטעלטע נארמען און פארמען ווי אזוי מיט די געטער צו פארקערן — איבערגעוואקסן; העכער פאר זיי, ערלעכער, בעסער און ערהאבענער געווארן, און קאנען זיך שוין צו די געטער נישט ארא‎פבייגן, די ביינער אינעם רוקן פלאצן, אזוי נידעריק זענען פאר זיי די צייטיקע געטער געווארן!

און דאך איז דער פונק צו קליין, אדער דער „קערפער", וואס ווערט פון אים באלעבט, צו פויל, צו הארט, און עס פעלט די קראפט נייע פארמען צו באשאפן, — עס פעלן דער מוט און די שעפערישע פאנטאזיע! — ווערן זיי נאר אברהמס, וואס צעשטויסן די געצן, און באקומען קיין

גאָט; די אָפּרייניקער פון בייזן און שלעכטן, וואָס קאָנען קיין גוטס באַשאפן; די באַן־ברעכער פארן נייעם נביא, וואָס וועט נאָך זיי שפּעטער קומען, דעם פּלאַץ פריי האָבן און אָפּגערייניקט, און וועט פאר דער העכערער פאָרשטעלונג א נייעם טעמפּל בויען!

אָבער דעם לייקענער צום לעבן גערופן, דעם לעסטערער דאָס פאַרניכטנדיקע וואָרט אין מויל, דעם צעשטערער — די האַק אין דער האַנט אריין האָט איר געגעבן, איר, די אָפּשטעלער, די באַפּעסטיקער, איר וואָס ווילט דורכוים האָבן פאַרגליווערטע פאָרשטעלונגען! אַנדערע ווילן פאַרהאָלצטע, פאַרשטיינערטע, מיט פּענדזל אָפּגעמאָלטע, איר — עם־הספר־קינדער! — באַנוגנט אייך מיט פּעדער־באַשריבענע, מיטן וואָרט איינמאָל פאר אלע מאָל אָפּגעצייכנטע — אָבער אַלץ אָפּגעשטעלטע פאָרמען!

אַן אַנדערע און, אמת, א העכערע פאָרעם!

דאָס וואָרט איז ווייכער, סימבאָלישער, אָבער אלץ — נעצנדינעריי!

— — — — — — — — — — — — — — — — —

וואָרום, קאָן זיך ווער מיט די געטלעכע פונקען נישט באַגניגן, מוז דורכוים האָבן אַ פאָרשטעלונג פון אַ דורכוים פּערזענלעכן גאָט (היינע האָט אים צולעצט אַנדערש נישט פאָרשטאַנען). מוז ער זי האָבן, ווי משה האָט זי געהאַט — אין דער עכט־יידישער (אַמאָל העברעישער) פאָרעם, דאָס הייסט: אָן אַ באַשטימטער פאָרעם!

„געדענקט — ווערט ביים סיני געזאָגט — איר האָט קיין בילד און קיין געשטאַלט נישט געזען".

נישט: עס איז נישטאָ, עס וואָלט דאָך קיין פּערזענלעכער גאָט נישט געווען! נאָר — איר האָט נישט געזען, איינציק און אליין די שטימע זיינע האָט איר געהערט! קיין באַשטימטע בילדער פון אים קענט איר, טאָרט איר דעריבער נישט מאַכן.

און געפילט מוז דער פּערזענלעכער גאָט ווערן אַלס גייענדיקער! ווער עס שטעלט זיך אָפּ, שטאַרבט; גאָט מוז זיין לעבן!

און דעם מענטש פאָרוים מוז ער גיין, ער דאַרף בענקען צו אים, שטרעבן צו אים, פון אים אלץ ווייטער און העכער געצויגן צו ווערן, — געטער, וואָס ווערן געטראָגן און מיטגעשלעפּט, זענען געצן!

„דאָס האָבן די, וואָס איך פאַרטרייב פאַר אייך!"

און אלץ פאָרביי מוז ער גיין! אין מאָמענט פון עקסטאַז און אַנטפּלעקונג, באַווייזט ער זיך און ווערט פון הינטן

געזען... דערזעט אים ווער פון פאַרנט, קאָן ער מער נישט לעבן, — דער האָט אלץ דערלעבט! לעבן איז נאָר שטערבן! און ווייט מוז ער זיין פון מענטש, ער וועט אים קיינמאָל נישט דערגרייכן: זיין לעבן אין א שפּאַן; געטער ווייטער אויף א שפּאַן, זענען געצן!

נישט אינעם געוועזענעם, וואָס איז פאַרביי, נישט אין באַשטייענדיקן, וואָס גייט אָפּ, איז גאָט! „אהיה אשר אהיה!" אינעם שפּעטער, אין דער אייביקער צוקונפט, אין דער אייביקייט איז גאָט! אייביק מוז זיין דאָס שטרעבן צו אים! —

— — — — — — — — — — — — — — — — —

און איר וואָס ווילט?

ווילט איר, איר חומש־מיט־רש"י־פריידיקער, צוריקרופן דעם נעכ־טיקן טאָג?

גלוסט זיך אייך, איר אָפּשטעלער, אויסציען, וויינקסטנס דעם היינט, איבער זיין גרענעץ און נישט צולאָזן דעם מאָרגן?...

ווייסט איר, וואָס דאָס באַטייט?

נעמען דעם לעבעדיקן זאָמען, ארום וועלכן די שאָל האָט געפּלאַצט, וואָס דאַרף אויפסניי פאַרפלאַנצט ווערן, וואָס זאָל שענער און פאַרביקער אויפשפּראָצן, און צוריק אין דער שאָל פאַרשליסן, און פאַרבינדן און ארומדראָטן די שאָל און א שפּרוך זאָגן: זאָמען, וואַקס אין דער ענגשאַפט, וואַקס אין דער פינצטער!

דאָס הייסט אויך: די טויטע צו קבר־ישראל נישט ברענגען, אין שטוב לאָזן און פאַרפעסטן די לופט!

וואָס נאָך טוט איר?

אייערע דערוואַקסענע קינדער ווילט איר צוריק אין דער וויג ארייג־שטויסן, מיט בענדעלעך בינדן, מיט שנירעלעך שנירן, אָדער נאָך — אין דער געבער־מוטער אריין! וואָרעם און פינצטער איז דאָרט! און ווערט אייך ווידערשפּענסטיק דער יונגער דור, צערייסט ער אייער שפּינוועבס, וואָס איר האָט פאַר קייטן געהאַלטן, ברעכט ער אייערע שטרויענע „מויערן" און אַנטלויפט פון אייער פאַרפעסטעטער תפיסה, און גייט אָפּ פון אייך און אייער יידישקייט, שילט איר און שרייט, נישט באַמערקנדיק, אז דעם ערשטן וועג, וואָס פירט אָפּ פון יידישקייט, האָט איר געעפנט, איר אָפּשטע־לער, געבאַנט —

ווען אויך נישט דירעקט.

וועגן, וואָס פירן אָפּ פון יידישקייט

די פאַרפרעמדעטע אינטעליגענץ

נאָמאַדן־בלוט; אַ וואַנדער־פאַמיליע אין דער וויסטעניש.
אינעם בלוט — ערלעכקייט; גערעכטיקייט, — און אַזוי איז זיין גאָט. וואָס וואַנדערט מיט אים, און איז דעריבער נישט פון האָלץ און נישט פון שטיין, נאָר אַ באַוועגלעכער לעבעדיקער גאָט.

אַן ערהאַבענער גאָט־באַגריף; אַ פרייער און אָפענער וועלט־באַגריף, אָן גרענעצן, אָן אונטערשיידן...

און פאַרלאָזט מען די וויסטעניש און ווערט געוואַנדלט איבער לענדער, קען מען זיך מיט די איינגעזעסענע נישט מישן, קאָנגזייטיק שטויסט מען זיך אָפּ, לעבט מען באַזונדער, אַנטלויפט מען, ענדלעך, פון דרוק און צוואַנג און מען זוכט זיך אַ באַזונדער לאַנד...

ווערט עס באַצווינגען, דער פאַמיליען־גאָט ווערט דער גאָט פון אויסגעוויילטן גאָט אינעם אויסגעוויילטן לאַנד. עס וואַנדלט נישט מער, עס האָט זיין טעמפּל אין לאַנד.

נאָר אויסראָטן די איינוווינער האָט דאָס האַרץ נישט געלאָזט, אַרומצוימען דאָס לאַנד פאַר פרעמדע, באַשווערן זיי דאָס לעבן אין לאַנד, האָט די ערלעכקייט נישט דערלויבט. באַפאַלן און באַצווינגען אַנדערע פעלקער האָט די גערעכטיקייט נישט געקאָנט, אַ קליין פאָלק, אַ באַזונדער שטאָט, — אַ שטאָט פון כוהנים און אַ הייליק פאָלק... איז עס מיט דער צייט געפאַלן...

איז אָבער דאָס פאָלק געוועזן זיין שעפער, נישט דער פּראָדוקט פון זיין שטאָט; דער בויער פון טעמפּל פאַר גאָט, נישט דורכן טעמפּל צונויפגעקליבן און פאַרייניקט, דער איינריכטער פון דער סאָציאַלער קולטור־עקאָ־

נאָמישער פּאָרעם אין לאַנד, נישט אין איר טיגל א צוזאַמענגעשמאָלצענער, — לעבט דאָס פאָלק איבער זיין פרייהייט און זיין שטאַט, אזוי ווי זיין שפּראַך און זיין טעמפּל, מיט אלע זיינע קולטור־עקאָנאָמישע פאָרמען און גייט נאָכאמאָל וואַנדערן איבער דער וועלט... און גאָט גייט ווייטער מיט!

ווערט ביי אים דער אינסטינקטיווער באגריף פון גאָט און וועלט קלאָרער, באוווסטזיניקער; ווערט פון פאָלק א וועלט־פאָלק; דער גאָט, וואָס פארלאָזט נישט און ליידט גלות מיט אים צוזאַמען — א גאָט פון דער וועלט... ווערט די וועלט, דאָס גאַנצע גלות־פעלד — די ארענע פון שטרייט צווישן איינציקן **גאָט** און **געטער**... זיגן וועט גאָט!...

די וועלט איז נישט פריי פון קאַמף און קריג, פון צוואַנג־ארבעט, רויב און פיין און אונטערדריקונג... ווייל גאָט איז נאָך **איבער** דער וועלט, נאָך אין איר נישט **אריינגעדרונגען**...

נאָר די צייט וועט **קומען**, זי מוז קומען... גאָט וועט מישפּטן די פעלקער און רייניקן די וועלט, משיח וועט קומען... מיר וועלן אים ברענגען. מיר, די שוואַכסטע, די מאַרטירער פון גאָטס נאָמען! און אריינגעשפּארט אין אלערליי עקאָנאָמישע סעפּאַראַט־סטרוקטורן, אריינגעפּליישט אין אלערליי סאָציאַל־פּאָליטישע קערפּערשאַפטן, ליידנדיק אונטער דער הערשאַפט פון פּראָווינציאַליטעט־אימפּעראַטיוון, פּאַטריאָטיזמען, מוטוויליקייט און אויבערמאַכט, איבערטראָגנדיק אלע קוואַלן פון דער מינדערהייט און שוואַכקייט — — לעבט דאָס פאָלק און בלייבט זיך געטריי!

האָט עס זיין געוועזענעם שטאַט הינטער זיך אַלס גאָלדענע יוגנט־דערינערונג, און זיין קינפטיקן וועלט־שטאַט,—זיין משיח־וועלט—פאַר זיך, אַלס קירנדיקן שטערן, שפּינט זיך דאָס פאָלק פון ביידע זיינע לעגענדן, וועבט עס זיינע סימבאָלן, באַשטראַלט פון ביטחון, פון הייליקן גלויבן און פאַלט קיינמאָל נישט אריין אין מרה־שחורה! קומט א וואָל אקעגן, בייגט עס א ווײַלע אראָפּ דעם קאָפּ, און הייבט אים באַלד צום גאָט אין הימל צוריק; און קומט א צרה — האַלט עס זי אויס, פארגעסט זי לייכט און באַלד... עס וויל נישט געדענקען און דערמאָנען זיינע יסורים; אבי ווייטער, אבי איבערלעבן די קוואַל, אבי משיחן דערלעבן...

אזוי לעבט, האָפט און גלייבט דאָס פאָלק!

און די אינטעליגענץ? די תינוק שנשבהם, די נאַשער אין די פרעמדע קיכן!

עס איז א טראגי־קאָמישע דערשיינונג:

מיר האָבן קיין איינציקע פ י ז י ש ע גרענעץ, וואָס זאָל אונדז מאַ־טעריעל אָפּטיילן פון דער וועלט; פאר דאָס — וויפל פעלקער, צווישן וועלכע מיר זענען צעשפּריים, אזויפיל גייסטיק־מאָראַלישע גרענעצן...

איז אונדזער אינטעליגענץ די גרענעץ ־ באַפעלקערונג... האָבן מיר „נחת" פון איר!

שטעלט זי אונדז צו „פעלקער" — קאָנטראַבאַנדיסטן, וואָס שמוג־לען אריין פרעמדע קולטור־ווערטן, מאַנכמאָל „חוזק האָט דעם טאַטן נישט דערקענט" — א ביבלאַרטיק אַגראַר־געזעץ, אלס פרעמד געוועב; אָפּט א שטיק „חובת הלבבות" פון גראַף טאָלסטאָי איבערגעקייט... איבערהויפּט זענען זיי די קולטור־טרעגער, צווישן אונדז און אנדערע — די שתדלנים, די שלום־ און פשרה־מאַכער און מליצי־יושר... ציילן זיי די מעדאַלן, וואָס יידישע סאָלדאַטן האָבן באַקומען, די אָרדערן פון קאָמערציען־ראַטן און דערגלייכן, און פאַרלאַנגען: רעכט! נישט פאר א ו נ ד ז און נישט פארן מ ע נ ט ש, נאָר פאר אַנדערשאַרטיקע —רוסן, פּאָליאַקן, פראַנצויזן... קאָנען מיר נישט שיסן? נישט טייטן, נישט פּאָליטיש־שווינדלען?

און צו אונדז קומען זיי, די אלערליי שפּראַכן — אויסער יידיש־רעדנער מיט בשורות.

— קרייציקט דאָס בלוט און פארשווינדט!

— ווערט קריסטלעכע יידן... איבערקוקן דעם פּראָצעס... אָדער גלאַט „ככל הגויים"...

זוכט אייך אייער הערשאַפט, בויט אייך אייער מ ע ר ה י י ט, זאָל ערגעץ געזעץ ווערן אייער א י ב ע ר ג ע וו א ל ט... אייער פּי־זישע קראַפט, — וואָס גייט אייך אָן די וועלט און דער גאָט פון דער וועלט?

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

די פארגליווערטע באַלעבאַטישקייט פון איין זייט און די פאר־פרעמדטע אינטעליגענץ פון דער צ ו ו י י ט ע ר — דאָס עפּנט די וועגן, וואָס פירן אָפּ פון יידישקייט... כדי עס זאָלן פארמאַכט ווערן די וועגן, מוז באַשאַפן ווערן א נייע י י ד י ש ע אינטעליגענץ, וואָס זאָל קולטי־ווירן אייגענע ווערטן און פריי באַוועגן דאָס פאָלק!

אויפסניי מוז אויפבליען א יידיש ל ע ב ן, די ביבל מוז גע־טראָגן ווערן צום פאָלק אלס זאָמען, די יידישע פאָלקסטימלעכע סימבאָלן און לעגענדן, אויפסניי אויפגעפרישט, וועלן זיין טוי און רעגן! אויפלעבן וועט דאָס פעלד, אויפלעבן וועט דאָס פאָלק, אויפוואכן צום ליידן פאַרן אמת און צום פעסטן גלויבן אין זיין זיג!...

אויפגעהויבן מוז ווערן די פאָן פון י י ד י ש ן רענעסאנס. פון מ ש י ח א ו ן וו ע ל ט־מ י ש פ ט, און וו ע ל ט־ב אַ פ ר י י־א ו נ ג — פון דער קינפטיקער פרייער מענטשהייט!

דאָס איז די מיסיע פון אייביקן פאָלק, פון וועלט־פאָלק, דאָס מוז געבן דאָס יידישע לעבן, דאָס יידישע הויז, די יידישע שול, דאָס יידישע טעאטער, דאָס יידישע בוך און אלץ, וואָס יידיש איז.

בילדונג

(פֿאָרוואָרט צום ערשטן באַנד „יידישע ביבליאָטעק")

אונדזער פּראָגראַם איז — בילדונג; מיר ווילן בילדן דאָס פֿאָלק, מאַכן אויס נאַרן — קלוגע, אויס פֿאַנאַטיקער — געבילדעטע מענטשן; אויס ליידיקגייער און לופֿט־שלינגער — אַרבעטער; נוצלעכע, אָרנטלעכע מענטשן, וואָס אַרבעטן פֿאַר זיך, און דעם כּלל קומט דערפֿון אַ טובֿה אַרויס.

אונדזערע שונאים זאָגן, אַז דער כּלל יידן איז בלוט־איגל (פּיאַווּרקעס), קאַטאָרזשניקעס, כּל־בוניקעס... אונדזערע שפּעטער זאָגן, אַז דער יידישער מוח איז אַ פֿאַרפּוילטע הושענה, דאָס האַרץ — אַ קיזלשטיין, די הויט — פֿאַרוואָרלעסיקט, און אַלע אבֿרים — קרום און לאָם.

אונדזערע שאָוויניסטן זאָגן: אַז ישׂראליק איז גאָטס בן־יחידל — זיין וויג איז אמונה, זיין קאָפּן־קישעלע — ביטחון, זיינע ווינדעלעך — יריעות פֿון בית־המיקדש, זיין פּליניאַק — אַ פּרוכת, זיין וויקל־שנור — משה רבינוס גאַרטל, זיין האַרץ — מלאָכים־לעבער, זיין מוח — דער אָרון מיט די כּרובֿים, זיינע ציעמיענעס אויפֿן קאָפּ — הייליק לבֿנון־גראָז.

מיר זאָגן איינפֿאַך: מיר יידן זענען מענטשן, ווי אַלע מענטשן! מיר האָבן מעלות, מיר האָבן חסרונות. מיר זענען נישט קיין געטער, נישט קיין טייוואָלאָנים, נאָר מענטשן. און מענטשן דאַרפֿן זיך בילדן, שטענדיק לערנען, מיט יעדן טאָג ווערן קליגער, בעסער און פֿיינער.

בטבע זענען מיר גלייך, ווי אַלע מענטשן, און דאָך איז אונדזער פֿאָלק נישט גלייך צו אַנדערע פֿעלקער, ווייל אונדזער לעבן איז אַנדערש, אונדזער געשיכטע איז אַנדערש, אונדזער רבי איז — דער גלות...

דעם גלות האָבן מיר צו פֿאַרדאַנקען אַ סך, אַ סך מעלות, נאָר אַ סך חסרונות אויך. אין דעם טויזנט־יעריקן לעבנס־שטרייט, בפֿרט פֿאַרצייטן, ווען אַלע פֿעלקער האָבן כּוח געזאַמלט און באַנוצט אויף מאָרד,

ברענען און צווינגען, האָבן מיר כוחות געזאַמלט און באַנוצט אויף סבלנות, אויף אויסהאַלטן, אויסדולדן, איבערלײדן די שלעכטע צייט. י ע ד ע קראַפט וואַקסט אַזוי לאַנג, ביז זי טרעפט אויף אַ גרעסערער און פּלאַצט, ווי אַ זייפנבלאַז, א ו נ ד ז ע ר קראַפט וועט שוין אויף קיין גרעסערע נישט טרעפן. דעריבער זענען אַ סך פעלקער אונטערגעגאַנגען און מיר לעבן און ווילן לעבן אייביק...

צייט מיר זענען אין גלות, האָבן מיר אויף אונדזער געוויסן, אויף אונדזער „יהדות" קיין איינציקן טראָפּן פרעמד בלוט; דער פעלקער־פאַנאַטיזם האָט אונדזער פּאָן מיט בלאָטע באַשפּריצט, מיר האָבן אים מיט אייגענעם בלוט געוואַשן.

און ווייל מיר זענען אין גלות, ווייל מיר עסן שטענדיק ביי אַ פרעמדן טיש, ווייל מיר זענען אייביקע אומגליקלעכע אורחים אויף דער וועלט, דעריבער האָפן מיר צו דער מענטשהייט, דעריבער איז מענטשלעכקייט אונדזער הייליקסטער אידעאַל, דעריבער איז אונדזער ע ג אָ י ז ם (אייגנליבע) די ריינסטע מענטשן־ליבע! ווייל מיר פילן, אַז כל־זמן די מענטשן־ליבע וועט נישט גובר זיין, כל־זמן עס וועט זיין קינאה־שינאה, תחרות און מילחמות, וועט אונדז נישט גוט זיין, דעריבער בעטן מיר שטענדיק אויף שלום, דעריבער זענען אונדזערע הערצער, ווי אַ שוואָם פאַר אַלע נייסטע אידעען, דעריבער האָבן מיר הארץ, געפיל און מיטלייד מיט אַלע אומגליקלעכע, מיט אַלע פאַרטריבענע, מיט אַלע געיאָגטע... דעריבער זענען מיר „רחמנים בני רחמנים"...

און ווייל קיינער וויל פאַר אונדז נישט זאָרגן, ווייל מיר האָבן שטענדיק געמוזט זיך אין זינען האָבן אַליין, ווייל מיר האָבן שטענדיק צווישן שונאים געלעבט, ווייל אונדזער מאָרגן איז קיינמאָל נישט זיכער געווען, ווייל אונדזערע מחיות זענען שטענדיק באַגרענעצט, האָבן מיר זיך מיט דער צייט צוגעוווינט צום זאָרגן, צום דענקען, צום איינשפּאָרן; צו האַלטן שטענדיק קאָפּ, צו באַהאַלטן אויף אַ שלעכטן טאָג, צו וואַקסן אויף סקאַלעס אָן רעגן, אָן טוי...

און ווייל מיר האָבן נאָר מיט אונדזער גייסט געשטריטן, ווייל די הענט האָבן מיר געמוזט האַלטן ביי זיך, זענען מיר גייסטיקער און איידעלער געוואָרן...

די רעשט האָבן מיר צו פאַרדאַנקען אונדזער תורה, אונדזערע נביאים און אונדזערע בעלי־התלמוד.

די איינהייט גאָטעס (אחדות הבורא), וואָס איז היינט אַלס „די

איינהייט דער קרעפטע" באוויזן; דער „ואהבת לרעך כמוך" 1), וואס אלע פעלקער זאגן אונז נאך, כאטש פון צונג צום הארץ איז ווייט און צו דער האנט — נאך ווייטער; דער „חקה אחת לכם ולגר הגר בתוככם"2), וואס דער נײַנצנטער יארהונדערט קאן אים נאך נישט פארדייען; די בריק, וואס די תורה האט געווארפן איבער דעם תהום צווישן רייך און ארעם מיט „לקט, שיכחה ופאה" 3), דער איסור פון פראצענט 4), דאס באַ־גרענעצן פון נעמען משכנות, דער צער בעלי־החיים, וואס איז פול אין אונדזערע חוקים, שלומה המלכס געבעט ביי חנוכת־הבית, די נביאות, וואס וויזן אונדז די מענטשהייט אלס דאס גרעסטע גליק און אידעאל; און — די זעלבע מאמרים, דערגענצט און דערלייטערט אין תלמוד בבלי וירושלמי, דאס אלץ איז אונדזער אייביקער שטאלץ.

דאס איז די קווינט־עסענץ פון אונדזער „אתה־בחרתנו"! נאך דעם ערשטן גלות (מיצרים) האבן מיר דער וועלט א תורה געגעבן. אינעם צווייטן און דריטן גלות זענען מיר א לעבעדיקער פראטעסט קעגן קינאה, שינאה, קעגן פיזישער קראפט, קעגן „כל דאלים גבר"!

דאס איז אבער נאר דער אדלער פון רענדל, דאס רענדל האט אבער א „רעשקע" אויך; אין קעלער פוילט די בעסטע פרוכט און וואקסט אי־בער; מיר ליגן שוין טויזנטער יארן אין פינצטערן קעלער!

ארום דער „אחדות הבורא" זענען געוואקסן: כישוף פון כשדים, מלאכים פון בבל, סגולות פון אפריקע, פאנאטישע זאבאבאנעס פון איי־רעפאעישן מיטלאלטער, נאכגעמאכטע פאקטוירים צווישן גאט און מענטשן — גוטע־יידן!

אויף דעם ארט, וואס די ריינע רעליגיע זאל אונדז פאריניקן, שפאלטן אונדז פארשידענע פאנאטיזמען אויף דייטשן, מיתנגדים און הונ־דערטער פארטייען חסידים; ווייל אמת איז דא נאר איינער, שקרים — א סך! און יעדער שקר וויל זיינע בתי־מדרשים, זיינע רבנים, שמשים, שוח־טים, זיינע שיל־קלאפער, זיינע פאנאטיקער... און איר ווייסט, ווי טייער

1) האב ליב דעם צווייטן ווי זיך אליין.

2) איין רעכט פאר אייך און פאר פרעמדע, וואס וועלן וווינען צווישן אייך.

3) לויט דעם געזעץ געהער צום ארעמאן: דאס, וואס ער קלויבט אויף, וואס דער באלעבאס פארגעסט אויפן פעלד, און די עקן פונעם פעלד.

4) את כספך לא תתן בנשך.

עס קאָסט אונדז דאָס שפּיל... וויפל ממון און דמים עס וועט פאַרגאָסן...

און — אויף דעם אָרט פון איין רעליגיע פאַרייניקט אונדז איין חילול־השם! מיר צעפאַלן אויף מאַסן קופּקעלעך. יעדער פאַנאַטיקער וויל פון זיין גאַרטל מאַכן אַן אוהל איבער כל־ישראל, מען זאָל די וועלט פאַר זיך נישט זען, נאָר באַגניגן זיך מיט זיין נשמה־ליכטל, וואָס רייכערט און לייכט נישט...

זאָל זיך אונדזער ציוויליזאַציע, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיט רחמנות, מיט ליבע, מיט מענטשלעכקייט, מיט חכמה — ענדיקן מיט צדיקים, צו וועלכע דער ריבונו־של־עולם איז ביבחינת עבד, מיט געשלעג, מיט רדיפות, מיט מענטשנהאַס, מיט פאַנאַטיזם? זאָל זיך די גאָלדענע קייט ענדיקן מיט בליי?

מיר ווילן קיין רעפאָרמען!... ווער עס רוקט אָפּ די סטאַווידלעס פון דעם אָרט, ווו די פּאַליעס שלאָגן, אויף דעם אָרט, ווו דער טייך איז רואיק — טוט נישט דעם טייך, נאָר די סטאַווידלעס א טובה!... מיר ווילן נאָר בילדן דאָס פאָלק! מיר ווילן אויפווייזן, וואָס עס איז א ו נ ד ז ע ר און וואָס עס איז פ ר ע מ ד; וואָס עס איז קערן (זשאַרנע) און וואָס עס איז פּלעווע און שטרוי; אויך אומפּלייט, וואָס האָט זיך צו אונדז צו־געטשעפּעט אויף פאַרשידענע גלות־בעטן!... מיר ווילן נאָר ליכטיק מאַכן אין אונדזערע מוחות, אַז די גוטע אמתע אידעען, וואָס ווינען דאָרט, זאָלן דערזען, ווער זייערע שכנים זענען, מיט וועמען זיי חברן זיך!

נאָר נישט דאָס איינע האָבן מיר דעם גלות צו פאַרדאַנקען. ווייל מיר האָבן נאָר מיט סבלנות געשטריטן, זענען מיר פייגלינגע געוואָרן; עס איז אויף אונדז מקוים געוואָרן די קללה, אַז מיר וועלן ציטערן פאַר א בערויש פון א פוילן בלעטל, און צען טויזנטער אַנטלויפן, נאָך איידער מען יאָגט זיי; מיר האָבן אַמאָל די האַרפן צעבראָכן און די פינגער זיך אָפּגעשניטן אום ציון־לידער אין פרעמדן לאַנד נישט צו זינגען, און שפּע־טער האָבן מיר פאַר א דרייער דעם ערשטן־בעסטן שיכור „מה־יפית" גע־זונגען; מיר זענען הינטערליסטיקע שמייכלער געוואָרן, אונדזער געפיל און שטאָלץ פאַרלוירן... און — ווייל מיר האָבן צופיל געבאָטענע און אומגעבאָטענע תעניתים געהאַט, שטענדיק פון דער וואַנט פּרנסה געצויגן, האָבן מיר פאַרבויגן אביסל דעם יושר...

מיר האָבן מיט סבלנות געשטריטן, און דעריבער — א שטיק ליים געוואָרן, אין וועלכן, אין יעדער צייט, אויף יעדן אָרט שטעקט יעדער פוּ־

שער אריין די הענט און מאַכט פון אונדז וואָס ער וויל: מיר לעבן נישט מיט א ו נ ד ז ע ר לעבן... מיר זענען געוואָרן, ווי א גולם, און ווער עס וויל, בלאָזט אריין פון זיין אָטעם... שטרעקט א פאָלק צו אונדז אויס א מינדסטן פינגער פון דער לינקער האַנט, פאַלן מיר אים צו די פיס און קושן די קנעכל; שרייט א שונא: „נרפים אתם נרפים", איר מאַכט נאָר פּיראַמידן און ווילט אליין קיין שטרוי נישט קלויבן... ווערט א געשריי: „שטרוי קלויבן איז די ערלעכסטע פּרנסה!" שרייט א המן: „ודתיהם שונות מכל עם ועם", ווערט א געשריי אויף דער גאַנצער ליניע: שערט אונטער די ארזי הלבנון, זיי זאָלן נישט העכער זיין, ווי געוויינלעך גראָז! וויל עמעץ פון אונדז פויערן מאַכן, ווערט אין דער מאָדע די סאָכע!

— — — — — — — — — — — — — — — — —

איין טאָג שטעלן מיר סדומס בעטל פאַר אונדז אליין. ווער עס איז לענגער, שניידט מען אונטער; ווער — קירצער, ציט מען אים אויס, אז די ביינער קנאַקן און מיר גלייבן, אז די מענטשהייט איז א צעך, ציוויליזאַציעס זענען קנעפּ און מער ווי זעקס-אכט מינים השכלות טאָרן נישט זיין.

אמאָל ווילן מיר זיין, ווי די נידעריקסטע ברואים אין דער נאַטור, מיר ווילן קיין אייגענע קאָליר נישט האָבן... נאָר — שאַרע — אויף דער ערד, ברוין — אויפן שטאַם, גרין — אויף דעם צווייג, אבי מען זאָל אונדז נישט דערקענען! און מאָרגן, דאַכט זיך אונדז, אז דער צלם אלקים שטעקט אין שטריימל מיט פּיאות! מיר זענען די ערשטע צום געטאָ, די ערשטע צום וואָלאָפּיק!

און וויי ניק נאָך, וואָס מיר זענען געוואָרן כחומר ביד היוצר, א שטיק ליים צום קנעטן, מיינען מיר נאָך, אז די צורה, וואָס דער פרעמדער האָט אונדז אויסגעקנעטן, איז טאַקע דאָס אמתע יידישע פּנים.

בילדונג דאַרפן מיר, בילדונג, ליכט! מיר ווילן מאַכן רעוויזיע אין אונדזער אוצר, זען, וואָס א ו נ ד ז ע ר איז, וואָס פרעמדס! און דער עיקר — וואָס גוט איז, און וואָס שלעכט.

און נישט א י י נ ע ר זאָל זען און די רעשט זאָל גלייבן אויפן וואָרט; דאָס פאָלק א י נ ג א נ צ ן ווילן מיר בילדן, מענער, ווייבער און קינדער. יעדערער זאָל זען, יעדערער זאָל פילן, יעדערער זאָל פאַרשטיין.

אונדזער גאָט איז נאָענט צו אַלעם; אונדזער תורה איז שוין נישט אין הימל, מען זאָל זי דאַרפן ערשט פון דאָרט אַראָפּברענגען, אַ ל ץ זאָל זיין יעדן נאָענט און פאַר יעדן אָפן!

ב.

מיר ווילן בילדן דאָס פאָלק, און שרייבן זשאַרגאָן, ווייל מיר האָבן אַן ערך פון דריי מיליאָן נפשות, וואָס פאַרשטייען נאָר זשאַרגאָן. נאָר מיר האַלטן נישט דעם זשאַרגאָן פאַר הייליק, מיר סימפּאַטיזירן גאַנץ אָפן מיט די, וואָס ווילן דעם זשאַרגאָן אויף אַ לעבעדיקער לאַנדעס־שפּראַך פאַר־טוישן.

מיר ווילן נישט זיך אַליין גוטוויליק פאַרשליסן אין געטאָ. ביי דער ג ר ע ס ט ע ר עמיגראַציע, מיט די ג ר ע ס ט ע מיטל, וועלן דאָך איי־ניקע מיליאָן יידן מוזן בלייבן ווינען צווישן פעלקער, און מוזן האָבן מיט זיי מגע־משא, ומשא־מתן. די אייניקע מיליאָן יידן מוזן זיין בירגער אין די לענדער, וו זיי פאַרבלייבן, זיי מוזן אַן אָנטייל נעמען אין דעם לעבן פון פאָלק, מיט וועלכן זיי ווינען צוזאמען.

נאָך שטאַרקער סימפּאַטיזירן מיר מיט די אָנהענגער פון „שפה־ברורה", ווי ווייט זיי שטעלן זיך אַלס צוועק, צו פאַרשפּרייטן די העברע־אישע ליטעראַטור, צו שטיצן די שריפטשטעלער וכדומה.

מיר ווילן דאָס פאָלק אינגאַנצן זאָל קענען העברעיש, כדי עס זאָל נישט דאָס תנכ"ל פאַרגעסן... דאָס תנ"כל איז דער אוצר פון אונדזער אמונה, פון אונדזער נאַציאָנאַליטעט, פון אונדזער עטיק (מוסר)! מען דאַרף זען, עס זאָל זיין ביי יעדן ייד, נישט נאָר אין שראַנק, נאָר אויך אין האַנט, אין האַרץ, און אין מוח... מיר ווילן אייביק לעבן, און אייביק איז נישט צו באַרעכענען, עס טוישן זיך די צייטן, עס טוישן זיך די טעג און נעכט... מאָרגן קאָנען מיר ווייטער קומען צו גרויסע ניסיונות. דאַ־מאָלט קאָן אונדז נאָר דאָס תנ"כל מוט געבן און כוח.

און עס איז ווייניק, אַז אונדזער עטיק שטייט העכער שוין טויזנטער יאָרן, מען דאַרף, אַז יעדער פון אונדז זאָל פילן און ויסן, פ אַ ר וואָס און מ י ט וואָס זי שטייט העכער! עס איז ווייניק פאַר אונדז, אַז מיר בלייבן יידן, ווייל מיר זענען געבוירן אַזוי, ווייל מיר זענען געוווינט דער־צו, ווייל אונדזערע רבנים און גוטע־יידן זאָגן, אַז מיר זענען יידן און פאַרזיכערן, אַז עס איז גוט אַזוי; מיר ווילן, אַז יעדערער זאָל האַנדלען לויט פעסטער איבערצייגונג! זאָל דער אַסימילאַנט נישט מיינען, אַז ער־

שיצט נאָר די דוגלדזאמקייט, דאָס סבלנות; זאָלן פרויען נישט מיינען, אז זיי לײַדן דורך די יולדות־קוויטלעך, וואָס הענגען אויף די ווענט; זאָל דער מיתנגד נישט מיינען, אז מיר דערהאלטן זיך ביי יידישקייט צוליב דעם תיקון־שבועות, און דער חסיד — צוליב צרופין מיט השבעות — אַלע זאָלן וויסן, אז מיר זענען זיך מוסר נפש פאר אונדזערע הויכע אי־דעאלן, אונדזער מענטשהייט, אונדזער מוסר.

באזונדער האָט לשון־הקודש פאר אונדז אן אנדער ווערט.

א יחיד איז קיין פרייער איינציקער פונקט אויף דער וועלט; ער איז אַן אויג אין דער נעץ, וואָס פארשפרייט זיך אויף א געוויסן פלאַץ אויף דער ערד; די נעץ איז זיין דור. א מענטש איז אינאיינגעוועגם א רינ־געלע פון דער אומגעהייערקייט, וואָס ציט זיך פון אברהם־אבינו עד סוף כל הדורות.

ו ו ע ר קאָן אויף זיך זאָגן, אז ער געהערט צו א פאָלק? דער, וואָס האָט פארבינדונג מיט אַלע אויגן פון דער נעץ, פון דעם פארשפריי־טער אויף דער גאנצער וועלט, און קען גוט די קייט, וואָס ציט זיך פון אברהם־אבינו ביז דעם היינטיקן טאָג.

די העברעישע שפּראַך, וואָס אַלע יידן פארשטייען אין אַלע לענדער, איז דער רימען, וואָס האלט צוזאמען די רעדלעך, זיי זאָלן זיך נישט פאנאנדערלויפן; דער איינציקער קליי, וואָס האלט אונדזערע צעשיטע ביינער צוזאמען.

די העברעישע שפּראַך האלט אויך צוזאמען די רינגען אין דער צייט. זי פארייניקט אונדז מיט משה־רבינו, מיט די נביאים, מיט דער מישנה, מיט דער גמרא, מיט אַלע אונדזערע גרויסע שטערן, וואָס האָבן אמאָל אויף אונדזער הימל געלויכטן!

די העברעישע שפּראַך בינדט אונדז צוזאמען מיט די, וואָס האָבן פּיראמידן געבויט; מיט די, וואָס האָבן זייער בלוט אויף ירושלימס מויערן פארגאָסן, ווי אויך מיט די, וואָס האָבן אויף דעם ברענענדיקן פייער „שמע ישראל!״ געשריגן.

פארגעסן די העברעישע שפּראַך הייסט: פארגעסן די תורה, די נביאים, פארגעסן די געשיכטע, אָפּרייסן זיך, ווי א צווייג פון בוים, פוילן א קורצע צייט און — פארשווונדן ווערן!

נאָר מיט העברעיש אַליין קאָנען מיר דערווייל נאָך נישט דורכקומען.

עס זענען דאָ צווישן אונדז שאָוויניסטן פאנאטיקער, וואָס מיינען, אז איבער נאכט קאָן מען א שפּראַך לעבעדיק מאכן; אז עס איז גענוג

פערציק־פופציק בטלנים זאָלן מאכן ביכלעך און פארשרייבן אלע נייע ווערטער, וואָס זיי וועלן טרעפן אָדער אויסקלערן, און דערנאָך מאכן דערפון א פולקאָמען ווערטער־בוך; עס זענען דאָ בטלנים, וואָס ווערן דערפרייט, אז זיי זעען א העברעישן ראָמאַן; וואָס קריגן קעלבערנע היתפּעלות פון א העברעישן וואַנט־קאַלענדאַר; עס זענען דאָ אזעלכע, וואָס ווילן שוין די קינדער אויף העברעיש ערציען! זיי ווייסן נישט, אז די שפּראַך איז נאָר די פּ אָ ר ע ם, דער ת ו ך מוז זיין די א י ד ע ע, זיי האָבן קיין באגריף נישט דערפון, אז ווערטער זענען נאָר סימנים פון באגריפן, אז ווער עס וויל זיין א י י ג ע נ ע שפּראַך — מוז פריער זיין א י י ג ע נ ע בילדונג האָבן. „ואם הייתי הלילה לאיש" — מען זאָל היינט ביינאכט שוין אָנהייבן רעדן העברעיש, מיט געוואַלט שאפן באַגריפן, „הלהן תשברנה?" קאָנט איר דאָס גאנצע פאָלק לאָזן שטיין און וואַרטן? וואָס זאָל דערוויל דאָס אָרעמע פאָלק טון? דערקוויקן זיך מיט שמ"רס ראָמאַנען?

זאָל שוין אפילו דאָס גאנצע פאָלק רעדן העברעיש, וועלן מיר דערפון האָבן אַ ציוויליזאַציע? נאָר דער פאַנאַטישער שאָוויניזם קאָן אויף דעם רעכענען.

שטעלט אייך פאָר, אז עס איז אייך געראָטן, אז אונדז האָט זיך געטראָפן א פארקערטער נס, ווי יוסף הצדיק: אים האָט אַ מלאך אויסגעלערנט אין דער תפיסה אין איין נאַכט אַלע שיבעים לשונות, און צו אונדז איז געקומען אין דער תפיסה אריין דער מלאך של שיכחה, א שנעל געגעבן אונטער דער נאָז און מיר האָבן אלע לשונות פארגעסן, (אויסער אביסל ווערטער, אַבי מען זאָל קענען קויפן ביים פויער א קערצל תבואה); אַצינד לאָמיר מאכן א רעכענונג, וואָס אונדז איז געבליבן אין אונדזער פארמעגן!

עס וועט זיך באַלד אַרויסווייזן, אז מיט די שפּראַכן האָבן מיר אלע אידעען פארגעסן: ערשטנס, האָבן מיר פארלוירן אַלע דאָקטוירים, אַלע אַדוואָקאַטן, אַלע טעכניקער, אַלע וויסנשאַפטלעכע מענטשן בִיכלל; מיר האָבן אין העברעישן קיין איינציקע וויסנשאפט!

ביז דעם היינטיקן טאָג איז די נַיי־העברעישע ליטעראטור זייער אָרעם. צווישן גאנצע פודן ביבולע, פארדרוקטע מיט שריפות, מעשות פון געהאָנגענע, פון מחלוקתן אין קליינע שטעטלעך, באשרייבונגען פון נייע בענק אין אַן אַלטער באָד, אין אַן „עיר ואם בישראל" האָציפּלאָץ, קינות אויף א געשטאָרבענעם גביר צי א דיין — צווישן גאנצע פודן שמאַטעס,

קאַנט איר היינט געפונען, באַטש זעלטן, א קליינעם אַרנטלעכן אַרטיקל!... א טראָפּן געזונטן פּאַרשטאַנד אין א ים פון דומהייטן!

נאָר דער טראָפּן איז אויך נישט געבליבן... ער איז אויך געווען פון יענער זייט גרענעץ... קוקט אייך צו בעסער, וועט איר זען, ווי דאָס קליידל ליגט אויף דער מיוחסת טאַקע, ווי א געבאַרגטס!

אמת, אונדזער מלמדישער שאָוויניזם פירט אונדז אַלע מאָל אויפן הימל ארויף נייע שטערן, וואָס לייכטן אין פינצטערן גלות... נאָר וועמען נאַרן מיר דערמיט? וועמען נאַרן מיר, אז מיר נעמען א פּורים־רב און מאַכן אים פאַר א פאָלקס־דיכטער, א בדחן מיט גראָבע ווערטלעך — און לייגן אים אויף דעם גראָבן פאַרשוויצטן שטערן א לאָרבער־קראַנץ א לאַ מילטאָן? וואָס פאַרדינען מיר דערמיט, אז מיר מאַכן פון שמאַטע־פּליקער — אַרכעאָלאָגן, פון שלעכטע איבערזעצער, וואָס טראָגן איבער א פּרעמד ווערק פון דער באָבע יאַכנעס צייטן מיט אַלע דרוק־פעלער — אז מיר מאַכן פון זיי דענקער און פילאָזאָפן?

די שאַראַוואַרעס מאַכן נישט דעם קאָזאַק, דאָס שטריימל — פון בעדער קיין רב, און אז איין בעטלער רופט דעם צווייטן „גביר", האָבן זייביידע דערפון קיין קאָפּיקע!

אונדזערע גרויסע לייט זענען, ווי די בערג אויפן וועג; פון דער־ווייטנס, מכלומרשט, סיניס, אַרראַטס; קומסטו נענטער, שלעפּן אויף זיי ארויף די פערד און פאַרגעסן זיך אפילו אָפּצושטעלן!

דער שאָוויניזם איז געפערלעך!

העברעיש מוזן מיר קענען אַלס יידן, נאָר — אַלס געבילדעטע מענטשן, אַלס לעבעדיקע מענטשן, מוזן מיר קענען די לאַנד־שפּראַך. אין לשון־קודש שטעקט אונדזער רעליגיע, אונדזער נאַציאָנאַליטעט, אין אין דער לאַנד־שפּראַך — אונדזער בילדונג, אונדזער געוויינלעך לעבן!

האַנדלען אויף העברעיש און לערנען די ביבל אויף דער לאַנד־שפּראַך, זענען צוויי גאָר גלייכע דומהייטן: צ ו ו י י שפּראַכן מוזן מיר קענען, אויף דעם זענען מיר אין גלות! אויף דעם זענען מיר צעשפּרייט און צעזייט צווישן פעלקער! וואָס דאַרפן מיר נאָך דעם זשאַרגאָן? נאָר ווער פרעגט אונדז אַן עצה? עס עקזיסטירט א דריטע שפּראַך, דריי מיליאָן נפשות פירן זי. און אויב מיר ווילן די דריי מיליאָן נפשות בילדן, קאָנען מיר נישט וואַרטן ביז זיי וועלן זיך אַנדערע שפּראַכן אויסלערנען! גוטע עלטערן רעדן פריער נאָך דעם קינד, איידער דאָס קינד לערנט זיך אויס רעדן, ווי די עלטערן; קיין שפּראַך איז אַן־און־פאַר־זיך נישט הייליק, נישט

גוט, נישט שלעכט. די שפּראַך איז נאָר אַ מיטל, איינער זאָל דעם אַנדערן פאַרשטיין און געבילדעטע מענטשן זאָלן אויף די אומגעבילדעטע ווירקן.

עס וואָלט בעסער געווען מיר זאָלן נאָר דאַרפן א יין שפּראַך קענען, על כל פּנים נאָר צוויי, מיר מוזן אָבער קענען אַלע דריי!

עס טרעפן זיך צווישן אונדז נדיבים, וואָס האָבן אַ ברייט האַרץ און אַ פרייע האַנט על חשבון הגביר, אויף הקב״הס רעכענונג; דער דאָקטאָר ק. מאַכט חשבון, אַז יידנטום איז נאָר ער מיט אַ מנין בטלנים, וואָס דאַווענען מינחה ומעריב; די רעשט שטרייכט ער אויס! ווער עס קען קיין העברעיש, איז נישט בכלל ישראל... אַן אַנדער דאָקטאָר וויל איבערפירן נאָר איין האַלבן מיליאָן יידן קיין ארץ ישראל, דאָרט וועט זיין דאָס גאַנצע יידנטום, די רעשט דאַרף ער נישט, די רעשט שענקט ער אַוועק, ווי די בני משה, ווי די עשרת השבטים...

מיר זענען קיין גרויסע נדיבים, מיר האָבן נישט אַזאַ ברייט האַרץ, און נישט אַזאַ יד פּתוחה; פאַר אונדז זענען אַלע יידן — יידן; מיר ווילן פאַר אַלע אַרבעטן! און דער עיקר פאַר דער מאַסע!...

זשאַרגאָן האָט קיין פּרעטענזיע צו פאַרטרעטן די מוטער־שטעלע אין אַ יידיש הויז; דעם פּלאַץ פאַרנעמט און דאַרף פאַרנעמען לשון הקודש; זשאַרגאָן האָט קיין פּרעטענזיע צו דער לערער־שטעלע, דעם פּלאַץ מוז לעת־עתה פאַרנעמען אַ לאַנד־שפּראַך; זשאַרגאָן איז נאָר אַ ניאַנקע, זי וויל נאָר אויסלערנען גיין, זיצן, אָנהויבן רעדן... דערנאָך — מעגט איר די ניאַנקע אַרויסוואַרפן, אָדער, אויס דאַנקבאַרקייט, איר איבערלאָזן אַן אָרט ביים טיש!

נאָר— ווער עס וויל דאָס פאָלק קענען, און ווער עס וויל דאָס פאָלק לערנען — דער מוז קענען רעדן און שרייבן זשאַרגאָן.

ג.

מיר ווילן בילדונג, נאָר מיר מיינען נישט די בילדונג, פון וועלכער מען האָט אַמאָל גערעדט. נישט די בילדונג, וואָס אַנטוויקלט נישט האַרץ און מוח, וואָס מאַכט דעם מענטש נישט קליגער, נישט בעסער, נישט פעיקער, נאָר בלאַנזשירט אים אָפּ דאָס פּנים, לערנט אים בויגן זיך און בוקן, פיין פאַרשפּיצן דאָס בערדל און אָנרופן אַ הונט אויף עטלעכע לשונות.

מיר מיינען די בילדונג, וואָס מאַכט פאַבריקן, באַנען, שאָסייען;

בילדונג, וואָס לערנט ארבעטן — זיך און דער וועלט צום נוצן, אויך די בילדונג, וואָס מאַכט דעם מענטש ערלעך און גוט.

ד י, וואָס ווילן נישט ד י בילדונג אויך, האָבן א ברירה! לאָזן זיי זיך פריער אָפּזאָגן פון אַלע טובות, וואָס זיי האָבן פון דער בילדונג; זאָלן זיי נישט וווינען אין הייזער, נאָר ווי ווילדע מענטשן אין היילן פון ערד און שטיין, אין לעכער פון פעלדזן ביים ים; זאָלן זיי נישט טראָגן קיין געוועבטע און קאָלירטע קליידער, נאָר טראָגן זיך, ווי אָדם און חווה אין גן־עדן, אָדער, ווי עד היום נאָך, די חיות אין וואַלד... לאָזן זיי זיך באַגניגן מיט נים פון וואַלד, ווי אפן (מאַלפּעס). מיט רוי פלייש — באַ! „עם הארץ אסור לאכול בשר!”, א גראָבער יינג טאָר קיין פלייש אויך נישט עסן... אים קומט נאָר על פּי דין די טריפה, די נבילה, וואָס מען געפינט אויף דעם פעלד, נאָר טויטע פיש, וואָס דאָס וואַסער וואַרפט אַליין אַרויס! ביפרט, ווי קומט צו אים זעמל און ברויט? וואָס פאַר א רעכט האָט ער צו טראָגן קאַלאָשן, צו טרעטן אויף טראָטואַרן, צו פאָרן אויף שאָסייען מיט פּאָסט, אויף באַנען? ער דאַרף נעמען א גרויסן שטעקן אין האַנט אריין און גיין צו־פוס... קומט ער צו א וואַסער, דאַרף ער העכסטנס א בוים אויסרייסן און וואַרפן איבער דעם שטראָם — נאָר ווי קומט צו אים בריקן, שיפן, דאַמף־מאַשינען?

די אַלע זאַכן האָט די בילדונג געמאַכט! זי האָט אונדז הייזער גע־בויט, געלערנט פּי ציכטיקן, פיש כאַפּן, האַלטן און מאַכן פייער, זי האָט אונדז געגעבן דעם פלוג, די בראָנע, דרעש־מאַשינען און מילן; זי האָט געמאַכט אַלץ, אַלץ — אָן וואָס א מענטש קאָן זיך נישט באַגיין.

צי לעבט א פאָלק צווישן פעלקער צעשפּריט, צי גאָר אַליין פאַר זיך — אָן ד ע ר בילדונג מוז עס אונטערגיין!

די בילדונג מוזן האָבן ד י, וואָס רעכענען אויף בעסערע צייטן, ד י, וואָס זוכן אין אַמעריקע פּרנסה, און ב י פ ר ט ד י — וואָס ווילן אויפוועקן א טויטע שפּראַך, צוריק אויפבויען א וויסט לאַנד...

מיט אומגעלומפּערטע הענט, מיט א ליידיק האַרץ, מיט א לערן מוח — קאָן מען דאָס אַלץ נישט באַווייזן...

קיין איינציק לאַנד אויף דער וועלט, קיין איינציק פאָלק, ווי געביל־דעט עס זאָל נישט זיין, וויפל גראָד היץ עס זאָל נישט ווייזן זיין טערמאָ־מעטער פון מענטשן־ליבע, וועט נישט גערן אריינלאָזן א מאַסע פאָלק, וואָס פאַרמאָגט נישט מער — נאָר א הונגעריקן מאָגן!

ארץ־ישראל שטייט אויך נישט אַזוי פריי פאַר אונדז, דאָרטן איז

אויך דאָ אַ פֿאָלק און אַ רעגירונג, וואָס האָבן אויך אַ דיעה.. .אונדזער רעכט אויף דעם לאַנד איז עלטער... נאָר אונדזער אַדוואָקאַט האָט נאָר אַ מויל צום רעדן, בשעת, ווען דאָרט איז דאָ באַוואָפנטע קראַפט... מיט וואָס גייען מיר? מיט אונדזער עשירות, וואָס איז קיינמאָל נישט געשטויגן, נישט געפלויגן? מיטן ספּריט צום האנדל? מיט וואָס וועלן מיר עמיגרירן? עמיגרירט, מיט וואָס און פון וואָס וועלן מיר לעבן?

און דעריבער איז נאָך וויכטיקער די בילדונגס־פראַגע אין ארץ־ישראל. דאָרט וועט שוין זיכער נישט זיין „זכה, מלאכתו נעשית על ידי אחרים"... דאָרט וועט מען שוין מוזן לעבן אָן א י ג ן ל ע ב ן, מ ו ז ן האָבן אייגענע אַקערבוי, אייגענע וועגן, אייגענע פאַבריקן, אייגענע באַנען...

נאָר, ווו די השגחה וועט איינעם נישט וואַרפן, ווו יעדן פון אונדז וועט אַלץ אויסקומען צו לעבן און צו ווירקן — איז בילדונג דער באַזיס, די איינציקע קוועל, פון וועלכער עס קאָנען אונדז בעסערע יאָרן אַרויס־פליסן... און דעריבער דאַרפן מיר בילדן דאָס פֿאָלק!

מיר דאַרפן בילדן דאָס פֿאָלק! מיר דאַרפן ליכטיק מאַכן יעדן ייד אין מוח, וואַרעם אין האַרץ און געבן אין דער האַנט אַריין אַ מיטל צום לעבן, צום זעלבסטשטענדיקן לעבן!...

די בילדונג — האָט אויסער נאַרן, קיין שונאים נישט.

ד.

די בילדונג איז אונדזער פּראָגראַם און מיר בעטן אַלע אמת־געביל־דעטע מענטשן, זיי זאָלן אונדז מיטהעלפן בילדן דאָס פֿאָלק.

מיינט נישט, איר געבילדעטע מענטשן, אַז איר זייט יוצא דערמיט, וואָס איר אַרבעט פאַר אַ גרעסערן כלל, מיכלומרשט פאַר דער גאַנצער מענטשהייט.

עס איז נאָך עד היום קיין מענטשהייט נישטאָ. אויף דער וועלט־בינע שפּילן נאָך איינצלנע טרופּן, איינצלנע פעלקער, פאַרשידענע ציוויליזאַציעס.

מיר גלויבן נישט אין וואָלאַפּיק, נישט אין עספּעראַנטאָ; מיר האָבן אויך אויף דער אַלגעמיינער מענטשהייט, נאָר נישט אויף ד ע ם וועג וועלן מיר קומען צו איר. קיין איינציקע שפּראַך גייט שוין נישט פאַרלוירן, קיין איינציק פֿאָלק דאַרף נישט פאַרניכטעט ווערן, קיין איינציקע ציוויליזאַציע איבערגעהאַקט, דאָס אַלגעמיינע נאָר אין די שפּראַכן, אין די

פעלקער־כאַראַקטערן, אין די ציוויליזאַציעס — וואַקסט, און עס וועט וואַקסן, ביז עס וועט ווערן איין ציוויליזאַציע, איין שפּראַך, איין מענטשהייט.

די צוקונפט איז אַ טיגל, אין וועלכן אַלע מעטאַלן וועלן זיך צעשמעלצן און עס וועט ווערן אַ גאָלדענע צייט. נישט די אומווויסנדע גאָלדענע צייט פון גן־עדן־הקדמון, פון וועלכער עס האָט זיך אויך רוסאָן געחלומט, נאָר די גאָלדענע צייט, פון וועלכער ישעיה הנביא זאָגט נביאות: „ומלאה הארץ דעה את ה׳ כמים לים מכסים... ולא ישא גוי אל גוי חרב ולא ילמדון עוד מילחמה וכו׳ ״1).

נישט דערפאַר האָבן מיר טויזנטער יאָרן געליטן, מיר זאָלן אונדזער ציוויליזאַציע פאַרגעסן; מיר ווילן און דאַרפן זי ווייטער פירן, אום זיך מיט דער מענטשהייט אויף גלייכע רעכט צו פאַרייניקן. מיר ווילן אויך האָבן אַ חילק אין שותפות, מיר ווילן אויך זיין אין דער פירמע.

מיר האָבן אונדזערע אידעען, אונדזערע באַגריפן, אונדזער וויץ, אונדזער וועלט־אַנשויאונג — העלפט אונדז זיי צו אַנטוויקלען.

אין גלות זענען מיר אַ צייט פאַרגליווערט, פאַרשטאַרט, קריסטאַליזירט געבליבן, מען דאַרף אונדזער ציוויליזאַציע אויפטויען, אויפהויבן, לעבעדיק מאַכן.

דורך אייך, וואָס איר האָט ביז אַהער נאָר אין פרעמדע פעלדער געאַרבעט, איז אונדזער אַקער פאַרווילדעט און פאַרדאָרנט געוואָרן; דאָרט פעלט נישט קיין הענט, ביי אונדז — פעלן זיי לײדער צופיל! דורך דעם, וואָס איר האָט ביז אַהער אונטער פרעמדע נעמען געווירקט, דאַכט זיך מאַנכן, אַז ער האָט אין דער וועלטס־וויסנשאַפט קיין חילק נישט. אונדזער פאָלק האָט געמוזט גייסטיק באַנקראָטירן. ווייל פון אַנדערע פעלקער האָט קיינער פאַר אים נישט געאַרבעט, בשעת ווען אונדזערע געבילדעטע האָבן נאָר פאַר פרעמדע געווירקט.

איר זענט אויף דער וועלט צו־פריע מענטשהייטס־בלומען; איידער פאַר אַזעלכע בלומען וועט אויפשיינען די זון, וועט זיי דער פראָסט אונטערשלאָגן, דער שניי פאַרשיטן, דער ווינט מיט דער ערד פאַרקערן!

---

1) און די גאַנצע ערד וועט פאַרפולט זיין מיט קענען גאָט, ווי דער ים איז מיט וואַסער פאַרפולט. עס וועט איין פאָלק קעגן דעם צווייטן נישט אויפהויבן קיין שווערד, מען וועט זיך שוין קיין קריג נישט לערנען א.א.וו.

נישט איינצלנע מענטשן דארפן און קאָנען זיך פאַרייניקן, נאָר — פעלקער!

קומט צוריק צום פאָלק, זייט אַן עמוד־ענן בייטאָג, זייט אַן עמוד־אש ביינאַכט! פירט אים, נאָר לויפט נישט פאָרויס און לאָזט אים נישט אין מידבר!

איר לייגט אַן אַ פייער אונטערן אָפענעם הימל, בשעת ווען ביי אייך אין שטוב ווערט מען געפרוירן אָדער דערשטיקט פאַר רויך.

כל־זמן עס איז קיין אַלגעמיינע בילדונג נישטאָ, איז יעדער איינצל־נער מענטש אַ פּראָדוקט פון זיין נאַציע; נעמט אים באַלד פון דער ברוסט אוועק, אין זיין מוח ליגן שוין איינגעוויקלט פאַרשלאָפענע, געירשנטע פעיקייטן, וואָס וועלן שפּעטער דערוואַכן און אַנטוויקלט ווערן! „גיורא עד עשרה דרא״!

רעדט וואָס פאַר אַ שפּראַך איר ווילט, זאָלן זיך אייך שיטן פּערל פון מויל, פאַרקינדעט, וואָס פאַר אידעען איר ווילט; אייער באַרעדזאַמ־קייט אין דער ר״ן אויף נדרים, אייער וויץ אַ געבוירענער גלות־וויץ, אייער שאַרפזין שמעקט אומגעהויער נאָך „אדרבא — איפכא״, נאָך „מאי קא משמע לן״! „ואם תמצא לומר״!

כל־נידרי קאָן מאיר־בערן נישט אַרויס פון קאָפּ, ער בלאָנקעט זיך אין אַלע זיינע מעלאָדיען; היינע און בערנע זענען יידן אין יעדן וואָרט, אין יעדן וויץ, אין יעדן ערנסט!

איר זייט אונדזער, דאַרפט איר ביי אונדז אי וויינגאָרטן אַרבעטן.

די מענטשהייט ליגט נאָך אין וויגל; וואָס איר רוימט איר היינט אין אויער, וועט זי דערנאָך נישט געדענקען, זי וועט גאָר פירן דעמאָלט אַן אנדער שפּראַך...

העלפט בילדן דאָס אָרעמע אומגליקלעכע פאָלק; לאָזט עס נישט אי־בער ביי פאַנאַטיקער אין די הענט, זיי זאָלן דערפון דאָס רעשט ביסל בלוט אויסזויגן, אויסנאָגן דאָס לעצטע ביסל מארך פון די דאַרע ביינער.

לאָזט עס נישט ביי פאַנטאַסטער אין די הענט, זיי זאָלן עס נישט אין אַלע וויסטע מידבריות פאַרפירן! לאָזט נישט ייִנגלעך און ישיבה־בחורים פירן דאָס רעדל — עס איז אַ רחמנות אויף דעם פאָלק! מען דאַרף עס נישט לאָזן פאַלן! דאָס פאָלק האָט אין זיך אַ מאַסע לעבנס־קראַפט, אַן אוצר ענערגיע, דאָס פאָלק איז אַ טרעגער פון אַ ציוויליזאַציע, וואָס די וועלט פאַרקענט, נ י ש ט צו איר נוצן, פון אַזעלכע אידעען, וואָס וואָלטן איר שטאַרק צונויץ געקומען. דאָס פאָלק איז אַן אייביקע בלום... בייטאָג,

ווען די זון שיינט, ווען דער מענטשן־גייסט אַנטוויקלט זיך, לעבט זי אויף, אַנטוויקלט אירע בלעטער; קוים אָבער קומט די פינצטערע נאַכט, מאַכט זי זיך צו, קאָרטשעט זיך איין, פאַרשליסט זיך אין זיך אַליין... דעמאָלט, דאַכט זיך, אַז עס איז אַ געוויינלעכער לײדיקער דאָרן... און ווען עס שיינט צ ו ר י ק אויף די זון, געדויערט לאַנג איידער די זון דערקענט די בלום, אויך איידער די בלום ווערט געוואָר, אַז די זון שיינט... איבער נאַכט ווערט זי פאַרשטויבט און באַשמוצט, און נישט געשווינד דרינגען דערנאָך די ליכטיקע שטראַלן דורך!

העלפט דאָס פאָלק, עס זאָל זיך באַלד אינדערפרי מיט דער זון דערקענען.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

און דער עיקר דאַרף מען זען, ווי ווייט מעגלעך איז, דאָס פאָלק זאָל האָבן פרייהייט.

1890

וואָס ווילן מיר?

(פאָרוואָרט צום זאַמלבוך „ליטעראַטור און לעבן" 1894)

נאָך צוויי יאָר שווייַגן, נעמען מיר זיך ווידער צו דער זשאַרגאָנישער ליטעראַטור.

ווער עס וויל טרעפן צו רייכע, אינטעליגענטע אָדער באַלעבאַטישע הייזער, דער קאָן אַנדערע שפּראַכן באַנוצן; ווער עס וויל טרעפן צום האַרץ און מוח פון פּראָסטן, איינפאַכן פאָלק, צו די, וואָס די העכערע קלאַסן רופן מיט פאַראַכטונג „המון עם", דער מוז שרייבן זשאַרגאָן.

געשוויגן האָבן מיר דורך דריי אורזאַכן: עס האָט געפעלט געלט. נאָך אַ גרעסערער מאַנגל איז געווען אין מיטאַרבעטער, און כמעט אומעגלעך איז געווען צו רעדן אַן ערנסט איינפאַך וואָרט מיטן פאָלק, בשעת ווען פאַרברענטע אידעאָלאָגן און דורכגעטריבענע שאַרלאַטאַנען האָבן אים צוגעזאָגט אַ מאָנומענטאַלע הילף, אַ ראַדיקאַל מיטל אויף אַלע קרענק און ווייטיקן... אין אַ צייט פון עטלעכע יאָר וועט מען אויפבויען אַ יידישע מלוכה אין ארץ ישראל, אָדער פאַרלייגן אַ יידישע רעפּובליק אין ארגענטינע...

דאָס אָרעמע, דערשלאָגענע פאָלק האָט געגלויבט, און עס האָבן אויפגעהערט אַלע לעבנס־פראַגן, אַלע געמיין־מענטשלעכע אינטערעסן... דער עולם האָט זיך געפּאַקט היינט־מאָרגן אין וועג אַריין, די אַלטע אתה־בחרתנושע קעסלפּויק האָט געדונערט, ציונס צימבל — געקנאַקט, און די אַלטע רבנישע פלעדער־מויז האָט אויסגעשפּרייט די פליגל איבערן פאַרטומלטן קהל...

גיין דאַרף מען, גיין מוז מען, די פראַגע איז נאָר געווען, ווער עס האָט רעכט: דער באַראָן הירש אָדער ווערמאָנט? דער הנדיב הידוע אָדער יעדוואַבניק?

— — — — — — — — — — — — — — — —

היינט, דאַכט זיך, איז שוין אַביסל שטילער!

דער פאַרברענטסטער חובב ציון לייגט שוין אָפּ: שמיטה, פּרה אדומה, בן סורר ומורה און קרבנות אויף עטלעכע דורות, די ליבע צו ציון בלייבט דערווייל אַ פּלאַטאָנישע — פון דערוויטנס; דער שטאַרק־סטער „אַרגענטיניעץ" פאַרשטייט שוין, אַז כאָטש דעם באַראָן הירשס נדבה פאַרבלענדט אונדז, ווי די זון אין תמוז, כאָטש זי פאַרשעמט אַלע ווויִלטעטיקייטן, וואָס זענען געשען, זייט די היסטאָריע געדענקט, איז דאָך נאָך ווייט פון זיין ריזיקן פּלאַן ביז אַ פאָלקס־עמיגראַציע. על־כּל־פּנים קאָן דאָס נישט אַזוי געשווינד געשען...

לויט דעם קאַלטן חשבון (וואָס אונדזערע אידעאַליסטן האָבן אַזוי פיינט) קאָן פּאַלעסטינע (ווען דער טערק זאָל אפילו אַריינלאָזן) מיט אַר־גענטינע (עס זאָל אפילו קיין היישעריק נישט זיין) צוזאַמען ביי אונדז יאָר־יערלעך צונעמען העכסטנס אַזויפיל, וויפל עס ווערן ביי אונדז מער געבוירן אַלס געשטאָרבן; אַז פיר מיליאָן יידן מוזן דאָ בלייבן, אַז פאַר די פיר מיליאָן מוז מען אַרבעטן אויפן אָרט, און — אַז די אינטעליגענץ מוז דעריבער מאַכן זיך פאַר אַ הויפּט־צוועק — צו בילדן דאָס פאָלק.

מיט מיטאַרבעטער איז אויך אַ שווערע זאַך געוועזן. ווען עמעץ זאָל וועלן אַרויסגעבן נאָכאַמאָל אַ „ספר הזיכרון" און רעגיסטרירן אַלע אונ־דזערע שרייבער, וואָס „אָפּפערן צייט" פאַר די „אָרעמע ברידער", אַרבעטן פאַר „כנסת ישראל", זענען זיך „מוסר נפש פאַרן יידישן פאָלק", וואָלט ער אַ גאַנץ דיק בוך אַרויסגעגעבן... עטלעכע צענדליק משוררים, שרייבער אין הונדערטער, פּובליציסטן אויף עטלעכע טוץ... און דאָך, דאָך איז נישטאָ מיט וועמען צום טיש צו גיין... וואָרים — ווער איז ביי אונדז קיין שרייבער נישט? ביי אונדז איז יעדער בטלן געגוג קלוג צו געבן געדרוקטע עיצות; אין זיין אייגענער שטאָט „קאָן ער קיין קאַץ קיין עק נישט צובינדן" און פאַר דער וועלט דונערן זיינע חכמות פון צייטונגען, אָדער פון אַ באַזונדערער קאַטעדרע אַראָפּ, וואָס ער אַליין אָדער אַ מוכר־ספרים האָט אים געבויט! ביי אונדז איז יעדער בדחן אַ משורר, יעדער פּראַלער — אַ פּובליציסט, און חדר־יינגלעך — קאָרעספּאָנדענטן... אונ־דזערע צייטונגען ווילן אַרבעט אומזיסט, אַרויסגעבער און מוכרי־ספרים ווילן נאָר טאַנדעט, נאָר ביליק... און דער עולם האָט פרייען פּלאַץ, ווייל די ווירקלעכע אינטעליגענץ האַלט זיך אַלץ פון דערווייטנס...

יעדערער פאַרשטייט, אַז שוסטעריי קאָן מען נישט אומגעלערנט... קיינער וועט קיין אַרשין טוך נישט געטרויען אַזוינעם, וואָס האָט ביי אַ

בעל־מלאכה קיין געוויסע צייט נישט געארבעט... א רייף שלאגן ארום א פאס מוז א ספעציאליסט א באנדער... אבער קינדער לערנען קאן דער ערשטער בעסטער בטלן, און די קינדער, דעם בטלנס תלמידים, שרייבן אין צייטונגען, דרוקן ספרים און לערנען דאס פאלק! די תאווה געדרוקט צו ווערן איז א שעדלעכע, אנשטעקנדע קרענק, זי האט שוין אפילו א גריכישן נאמען: „גראפאמאניא״, און איין רפואה, איין ראדיקאל מיטל קעגן איר וואלט געווען — אונדזער אינטעליגענץ זאל איבערנעמען אונדזער ליטעראטור אין אירע הענט.

עס איז שוין צייט, אז אונדזערווירקלעכע אינטעליגענץ זאל פארשטיין, וואס פאר א פליכט, וואס פאר א היתחייבות זי האט פארן פאלק... אז ארבעטן ביי זיך אין דער היים, פאר אייגענע ברידער, הייסט נישט ארויסלאזן די אלגעמיין־מענטשלעכע פאן פון דער האנט... הייגט מוז ארבעטן יעדערער ביי זיך, אקערן און זייען זיין אפגעגרענעצט שטיקל לאנד, אויבוואל, אדער בעסער, — וו יי ל מיר האפן, אז די צוקונפט וועט זיין דער אלגעמיין־מענטשלעכער שפייכלער, אין וועלכן עס וועלן אריינקומען אלע ווייצן, די גאנצע תבואה; א שפייכלער, וואס וועט שפייזן אלע גלייך, שפייזן יעדן אומגעפרעגט, ווער זיין זיידע איז געווען, און נישט געקוקט, פון וואס פאר א פארב זיין הויט איז...

אין דעם זין קאן די נאציאנאל־אידעע — דער מאנטל, מיט א וואַרעמען וואל־שטאף אלס אונטערלאג צום לייב, און א דארניקער שטאכלשוויניקער הויט אלס אויבערשלאג פאר פרעמדע — דעם אייגענעם נוצן ברענגען דער אלגעמיינער בילדונג, ווי די קינסטלעך־געטיילטע וויסנשאפטן — דער אלגעמיינער וויסנשאפט.

אויך איז שוין צייט די אינטעליגענץ זאל אוועקלייגן אין אלטן ארכיוו אריין די פראגן: צי איז זשארגאן א שפראך? צי קאן זיין א שפראך אן א (געדרוקטע) גראמאטיק? צי קאן הייסן א שפראך א צוזאמענפליקעכץ פון פארשידענע שפראכן פון פארשידענע צייטן? דאס איז אלץ די אלטע בטלניש־פילאזאפישע מיסט, אין וועלכער עס וועלן אייביק פיקן אונדזערע ליטעראַרישע עקרות־הינער; די אמתע אינטעליגענץ דארף פארשטיין, אז זשרגאן איז א פאקט, וואס איז געשען נישט מיט אונדזער ווילן און וועט אויף אונדזער פארלאנגען איבער נאכט נישט פארשווונדן ווערן... אז שפראך הייסט יעדעס מיטל, וואס מענטשן באנוצן איינער מיטן אנדערן זיך צו פארשטענדיקן, אז פיר מיליאן יידן, וואס רעדן און פאר־

שטייען נאָר זשאַרגאָן, זענען אויך מענטשן, און ווער עס וויל זיי בילדן, מוז זייער שפּראַך אַלס מיטל באַנוצן...

עס איז שוין צייט, אַז די אינטעליגענץ זאָל פאַרשטיין, אַז דעם הייס־געהאָפּטן מאָרגן וועט די „שפּראַך״ אַזויפיל אינטערעסירן, וויפל דער יחוס פון עלטער־זיידן אָדער די פאַרב פון דער מענטשלעכער הויט...

און עס איז שוין די העכסטע צייט די אינטעליגענץ זאָל אַרויסטרעטן און אַרויסנעמען די פאָלקס־בילדונג פון אומגעלומפּערטע גראָבע הענט...

דאָס פעלד איז שוין גענוג פון שלעכטע שרייבער און העכסט־אינ־טערעסאַנטע ראָמאַניסטן ג ע מ י ס ט י ק ט , עס איז שוין די העכסטע צייט צו פאַרזייען!

— — — — — — — — — — — — — — — —

מיר ווילן די אַלגעמיין־מענטשלעכע פאָן נישט אַרויסלאָזן פון דער האַנט און מיר ווילן נישט זייען קיין שאָוויניסטיש־ווילד קרויט, קיין פאַ־נאַטישע דערנער און נישט דעם פערז פון בטלנישער פילאָזאָפיע; דעם אומקרויט ווילן מיר אַרויסרייסן מיט די וואָרצל, אויסהאַקן די דערנער, דעם פערז פאַרברענען און זייען ריינע, מענטשלעכע אידעען, ריין־מענטש־לעך געפיל און וויסן.

מיר ווילן אַקערן, באַאַרבעטן און פאַרזייען אונדזער שטיק פעלד, ווייל מיר גלייבן פעסט, אַז דער צוקונפטיקער אַלגעמיינער שפּייכלער וועט שפּייזן אַלע הונגעריקע צוגלייך! מיר גלייבן אַז געוויטער, שטורעם און רעגן מוזן פאַרבייגיין, עס מוז קומען די צייט, און די ערד וועט אונדז געבן איר קראַפט, דער הימל — וואַרעם און ליכט... און מיר ווילן נישט, אַז אין שניטער־צייט זאָל אונדזער פאָלק שטיין פון ווייטנס, אין יום־טוב באַוויינען פאַרלוירענע יאָרן און פאַרשעמט בעטלען פרעמד ברויט פון פרעמדן בלוטיקן שווייס...

מיר ווילן אויך אַריינפירן אַביסל קאָרן און ווייץ אין שפּייכלער אַריין, מיר ווילן אויך באַלעבאַטים זיין, אָרעמע באַלעבאַטים, נאָר נישט קיין בעטלער...

מיר ווילן, דער ייד זאָל זיך פילן אַלס מענטש, ער זאָל אָנטייל נעמען אין אַלעם, וואָס מענטשלעך איז, מענטשלעך לעבן און שטרעבן. און — ב אַ ל יי ד י ק ט, זאָל ער זיך פילן באַליידיקט אַלס מענטש!

אָט דאָס איז אונדזער צוועק, פאַר וועלכן מיר בעטן הילף ביי דער ווירקלעכער אינטעליגענץ.

.1894

דער לץ

.1

איך האָב די ערע מיך פאַרצושטעלן:

אני הקטן, בין דער לץ פון דער רעדאַקציע!

אַז עס וועלן מיאוס ווערן די ה ע כ ס ט אינטערעסאַנטע ראָמאַנען, דערציילונגען און לעבנס־בילדער, וואָס זענען געדרוקט אין בוך; אַז עס וועלן אייך איבערדריסיק ווערן די ק ל ו ג ע אַרטיקלען איבער לופט, קינדער־דיעט וכדומה — גוטע זאַכן; אַז איר וועט אייך איבערעסן מיט עיצות: ווי אַזוי אַ גוטער בעל־מלאָכה צו ווערן; אַז אייער שוואַך קעפּל וועט זיך פאַרדרייען, באַרוישט פון די זינגענדיקע, קלינגענדיקע גראַמען, —

דעמאָלט, דאַרף איך, בדחן, אייך משמח זיין; טאָמער ווילט איר ערגעץ איינשלאָפן, דאַרף איך אייך קיצלען!

און איך, לץ, בין דער פעפער און דאָס זאַלץ ביים „ש ו ל ח ן ע ו ר ך", וואָס דער רעדאַקטאָר האָט פאַר אייך געדעקט: איר האָט אַלערליי מאכלים טובים, איר האָט מעסער און גאָפּל, (אַ רובל מיט פופציק קאָפּיקעס), קאָנט איר עסן און טרינקען, און מיך באַנוצן אַלס כריין, צו שאַרפן דעם אַפּעטיט.

איך דאַרף אייך משמח זיין.

פאַרוואָס? כי לכך נוצרתי, דאָס הייסט, ווייל צו דעם האָט מיך דער רעדאַקטאָר אויסגעוויילט; ער האָט מיר צוגעזאָגט אַ חילק פון זיין פאַרדינסט, וואָס איז אַזויפיל ווערט, ווי זיין חילק עולם־הבא!

מיינט נאָר נישט, חלילה, אַז איך בין אַ ספּעציאַליסט פון לאַכן. גאָר פאַרקערט — וויינען קאָן איך בעסער! אפשר ווילט איר, נעם איך מיך אונטער אַ פּאָדריאַד! און זאָלן מיר אַפילו טרערן פאַרפעלן, שאַדט נישט, בעט איך מיין ווייב, באַגיסט זי אייך מיט אַ מבול; שיק איך נאָך מיינס אַ קינד, נאָך וועלכעס איר ווילט פון מיינע „צוועלף עשרת השבטים",

און בין דערמיט יוצא לכל הדיעות! נאָר, אז דער רעדאַקטאָר וויל, איך זאָל ל אַ כ ן, וועל איך מוזן און קאָנען לאַכן.

אַ ייד איז אַ ספּעציאַליסט צו אַלעמען, היינט איז ער פאַבריקאַנט, מאָרגן — שוסטער, איבערמאָרגן ווערט ער אַ מלמד, אין אַ פּאָר וואָכן אַרום טראָגט ער אַ צילינדער און שפּילט אין יידישן טעאַטער, דערנאָך גיט ער אַרויס אַ צייטונג!

אַ ייד, איידער ער שטאַרבט, טוישט ער הונדערט מאָל זיין פּרנסה, און זעלטן ער זאָל זי האָבן!

פאַר דאָס אָבער, טוישנדיק די פּרנסה שוין טויזנטער יאָרן, האָט ער זיך אויסגעלערנט טויגן צו אַלץ, דאָס הייסט, צו גאָרנישט, און נעמט זיך צו אַלץ אין דער וועלט.

און איך בין אויך אַ ייד! היינט בין איך אַ לץ, מאָרגן וועל איך אפשר זיין קאָלאָניסט אין ארץ־ישראל, אַ שוחט ובודק אין אַמעריקע, אַ צושניידער אין מאָסקווע, אַ זיצער אין פּעטערסבורג, און אפשר גאָר אַ גביר פון מאה אלף רו"כ, נאָך אַ באַנקראָט פון שי"ן אלף רו"כ!

אַ קשיא אויף אַ מעשה!

נאָר, ווי געזאָגט, דערווייל בין איך אַ לץ, אַ בדחן.

איך זע נישט קיין גרויסע זאַכן דערפון, נאָר — וואָס קאָן איך דאָ צולייגן? אַלץ בעסער, ווי ליידיק געגאַנגען, לאָז מיין ווייב כאָטש מיינען, אַז איך טו עפּעס!

— אדוני הרעדאַקטאָר, —האָב איך געזאָגט צו מיין באַלעבאָס, — דו הייסט ציגל מאַכן, גיב שטרוי!

דער אָדון הרעדאַקטאָר האָט מיר געוויזן מיטן גרויסן פינגער אונ־טערן טיש.

אַ לץ טאָר קיין נאַר נישט זיין; איך האָב מיך באַלד געשטויסן, וואָס ער מיינט: אונטערן טיש שטייט אַ קויש, און אינעם קויש ליגט שטרוי פון מיינעטוועגן.

איך רוק אַפיר דעם קויש און נעם מיך צו מיין מלאָכה. ריבונו של עולם! וואָס פאַר אַן אוצרות דאָ ליגן! סאַמע היימישע מחברים! יונג און אַלטוואַרג, דאַמען אַפילו; ווי איך בין אַ ייד, דאַמען ליגן אין קויש!

איך דערקען זיי באַלד, דאָס שפּיציק קינדישע כתבל!

איך דאַרף זיין אַ לץ, און האָב דאָך באותו הרגע רחמנות, אַ ביטער

רחמנות אויף מיין רעדאַקטאָר! דער אומגליקלעכער מענטש האָט געמוזט דאָס אַלץ איבערלעזן!

האָר און נעגל שטעלן זיך קאַפּויר!

שטעלט אייך פאָר, אַז איר זענט אַ חודש דורכאַנאַנד אין דול־הויז און איר הערט נאָר משוגעים רעדן. נאָך ווייניק, איר מוזט די משוגעים ענטפערן! איך קוק אויף דאַטן; נאָך איידער עס איז אַרויס דער פּראָס־פּעקט, איז שוין דאָ מאַטעריאַל פון אַ מאַסע קליינע שטעטלעך, פון אַ מענגע ישיבה־בחורים, פון חתנים און פון כלות אויך!

און דאָס איז נישט נאָר אַ סכנה פאַרן מוח, עס איז אויך אַ סכנה פאַר די אויגן!

אונדזערע מחברים האָבן אַ פאָרליבע צו טונקל־קאָלירטן פּאַפּיר, קליינע בייגעלעך, דראָבנע אותיות, ווי שפּילקע־קעפּלעך, און צו וואַסער־דיקן טינט.

עס איז אַ רחמנות אויפן רעדאַקטאָר, אויפן זעצער, און דער עיקר אויף מיר, וואָרים איך בין די לינקע זייט פונעם רעדאַקטאָר!

„אדוני הרעדאַקטאָר — שרייבט איינער — למען השם, אַזוי ווי דער שיר וועט געדרוקט ווערן, זאָלט איר אַ ספר אַריינשיקן מיין כלה, מרת חנה גרימפּילגריץ פון מזלבאָזשיץ, נאָר מיטן גאָלדענעם שניט, וועל איך דערמיט יוצא זיין פאַר אַ כלה־מתנה — אַ סידור!"

דער צווייטער בעט: מען זאָל זיין נאָמען נישט אונטערשרייבן, נאָר „פּיוויש", ווייל דער פאָטער זיינער איז פון די, וואָס טרעטן „הינטערוואַ־ליכם". ער האָט פיינט די השכלה, און וועט אים דיביינער ברעכן; על־כל־פּנים — נישט מיטנעמען אויפן יריד, וואָס וועט זיין גיך און באַלד אין לענטשנאַ! און פאַרוואָס „פּיוויש"? ווייל דער פאָטער איז שוין גע־וואָר געוואָרן, אַז ער איז עס געווען דער „לעקיש" אינעם „פאָלקסבלאַט". און אפשר, האָלט ער זיך אָן עיצה, איז בעסער גימפּל? ענדלעך — ווי איר ווילט!

איינער פון אונדזערע באַרימטע פושער קאָן זיך נישט אַנדערש צו־זאַמענקומען מיטן רעדאַקטאָר, נאָר ווי חתן־כלה — אינמיטן וועג! אינ־מיטן וועג האָט ער אַ באַקאַנטן, דעם באַקאַנטן וועט ער אַריינשיקן זיין אַרטיקל, און דער רעדאַקטאָר זאָל אַריינשיקן מעות; און רעדט זיך אויס „ברחל בתך הקטנה": אַז דער שליש וועט נעמען דעם אַרטיקל און שיקן דעם רעדאַקטאָר, ווי אויך — נעמען דאָס געלט און שיקן אים, דעם באַ־קאַנטן פושער.

דערביי ליגט אַ פּרייז־קוראַנט:

1) צוויי מציבות פון זיינע געשטאָרבענע ווייבער — זעקס קאָפּי־קעס פאַר אַ שורה.

2) אַ מציבה פאַר אַ גביריש קינד, זיינס אַ תלמיד — צען קאָפּי־קעס פאַר אַ שורה.

3) אזוי שירים: „דער ליטווישער קוגל", „דער פעפער אין פּאָפּלי־ניק" און אַ פּאָעמע: „דאָס האָניק־טייגל", נישט אַנדערש, ווי צו זיבן קאָפּיקעס!

איינער שיקט אַריין פיר וויצן; דריי געגנבעטע פונעם „הויז־פריינד", אַ פערטן אַן איינגענעם. דער פערטער קלינגט „קויף ביי קיין ציגיינער קיין פערד; ער האָט עס אזוי פאַרדאָרבן, אַז דער באַלעבאָס, ביי וועלכן ער האָט געגנבעט, וועט עס נישט דערקענען!" און הייסט זיך געבן פינף הונדערט עקזעמפּלאַרן פאַר באַקאַנטע, ווי „הרב הגאון חותני מאיר מאָנ־טיג, והרב הגאון..." ער רעכנט אויס אַ משפּחה פון רבנים, גאונים, אַחוץ משכילים און מחברים!

אַ געוויסער באַרימטער צימבלער שיקט אַריין אַ ווערק! אַ שיר פון זעקס הונדערט סטראָפן, אויף געגעבענע גראַמען וועגן שמיטה אין די קאָלאָניעס אין ארץ־ישראל, און וויל נישט מער ווי צוויי קאָפּיקעס פער שורה און דרייסיק עקזעמפּלאַרן געבונדן אין ענגלישן לייוונט!

צינד גייט אַ טראַגעדיע.

דער ערשטער אַקט:

עס קעמט זיך אַ מיידל די האָר און זינגט און זאָגט, אַז די השכלה שיינט, ווי די זון, שמעקט, ווי אַ רויז, און איז באַטעמט, ווי האָניג!

אין צווייטן אַקט קומט פאַר איר טויבער פאָטער און שווערט אין אַכציק סטראָפן, אַז ער מוז נאָך די וואָך חתונה מאַכן די בת־יחידה, ווייל ער זעט שוין, זי איז „אָנגערירט"!

ער רופט דעם לאָמען משרת, און שיקט אים, ער זאָל לויפן אויף איין פוס, און ברענגען דעם פאָנפאַטן שניידער, דעם שוסטער מיט דער געלער זאַך, די בלינדע נייטאָרין, און נאָך אזוינע קאַליקעס, מען זאָל אין איין וואָך אויפנייען דער טאָכטערס חתונה־מלבושים. — אַ חתן וועט ער איר שוין אַליין זען; מען קריגט די סחורה!

אין דריטן אַקט: — וואַלגערט זיך דער משרת פאַר ווייטיק אויף דער ערד: ער האָט ליב דעם מלאך, באַשען, און ציטערט אימת מוות פאַרן באַלעבאָס, איר פאָטער! ער עפנט דאָס מויל און וויזט דעם פּובליקום,

אז ער האָט קיין איינציקן צאָן אין מויל פון די פּעטש, וואָס ער האָט שוין פון באַלעבאָס באַקומען פאַר נישט פאָלגן; צינד — ווייס ער נישט, וואָס צו טון: זאָל ער פאָלגן און רופן די בעלי־מלאָכות, מאַכט ער אומגליקלעך דעם מלאָך, באַשען, די בת־יחידה; זאָל ער נישט רופן — גאָט ווייסט, וואָס עס וועט זיין!

דערווייל קומט אַריין די באַלעבאָסטע.

זי לויפט צו צום משרת, ווישט אים אויס פאַר רחמנות, מיטן ברוי־דיקן פאַרטעך, די טרערן פון די אויגן און, אַז זי הערט אין וואָס עס גייט, ברעכט זי זיך די הענט און וויינט מיט. העלפן קאָן זי נישט; א מאַן איז א מאַן, און זייט דער מגילה'ס צייטן, האָט א מאַן צו שאַפן!

אין פערטן אַקט: זיצט ביים טיש א שטומער רב, וואָס זאָגט נאָר איין וואָרט „לחיים"!

א חזן, וואָס שרייבט מיט דער לינקער האַנט די תנאים.

א פאַרטראַכטער שמש, וואָס דערלאַנגט צו קבלת קנין, אויפן אָרט פון א פאַטשיילע, דעם ווייבס האַרבאַנד.

א קרומער סאַרוועד, וואָס פאַלט פיר מאָל איבער זיינע אייגענע פאָלעס פון דער איינציקער שבתדיקער קאַפאָטע, און צעברעכט דערביי אַכט גלעזער.

א דיין מיט קאָלטענעוואַטע פּיאות, וואָס כאַפּט זיי באַלד אין מויל אַריין און קלערט, צי איז מען שוין מיט דעם יוצא, אָדער מען דאַרף צום מזל־טוב אויפּסניי א פאָר כּלים צעברעכן.

עטלעכע יידן וואָס כאַפּן פון די טעלער!

עטלעכע ווייבער, וואָס ווישן אויס מיט די פינגער די שעלעכלעך פון איינגעמאַכטס, און זענען מקנא דער כלה.

דער חתן — א רויטער, מיט א גראָבן וואָרצל אויף דער לאַנגער נאָז, מיט א פעפער אונטערן אויג — און וויל דווקא א קוש טון דער כלה.

און די כלה אַליין שווייגט, נאָר דאָס פּנים רעדט.

דער פינפטער און דער לעצטער אַקט קומט פאָר שוין אין גאָס.

מוזיק, א יידענע מיט א קויליטש, א חופּה!

נאָר, ווען דער חתן וויל נאָכזאָגן דעם שמש „הרי את", טרינקט אויס די כלה א פלעשעלע סם, קריגט שרעקלעכע לייב־שמערצן; שרייט מיט א שרעקלעך קול: רוצחים! גנבים! מערדער! און פאַלט אַנידער טויט!!!

דער מחבר זאָגט אינעם בריוו, אַז ער האָט נאָך געוואָלט מאַכן א

זעקסטן אקט, און באשרייבן די לוויה, נאָר מען האָט געזאָגט, אז עס איז א מאָדע נאָר פינף אקטן!

געוואַלד! עס גלוסט זיך אייך צו לאַכן? מיר נישט!
מיך שרעקן די — קאַליקעס!
— הער רעדאַקטאָר! פון קויש וועט גאָרנישט זיין.

דער רעדאַקטאָר ציט מיט די פּלייצעס, ווי איינער רעדט: שלאָג דיר קאָפּ אין וואַנט!

וואָס זאָל איך טון, אז צו שלימזל בין איך געבוירן געוואָרן א ייד!
גאָט, גאָט! פאַרוואָס בין איך א יידישער פעליעטאָניסט!

פאַר א קריסטלעכן פעליעטאָן־שרייבער שטייט אָפן און פריי די וועלט! די פאַקטן, וואָס דאָס לעבן גיט, זענען: לייכטע, שווערע און מי־טעלע; די שווערע ווערן באַארבעט דורך די געלערטע, שווערע רייטער, דערפון ווערן ווערק, לייטנדע אַרטיקלען, אָפּהאַנדלונגען, מאָנאָגראַפיען און דערגלייכן; די גאָר לייכטערע ווערן געדרוקט מיט גאַנץ קליינע אותיות אַלס טעגלעכע נייעס. זיי ווערן סעגרעגירט, יעדעס מין גייט באַזונדער: אַרויסגעגאַנגען אַזוינע און אַזוינע חיבורים, געשטאָרבן אַזוינע און אַזוינע לייט, דערנאָך גייען: קאָנצערטן, בעלער, דועלן, און נאָך אַזוינע קליינ־קייטן. די מיטל־שווערע געהערן צום פעליעטאָניסט. נישט ערד־ציטערניש, נאָר א טענצל פאַר אָרעמע לייט; נישט א מילחמה, נאָר אַזוי איינער דעם צווייטן געבראָכן די ביינער; נישט ווילהעלם, נישט פראַנץ־יאָזעף, נאָר אַלעקסאַנדער פון באַטענבערג, נישט נייע, וויכטיקע דערפינדונגען, נאָר אַן עלעקטריש שפּילצייג! און דערגלייכן זאַכן, וואָס זענען נישט גרויס, נישט קליין, נישט אַהין, נישט אַהער. דאָס אַלץ שלעפּט דער פעליעטאָניסט צו־זאַמען, קנעט זיי צונויף, מאַכט פון זיי א קאַשע, גיסט צו אַביסל וואַרעם וואַסער, עס זאָל נישט זיין צו געדיכט, עס זאָל נישט שטאָפּן; גיט צו אַביסל זאַלץ, אַביסל פעפער, א קליינעם סקאַנדאַל צום טעם, עס זאָל נישט זיין צו לאַנגווייליק; עס זאָל א ציפּ געבן אין שפּיץ צונג און שוין! צוגעשטעלט, אָפּגעקאָכט, אויפגעגעבן אַלס פאַרשמאַק, אָדער לעגאָמינע, און פאַרטיק. אַבי גרינג צו פאַרדייען!

אונדזער לעבן האָט נישט אַזוינע פאַקטן: מיר האָבן אָדער גאָר קליינע, נישט צו דערזען מיט די אויגן, אָדער גאָר גרויסע צרות, וואָס דער שיכל קאָן נישט משיג זיין.

פון פיאַלון, ווערמקרויט און טייוולסקויט — קאָן מען קיין לענגאַ־ מינע און קיין פּאַרשמאַק נישט מאַכן!

מיר האָבן אויך אַמאָל געטאַנצט אויף דער וועלטס חתונה, אויך גע־ הערט דעם וועלט־באַרימטן בדחן, און נישט איינמאָל אַן אייגענעם וויץ פאַבריצירט... נישט היינטיקע צייטן! היינט איז אַזוי גליטשיק, אַזוי טרויע־ ריק, אַז עס הרגעט אַוועק דעם הומאָר, אַפילו דעם גאַלגן־הומאָר.

פאַקטן וואַלגערן זיך אין די גאַסן... נאָר וואָס דו הייבסט אויף, איז פאַרזאַלצן פון טרערן, באַגאָסן מיט אומזיסטן שווייס...

מאַטעריאַל איז אַפילו דאָ, די הענט צו צעפירן: רבנים, שוחטים, דיינים, ליציטאַציעס אויף „אתה הראית" מיט פעטש. היינט — מסירות, שריפות וכדומה... עס דאַכט זיך גאָר איינס אין דער וועלט אויף אַ פעַ־ ליעטאָן...

נאָר דאָס מוז מען שוין איבערלאָזן פאַר חדר־יינגלעך אין די טאָג־ בלעטער! עס איז שוין זייער פרנסה, זייער חזקה!

אַ פעליעטאָניסט איז אַ קונצנמאַכער, ער וואַרפט און כאַפּט צוואַנ־ ציק רעשלעך אויף אַמאָל, עס רעגנט ביי אים מיט רעשלעך... ביי אונדז זענען אָבער אָדער שטויב, אָדער גאַנצע צענער־פודיקע קוילן, נישט אויפ־ צוהויבן, נישט אַוועקצורירן, נישט צו ברענגען פון אָרט.

און דאָך איז אַ ייד בטבע וויציק. ער איז וויציק, זיין שפּראַך איז וויציק! אין פּוילן ווייניקער! אין דער ליטע שאַרט מען עס מיט די לאָפּע־ טעס, מען שיט פון אַרבל, מען שפּייט עס אויס אין די גאַסן. און אַ ייד דאַרף זיין וויציק, זיין גאַנץ לעבן איז אַ קאַלאַמבור, זיין היסטאָריע — אַ רעטעניש, זיינע תנועות, זיינע מינהגים...

שאַ! דער רעדאַקטאָר האָט מיט מיר אויסגענומען אַ תנאי, איך זאָל נישט אָנרירן קיין מינהגים! איך וועל שוין נישט מער! איך וועל שוין אַפילו נישט לאַכן פון אַן אייזן — אַ שמירה פאַר דער תקופה, אַ מעסער אין ווינגל ביי אַ יולדת — פאַר שדים, פון צוריק וואַרפן אויסגעריסן גראָז אויפן הייליקן אָרט, ווער שמועסט פון באָרד און פאות. אַז מען זאָגט ניין איז ניין. איך בין אַריינגעפאַלן צו אַ פרעמדן רעדאַקטאָר איז פאַר־ פאַלן, נאָר ריבונו של עולם, פון וואָס דען זאָל איך לאַכן?

פון די עשרה הרוגי מלכות? פון דער סוגיא הכל שוחטין? פון דעם געערטן, באַרימטן, גוטן פובליקום? פון דעם פרומען רעדאַקטאָר, אָדער פונעם

ליץ פון דער רעדאַקציע?

.2

אַנהויב ווינטער האָב איך מיך פּאַר אַ לץ געשטעלט, עס איז שוין, ברוך השם, סוף זומער, און איך האָב נאָכגעשט אויף עפּעס רעכטס אוואַנ־סירט. איבער דער צייט איז אויף טויזנטער אַן איבערקערעניש געקומען... דאָס רעדל פון מזל האָט זיך אַזוי שטאַרק געדרייט, אַז איידער איינער האָט זיך אומגעקוקט, האָט ער שוין עטלעכע קאַזשיאַלקעס אין דער לופט געמאַכט. איבער דער צייט זענען מאַסן גבירים בדיל־הדל און נע־ונד גע־וואָרן, פאַר דאָס ווייטער זענען אַ מאַסע יי ד ן ביי דער גרענעץ נית־עשר געוואָרן פון די עמיגראַנטן... אַ סך „געענדיקטע" זענען געוואָרן „ערלה אויף דריי יאָר". פאַר דאָס זענען אַ מאַסע אַפּיקורסים אַזוי פרום געוואָרן, אַז עס ווילט זיך זיי טאַפּן ביים דופק.

ארויף, אראָפּ — דאָס רעדל דרייט זיך, נאָר איך איינער שטיי נאָך אויף איין אָרט. וו עס האָט זיך מיר נישט עפּעס געוויזן, ווו איך בין נישט געגאַנגען עפּעס זוכן, האָב איך אַלץ געפונען אַ פול הויז (אָדער פּאָדער־הויז) מיט מענטשן פון געוויסע מ ק ו מ ו ת, אָדער נישרפים פון נאָנט און פון ווייט... זיי זענען, זאָגט מען, בילכער, און זיי אַליין גייען צוריק מיט גאָרנישט. איך בין צוריק שרייבער!

און דאָ ווערט דאָס לעבן אין וואָרשע טאָג־טעגלעך אומדערטרעג־לעכער... דורך די שרעקלעכע היצן פאַרען אויס פון מוח אַלע בעסערע געדאַנקען, און — דער עיקר — האָט מען פאַרווערט ביי די יאַטקעס דאָס „ביינער־פלייש" מיט די „שטיקלעך", ווייל זיי ווערן געשווינד פאַר־דאָרבן, און די אָרעמע לייט זענען אַזוי באַגייסטערט פונעם מאָגן, אַז די נאָז האָט ביי זיי גאָר קיין דיעה נישט. עס בלייבט דעם אָרעמאַן צו שלינגען לופט, נאָר קיין לופט איז אויך נישטאָ. אין די גאַסן איז פול שטויב פון ליים, קאַלעך און ציגל—: די אַלטע הייזער פוצן זיך שוין אויס צום ווינ־טער־קאַרנאַוואַל, קלעפּן זיך אויס די צעראַצטע הויט, רעזירן זיך, און אין די גערטנער איז דאָ מער מענטשן, ווי בלעטער... דערצו נאָך איז דער טראַ־מוואַר זייער מסוגל צום שטיוול רייסן. נאָר די אַלע מלאכי־חבלה האָבן נאָר געקריגן דעם רשות, וועלכן דער שטן האָט אויף איובן באַקומען, טו מיט'ן, וואָס דו ווילסט, „רק את נפשו שמור", בשעת, ווען די ניי־געבאַ־קענע פּאַטריאָטן האָבן ממשלה אויף דער נשמה אויך.

„ריבונו של עולם!" אויף מיינע פּלייצעס שטייט איינער מיט לאַנגע וואָנצעס, אויף זיינע פּלייצעס שטייט נאָך איינער — די אַפּצאָסן מאַכן

מיר לעבער אין די פּלייצעס, איז נאָך ווייניק, דאַרף איך נאָך ליידן פון פּ אַ ט ר י אָ ט ן ! ראַפּטום וואַקסט מיר אַ סטודענט פון אונטער דער ערד אַרויס און רייסט מיר פון מויל אַרויס ברונס אַ פּאַפּיראָס, פּלוצלינג האַקט מיר איינער מיט אַן „אוטשאָני זנאַק” אין די פּלייצעס אַריין: מינחה דאַ־ווענען! אַט לאָמט מיר ווייטער איינער אַקעגן: יונגערמאַן, ווייז די ציצית!

ניין! איך מוז אַנטלויפן פאַר פּאַטריאָטן, שטויב, טראָטואַרן און פון דער שטאָט אַן „ביינער־פּלייש”! איך מוז אַרויס אויף דער פרישער לופט!

— — — — — — — — — — — — — — — — —

אין שטאָט האָבן מיך די טראַמוויים און די דראָשקעס אַזוי טויב געמאַכט, אַז אַצינד ערשט פיל איך, ווי די אויערן גייען מיר אָפּ. איך הייב אָן לאַנגזאַם צו הערן יעדן שאָרך, יעדע לייכטע באַוועגונג. אויך בין איך מיך מחיה דערמיט, וואָס איך קאָן אַביסל פאַרמאַכן די אויגן, און דאָך נישט אָפּגעריסן צו ווערן פון דער וועלט. און די וועלט איז דאָ אַזוי פּראָסט, אַזוי איינפאַך: אויבן בלוי, אונטן גרין, און אַזוי ווייניק מענטשן!...

מיט דער צייט אָבער האָב איך אָנגעהויבן צופיל צו הערן. איך האָב אָנגעהויבן צופיל צו פאַרשטיין די אַלערליי לשונות פון עופות, פייגל, אַפילו פון געוויקסן.

איינמאָל, ביינאַכט, האָב איך ראַפּטום געהערט, ווי אַ הון זאָגט אירם אַ קליין הענדל:

— פיר דיך בדרך הישר, זיי נישט ווילד, וועסטו זוכה זיין לשני שולחנות... אויף ד ע ר וועלט וועט מען דיך שפּייזן מיט אַלעם גוטן, און צו י ע נ ע ר וועלט וועט מען דיך אַוועקשיקן מיט אַ ברכה.

— איך בין אַנטלאָפן.

עס פליען צוויי שוואַלבן. איינע מאַכט צו דער אַנדערער:

— ווען מענטשן זאָלן וויסן, אַז מיר עסן ווייץ און ווערעמלעך נאָר בשעת־הדחק, וואָלטן זיי אונדז אַלע אויסגעשאָסן... די מענטשן ווערן אַלע יאָר הונגעריקער און קליגער... מען דאַרף זיך היטן פאַר זיי... דאָס, וואָס מיר האָבן אַמאָל וואַסער געבראַכט צו לעשן די שריפה פון בית־המיקדש, איז היינט קיין מעלה נישט... אַזוינע אַלטע וועקסל צאָלט מען נישט!

פאַר אַ מענטש אַנטלויפט מען, וואָס טוט מען אָבער מיט שוואַלבן, וואָס פליען מיר אין גרויסע רעדער איבערן קאָפּ? איך וואַרף מיך אַנידער אויף דער ערד.

הער איך, ווי דערנער רעדן.

— ווי פֿאָדלע — הער איך אונטער מיר אַ דאָרן — ווי פֿאָדלע די מענטשן זענען. אַז זיי קאָנען אונדז נישט פרעסן, לאָזן זיי אונדז נישט לעבן אַ מינוט, איז מען אונדז עוקר מין השורש! נאָך ווייניק, זאָגן זיי נאָך, אַז מיר זענען מיאוס... ווייץ און קאָרן זענען שיין, מיר — נישט עסטעטיש, נימאס ומאוס... זייער געשמאַק, זייער געפיל, זייער גאַנצער שכל ליגט אין מאָגן! וואָס עס לאָזט זיך פרעסן, איז אנגענעם, און וואָס אנגענעם איז — איז שיין, פיין און עסטעטיש.

און דערנער רעדן שטעכעדיק. איך שפרינג אויף; דאַנק גאָט, אַז די שוואַלבן זענען שוין אוועקגעפלויגן, און דערזע ערשט, אַז נישט ווייט פון מיר ליגן צוויי „ליעטניקעס” אָן סורדוטן.

זיי רעדן פון שלעכטע צייטן!

— שלעכטע צייטן, — מאַכט איינער, — מיר, פעלשער, מעגן פאַר־מאַכן די קראָמען... געוואָרן אַ פולע לופט מיט מיקראָבן... עס דרייט איי־נעם אין אויער — מיקראָבן! עס קראַצט ביי דער פאָדעשווע — מיקראָבן!... די „הינטישע מיקראָבן” האָבן אויפגעגעסן די פּיאַווקעס, באַנקעס, און אונדז, פעלשער, אינגאַנצן... די וועלט אפילו דרייט זיך, ווי אַ רעדל, נאָר איידער עס וועט צוריקקומען אונדזער צייט, וועלן מיר שוין אויף דער וועלט נישט זיין!

אַ פעלשער אויף אַ זומער־וווינונג איז דער בעסטער סימן פון שלעכטע צייטן; נאָר די זיכערהייט, אַז עס מוז צוריק קומען צו בלוט צאַפּן, לעשט אין מיר אויס יעדן פונק פון רחמנות; איך גיי אוועק קאַלט, ווי אייז. —

—... אויסער עס זאָל זיך מאַכן אַן אונטערגאַנג!

יאָגט מיך נאָך דעם פעלשערס קול. —

— — — — — — — — — — — — — — — — —

אָך, די ערגסטע „פרנסה” אויף דער וועלט איז אַ ליץ.

גוט, וויניקסטנס אויף אַ זומער־וווינונג, איז נאָר מיין חבר, יעקל דער משורר: בלויען הימל, גרינע ערד, פייגל... פון ווייטן קלינגט מען, ער הייבט אָן זינגען:

און מען הערט, ווי גרויסע גלאָקן קלינגען,
און מען הערט, ווי מען מעלקט די קי!

גליקלעכע משוררים; עס האָט עמעץ צווישן די קשאַקעס געגאָסן, הערן זיי קלינגען אין וואַלד, און דערמאָנען זיך, אַז מען מעלקט די קי!

איך, אָרעמער לץ, אַז איך קוק אויף דער גרינער ערד, גייט זיך מיר די גרינע גאַל אָן פאַר די גרינע ווערים, וואָס קריכן אויף איר; אַז איך קוק אַרויף אויפן בלויען הימל האָב איך פאַר די „לוסטיקע הימלישע אויגן״ קיין אַנדער שאלה נישט נאָר: רבותים, ווי גייט עס אייך מיטן בלוט־צאַפּן? וועט עפּעס זיין אַן אונטערגאַנג? —

אויסער דעם גומען מיט דער נאָז, (וועלכע שווייגן מכמה טעמים), ברענגען מיר די רעשט חושים נאָר גיפט; די אויגן — פעלשערם מיט גרינע ווערים, די אויערן — פּרעטענסיעס פון שוואַלבן, דער חוש המישוש — דערנער־לשון. איך האָב אפילו ביינאַכט פון זיי קיין רו.

קוים האָב איך צוגעמאַכט די אויגן, חלומט זיך מיר דער פעלשער.

— יאָ, יאָ, — זאָגט ער — אונדזער געשעפט הייבט זיך! גאָט זיי דאַנק, עס מאַכט זיך אַן אונטערגאַנג... פון אזיע גייט די כאָלערע... און דאָ הערשט די כאָלערע־נאַסטראַ, אונדזער אייגענע קוגל־קרענק!

און אויף אַלעם איז אַן אונטערגאַנג.

די וועלט פירט זיך שוין אַזוי! ברענט ערגעץ אָפּ אַ טעאַטער, צינדן זיך אָן טעאַטערס אין אַלע שטעט; פאַלט איין ערגעץ אַן אייזערנע בריק, פּלאַצן זיי אין אַרבע פּינות העולם; פאַלט ווילהעלם אויף דער שיף, צע־ברעכט באַלד סטאַנליי אַ פוס, הויבט אָן די פּאָליטיק שטאַרק צו לאָמען, און דער מיסחר אין ווארשע הערט ג אָ ר אויף צו גיין.

ווערט די „נאָוואָיע ווּרעמיאַ״ פרום, ווערן פרום אויך כאַצקל און בערקע, און שמערקע, און אפילו דאָקטוירים און סטודענטן. עס איז פול די לופט מיט מיקראָבן; קענן וועלכע עס העלפט נישט, נישט קיין שכל, נישט קיין געפיל און נישט קיין געשמאַק...

— ווייל, — זאָגן די רעדנער און די שוואַלבן, — ווייל דאָס אַלץ שטאַמט פון מאָגן אַרויס...

ציטן בייטן זיך.

אַמאָל פלעגט מען זאָגן, אַז די וועלט שטעקט ביים ייד אין טאָרבע, היינט — שטעקט זי אינגאַנצן אין מאָגן.

„דזשאָן־בול״ האָט רחמנות געהאַט אויף יידן, נאָר קוים האָט מען אים געזאָגט, אַז עס גייען שיפן מיט פּיאות קיין ענגלאַנד, האָט ער גע־קריגן אַ מאָגן־קראַמף פאַר שרעק; עס איז דאָרט אויך ענג ביים טיש, וואָס טויגן אים נאָך אָפענע מיילער?

דער אַמעריקאַנער מאָגן האָט פאַרדייט אַלע נייגעבאַקענע אידעען און קאָן קיין איינציקן בינעזישן צאָפּ נישט פאַרדייען!

עס איז טאַקע פרייהייט, נאָר נישט פאַר מענטשן, וואָס עסן כמעט נישט מער, ווי רייז!...

אַזוי זענען פאַרמאַכט די פּריסישע גרענעצן פאַר די פּוילישע אַר־בעטער, וואָס זענען יוצא מיט קרויט און באַנוצן ווייניק ביר.

און די מענטשן־ליבע רעגירט, און מען האָט זיך ליב דאָס לעבן, און שלום זוכט מען, ווי גאָלד... נאָר מען האָט זיך ליב פון ווייטן... פונ־דעווען — מיטן גרעסטן פאַרגעניגן, נאָר אויף דייטשער אַרט — יעדערער זאָל צאָלן פאַר זיך...

אויפנעמען געסט — מיט דער גרעסטער פרייד, נאָר קומט צו מיר נאָכן עסן! אפשר וועסטו נאָך עפּעס צוריקגעבן פאַר מיינע הינט וועגן.

און פונדעסטוועגן שטייט די וועלט נישט אויף איין אָרט. די אַל־טיטשקע רוקט זיך; זי רוקט זיך לאַנגזאַם, פויל, מאַכט אַמאָל אַ ריק־שריט אויך, נאָר אין כּלל גערעדט, איז זי שוין ווייט געקומען.

וואָס אָדם הראשון איז געווען, ווייסט מען נישט.

איינער זאָגט, אַז ער איז געווען די ערשטע אַפּע, וואָס איז אַראָפּגע־שפּרונגען פון בוים, געשטעלט זיך אויף דער ערד און שטאַרקער, ווי אַלע חיות ובהימות, געעפנט דאָס מויל צום עסן.

אין דער גמרא, להבדיל, איז אַ מחלוקת:

טייל זאָגן, אַז אָדם הראשון איז געווען אַ כופר בעיקר, גאָר אַן אַפּי־קורס, אָן חילק לעולם הבא, — און טייל זאָגן להיפּך, אַז ער איז געווען גאָר אויף אַ גרויסער מדריגה. —

אויב ער איז געווען אַן אַפּיקורס, איז ער ז י כ ע ר געווען אַ פּרעסער. נאָר אויב ער איז געווען אין אַ הויכער מדריגה, ווייסט מען שוין נישט, וואָס זיין עבֿודות איז געווען, ווייל עס זענען פאַראַנען פאַרשידענע דרכים, און אַלע פירן צום הימל! און פאַרשידענע עבֿודותן — טייל דינען מתוך שימחה. אַנדערע מתוך עצבֿות; טייל שעלטן, טייל בענטשן, טייל פאַסטן און טייל — עסן ממש, ווי געפרעסן...

איך האָב בטבע פיינט ספיקות; עס איז אַ מאַגנעט, אַ כישוף; עס הייבט זיך אָן מיט אַ קליינעם פראַגע־צייכן, און עס ווערט דערפון מיט דער צייט אַ חיה־רעה מיט אַן אָפענעם פּיסק, וואָס שלינגט איין די וועלט.

איך פיל, אַז קוים הייב איך אָן מסופק צו ווערן, רוקט זיך מיר די ערד אַפּיר פון אונטער די פיס; אַז איך וועל באַלד מסופק זיין, צי בין איך אַמאָל אויף איר געשטאַנען, צי בין איך אַליין אַמאָל דאָ געווען. און

— ווארטן, ביז עמעץ וועט מיר געבן א זעץ אין די פּלייצעס אריין, איך זאָל געוואָר ווערן, אַז איך לעב נ י ש ט אין חלום — וויל איך נישט!

דעריבער היט איך מיך פאַר ספיקות, עס נישט פון שאלות און לייג אָדם הראשון אוועק אין א זייט.

נאָר פון עלטער־עלטער־זיידן, וואָס אונדזער עלטער־עלטער־זיידע איז זיין אייניקל געווען, האָבן מיר בעסערע ידיעות. אחוץ דער פאָטאָגראַ־פיע, וואָס ער האָט איבערגעלאָזט אין אַמעריקע און אין אויסטראַליען, און אַפילו אחוץ דעם, וואָס ער האָט דעם דין פון „חוזר ונעור" און וועט נאָך אַרויסשווימען אַפילו אינעם איין און צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, אַפילו ווען די מענטשן וועלן שוין האָבן מער מוח און הארץ אַלס מאָגן, האָבן מיר געשיכטע און סאָציאָלאָגיע.

און אַז מיר וועלן מיט אונדזער כוח הדימיון נאָכמאָל דורכמאַכן דעם וועג פון אים (דאָס הייסט: פון דעם עלטער־עלטער־זיידן, וואָס אונ־דזער עלטער־עלטער־זיידע איז זיין אייניקל געווען) ביז אונדזער מאָגן־דור וועלן מיר זען בחוש, אַז די אַלטיטשקע האָט זיך גערוקט... און רוקט זיך נאָך.

אַמאָל האָט מען פון מענטש קיין אַנדער נוצן נישט געקאָנט ציען, נאָר אָפּצובראָטן און אויפצופרעסן — האָט מען אַזוי געטון. און עד־היום ווייסט מען, אַז וויים פליש איז געשמאַקער פאַר נעגער־פליש, פרויען־פליש — אַלס מענער־פליש, און בכלל, אַז ווער עס האָט נאָר מענטשן־פליש פאַרזוכט, דעם שמעקט שוין אַפילו קיין קאַוויאַר, קיין אויסטערן, אַזאַ מאכל מאכלים איז עס!

ווי לאַנג האָט נאָך געלעבט דער נאַקעטער מענטש, זייט מען האָט אים געכאַפּט? אַזוי לאַנג, ווי דער כאַפּער, זיין נאַקעטער ברודער, האָט אים געקאָנט אויפפרעסן ראשו ורובו — ווייל אונדזער נאַקעטער זיידע האָט געהאַט אין זיך חיות פון א שלייען, וואָס וואַרפט זיך צעשניטענער־הייט אין א פאַן. — עס האָט פּאַרט נאָר געקאָנט דויערן א רגע כמימרא, ווייל אונדזער נאַקעטער עלטער־זיידע האָט נישט געהאַט קיין געלע, פוילע קראַנקע ציין, ווי מיר... אַלטע, וואָס וואָלטן שוין קיין ציין נישט געהאַט, זענען אויף דער וועלט נישט געווען, מען האָט זיי געקוילעט צו ד ע ר צ יי ט !

לענגער אַביסל האָט דער געפאַנגענער געלעבט, ווען דער מענטש האָט זיך אַזוי פיין אויסגעבילדעט, אַז ער האָט פאַרשטאַנען צו האַלטן, מאַכן און נוצן פייער...

איידער מען האָט אָנגעלייגט אַ פייער, איידער עס האָט זיך צע־ברענט, האָט דער געפאַנגענער געקאָנט אָפּלעבן אַ פּאָר שעה; ווייל עס זענען נאָך דעמאָלט קיין צינדר־העלצער נישט געווען, און מען האָט געמוזט רייבן איין האָלץ אָן צווייטן.

אויך האָט עס זיך געקאָנט טרעפן נאָך אַ רעגן, ווען דאָס ברענהאָלץ איז נאַס געווען!...

ווען אונדזער געפאַנגענער זאָל געווען קאָנען שרייבן, וואָלט ער צייט געהאַט אַ צוואה צו מאַכן, און עמעצן שענקען די צעשפּאָלטענע ביינער, נאָכן אַרויסנעמען דעם מאַרך.

די אַלטיטשקע האָט זיך ווייטער אַ רוק געטון, און אָדם הראשונס אייניקלעך האָבן אָנגעהויבן צו פאַרשטיין די דינים, וואָס הײַנט ווייס יעדע קעכין, היינו: אַז אויב מען לייגט נישט אַריין, נעמט מען נישט אַרויס, אַז אַ געשטאָפּטע לעבער איז בעסער ווי אַן אומגעשטאָפּטע, און — אַז אין דער פינצטער ווערט פעטער די גאַנדז.

קוים איז דער מענטש צום שכל געקומען, האָט שוין דער געפאַנגע־נער געהאַט גאַנצע וואָכן געשענקט לעבן! און וואָס פאַר אַ לעבן! אמת, מען האָט אים געהאַלטן ערגעץ אין אַ לאָך, אין דער פינצטער, אָבער עסן האָט מען אים געגעבן דאָס שענסטע, דאָס בעסטע! און געלעבט האָט ער אַמאָל לאַנג, גאַנץ לאַנג... עס האָט זיך געטראָפן אַ האַלב יאָר, אַ יאָר! וואָלט דער געפאַנגענער געהאַט די מיטלען, וואָס מיר נוצן אויף אָפּצערן, וואָלט ער אפשר נאָך לענגער געלעבט; עס האָט אָבער דעמאָלט נאָך קיין עסיק אפילו נישט עקזיסטירט, און אפילו די דאַמען זענען דיק און שטאַרק געווען.

דערוויילע רוקט זיך אַלץ ווייטער די וועלט!

מען דערזעט, אַז דעם מענטשנס הענט און פיס, אָדער — זיין אַר־בעט, זענען מער ווערט אַלס זיין פלייש.

און דער מענטש איז שוין אַזוי ווייט געבילדעט, אַז ער קאָן זיך איינהאַלטן, נ י ש ט פאָלגן דעם יצר־הרע, נ י ש ט נאָכגעבן דער „קאַלדאַן" — נאָר פאַרזאָרגן זיך אויף שפּעטער!

דעמאָלט ווערט שוין פון דעם „געבראַטענעם" אַן עבד כנעני, וואָס קאָן לאַנג, גאַנץ לאַנג לעבן, אויב ער ברענגט נאָך נישט זיין באַלעבאָס אין כעס אַריין, אָדער — אויב דער באַלעבאָס ווערט נישט זייער שטאַרק הונגעריק...

אַ גאַנצן זומער, ווען דער טייך וואַרפט אַרויס פיש, ווען אויף די

ביימער איז דאָ אויבם און אויף די פעלדזן — ווייכע, ווייסע חלזונות (שלימאַקעס) איז ער אוודאי זיכער מיטן לעבן.

די געפאַר איז נאָר גרוים געווען ווינטער־צייט.

נאָך א געפאַר איז געווען — פון מיזבח! די וועלט רוקט זיך לאַנג־זאַם, נאָר דער מיזבח מיטן כוהן נאָך לאַנגזאַמער... די רעליגיעס ווילן נישט וויסן פון קיין נייעס...

די מיצריים, למשל, פלעגן מוזן קוילען די קרבנות מיט שטיינערנע מעסערס, כאָטש עס זענען שוין חלפים לאַנג אויף דער וועלט געווען; די גייסטלעכקייט טראָגט שטענדיק מלבושים פון עטלעכע הונדערט יאָר צו־ריק... און דעריבער האָט נאָך לאַנג געדויערט איידער מען האָט פאַרטוישט מענטשן־קרבנות אויף קעלבער. דעם ערשטן טויש האָט געזאָלט מאַכן אברהם אָבינו... נאָר נישט אין דעם בין איך אויסן: זכות־אָבות איז שוין היינט אין שוסטער־גאַס, אַלטע וועקסל צאָלט מען נישט!

נאָר די אַלטיטשקע האָט זיך ווייטער גערוקט... די געטער (דאָס הייסט: זייערע פּלעניפּאָנטן אויף דער ערד) האָט אָנגעהויבן שמעקן קעל־בערנס, און דער עבד כנעני איז נאָך זיכערער געוואָרן מיטן לעבן!... כאָטש נישט אַזוי קורץ, ווי איך דערצייל, איז עס געשען. כאָטש ווען מיר וועקן היינט אויף די אויפגעפרעסענע מענטשן פון יענע דורות, וואָלט פאַר אונדזערטוועגן קיין שטויב אויף דער ערד געבליבן, כאָטש דער פּראָגרעס האָט זיך נישט געמאַכט מיטאַמאָל — פריער האָט מען עס געאַסרט מענטשן־פליייש פאַר נקיבות,1) דערנאָך פאַר מאַנספּאַרשוינען און דערנאָך ערשט דעם מיזבח אָדער דעם גייסטלעכן — נאָר שטיין שטייט נישט די וועלט, און זי האָט זיך ווייטער גערוקט!

דער מענטש איז וואָס אַמאָל שפּאָרזאַמער געוואָרן, קאַרגער, ער האָט

---

1) ווען איינער פון די גרויסע חסידים, וואָס עסט נישט צוזאַמען מיטן ווייב ביים טיש, זאָל וויסן, אַז דער מינהג קומט אַרויס פון יענער צייט, ווען דאָס ווייב האָט נישט געטאָרט עסן דאָס זעלבע, וואָס דער מאַן, וויל נאָר ער האָט געמעגט עסן מענטשן־פליייש און זי נישט, וואָלט ער זיכער פאַרלוירן דעם אַפּעטיט — ווייניקסטנס צום נאַרישן מינהג: אַניט וואָלט ער כאָטש בעדארפט זיין קאָנסעקווענט און נישט עסן מיטן ווייב אין איין צייט אויך. וויל עד היום ביי די ווילדע אין אַמעריקע און אויס־טראַליען טאָר דאָס ווייב זיך נישט צורירן צום עסן, ביז דער מאַן האָט אָפּגעגעסן און איז אינגאַנצן זאַט. מערסטנטיילס, נאַטירלעך, האָט דאָרט דאָס ווייב דעם אייגענעם סוף, וואָס אונדזער אָרעמע יידענע האָט, ווען זי שיקט דעם מאַן עסן אין סוכה אַריין... פון דאַנען אויך נעמט זיך דער מינהג, וואָס די באַלעבאָסטע טיילט ביים טיש און זעלטן זי זאָל זיך נישט פאַרטיילן.

דעם עבד כנעני געהיט נישט געהיט ווייניקער, ווי אונדזערע פויערן דעם אינווענטאר. די לייב־אייגענע (עבדים כנענים) האָבן דאַדורך אפשר בעסער אויסגעזען, ווי זייערע לײדיק־גייער, די באַלעבאַטים.

געבילדעטער זענען זיי אוודאי געווען; זיי האָבן געאַרבעט און געוואָרן מיט דער צייט בעלי־מלאָכות און אפילו קינסטלער!

שלעכט איז נאָר געווען אין אַ הונגער־צייט, ווען עס האָט פאַרפעלט עסן, אָדער ווען די עבדים כנענים האָבן זיך אַזוי געמערט, אַז מען האָט פון זיי אַזויפיל אַרבעט, וויפל זיי האָבן געקאָנט געבן, נישט געקאָנט נעמען... און ביפרט אַז מען האָט מורא געהאַט פון זייער צד פאַר אַ מרידה...

אַזאַ צופאַל איז געווען אפילו אין גריכנלאַנד! נאָר עס איז שוין געווען אַ געבילדעטער דור, מענטשן־פלייש האָט מען שוין נישט געגעסן, און פּרעהס עיצה — וואַרפן אין וואַסער אַריין, האָט נישט געפּאַסט צו דער גריכישער בילדונג. האָט מען זיך אַן אַנדער עיצה געגעבן: מען האָט אַריינגעטריבן די איבעריקע עבדים, די נישט נויטיקע בעלי־מלאָכות, קינסטלער, זינגער, פילאָזאָפן אין וואַלד אַריין, און די יונגע מיוחסים האָבן זיך אויף זיי געלערנט שיסן. כל־זמן די קנעכט זענען אַנטלאָפן אויף דער ערד, האָט מען געזאָגט אַ יהי רצון: אלוהי, אַ ווילד־חזיר! איז אָבער איינער אַרויפגעשפּרונגען אויף אַ בוים, האָט מען אים אַלס פויגל געשאָסן...

עס האָט אַזוי לאַנג געדויערט, ביז מען האָט רעגולירט די צאָל מענטשן מיטן עשירות פון עסנוואַרג; געמאַכט יעדן צוריק ניצלעך און — שלום ושלווה! קיין ניצלעכן מענטש האָט מען נישט גערירט! נישט געשאָסן, אפילו נישט געטריבן! —

און די וועלט האָט זיך ווייטער גערוקט!

מען האָט איינגעזען, אַז דער „עבד כנעני", וואָס קאָן גאָרנישט „זוכה" זיין, קאָן גאָרנישט זיין אייגנס האָבן, ווייל „מה שקנה עבד קנה רבו" — אַליץ, וואָס דער קנעכט דערווערבט, געהערט דעם באַלעבאָס — און דעריבער, אַז ער אַרבעט אפילו, אַרבעט ער אָן חישק, אַבי איבערצוקומען, אַבי יוצא צו זיין; דאַקעגן אַ מענטש, וואָס אַרבעט פאַר זיך, אַרבעט מיט מער כוח, מיט מער חישק און איז דעריבער מער ניצלעכער — האָט מען די ניצלעכע מענטשן באַפרייט... און אַזוי איז געקומען ביז צום היינטיקן טאָג.

עד היום איז דער ניצלעכער מענטש, דער, וואָס מען דאַרף אים נויטיק — זאָט; און מען היט אים, ווי אַן אויג אין קאָפּ... עד היום שטאָפּט מען היינער און גענדז! און אפילו די שוואַלב, ווייל מען מיינט, אַז זי עסט

אויף נאָר ווערים און רירט נישט קיין תבואה, איז אויך זיכער מיטן לעבן, כאָטש זי גלויבט אפשר אין גאָרנישט...

מען דאַרף ניצלעך זיין, אָט דאָס איז דער כלל. און דעריבער הייב איך, לײַ, אָן צו קלערן, צו וואָס נוץ איך אייך? איך האָב אייך ווייטער נישט געקאָנט מאַכן לאַכנדיק!

איך פיל מיך דעריבער שרעקלעך דענערווירט און מיר דאַכט זיך, אַז די גאַנצע „נאַטור" איז נערוועז, עס איז שפּעט בײַנאַכט און ז י קאָן נישט אײַנשלאָפן. דאָ רופט זיך אָן אַ הונט, דאָ אַ קאַץ, דאָ גיט אַ בלאָז, עמעץ — אַ זיפץ... עס ציטערט אויף מיר די הויט!

אום מיך צו באַרואיקן און די נאַטור אײַנצושלעפערן, פּרוּוו איך מײַנע כוחות אין געזאַנג.

איך שפּרינג אויף פון געלעגער, הייב אויף די רעכטע האַנט צום הימל, לייג די לינקע אויפן האַרץ, און באַמי זיך אַרויסצוגעבן אַ פּאָר טענער. דערבײַ עפן איך די אויגן און פיל בחוש, אַז מײַן זיסער קול גייט מסוף העולם ועד סופו. איך ווייס נישט, פון וואַנען עס האָט זיך צו מיר גענומען, נאָר די גראַמען פאַלן מיר אויסן קאָפּ אַרוים אַזוי לײַכט, אַזוי גרינג, אַז מיר הייבט אָן דאַכטן, אַז עס שטעקט עפּעס טאַקע אין מיר אַ מין משורר! און עס איז אַ פאַרגעניגן מיט די גראַמען... גאָרנישט, מען דאַרף נישט דענקען, מען מעג קיין פּולווער נישט געפינען, אַבי עס קלינגט...

וואָס פעלט, למשל, מײַן קאָמפּאָזיציע, וואָס איך האָב דעמאָלט געמאַכט? זאָגט אַליין?

הימל נישט דונער!
שטערן, נישט שײַן!
לבנה, נישט שימער!
שטילער זאָל זײַן!

הוידע נישט, צווײַג!
וואָלקן, נאָר שטיי!
ווינטל, דו שווײַג!
ערדל, נישט דריי.

הימל, זײַ שטום!
רעגן, נישט קאַפּ!

בערל, נישט ברום!
פערדל, נישט כראפ!

פרעשל, נישט „קווא״!
לאשאק, נישט „הע״!
פייגעלע, שא!
עקסל, קיין „מע״!

לייבעלע, קיטש!
קעצל, קיין לעק!
דו, קו, קיין מריטש!
קעלבל, קיין בלעק!

ווייבל, קיין פשיק!
מיידל, נישט קראץ!
בטלן, קיין קניק!
שאטס אלע, שאטס!

שטילער, נאטור,
שטילער, „דו שלעכטס״!
שטילער, איך ליץ
וויל געבן א קרעכץ!

און עס איז מיר אויף ארט און שטעל גרינגער געווארן, די נאטור איז איינגעשלאפן, איך אויך.

און עס האט זיך מיר געחלומט, אז איך האב דאס געדיכט פון ער־געץ ארויסגעגנבעט. נאר, אז א י ך קאן מיך נישט דערמאנען, ווער עס האט עס געשריבן, און ווו עס איז געדרוקט געווארן, וועט דער לעזער — טראכט איך — אוודאי נישט וויסן, און דאס איז דער עיקר!

דאס אלץ איז אבער פארט נישט צום לאכן!

איך טרייסט מיך נאר מיט דעם, וואס איך האב צו טון מיט יידן רחמנים בני רחמנים; מיט יידן, וואס זענען יוצא מיט אן ערוב, מיט ביטול חמץ, מיט א יהי רצון פאר קרבנות.

יידן! אפלייענענדיק דעם פעליעטאן, זאגט א יהי רצון — גלייך איר וואלט געלאכט און זייט מוחל דעם

ל י ץ פ ו ן ד ע ר ר ע ד א ק צ י ע

1891

וואָס הערט זיך?

פון אונדזער לאַגע אין לאַנד האָבן מיר ווייניק וואָס צו רעדן; זי איז יעדן לעזער גאַנץ גוט באַקאַנט.

מיר קאָנען נאָר פאַרצייכענען דעם פאַקט, אַז אין דער לעצטער צייט, וואָס איז שלעכט פאַר דער גאַנצער וועלט, זענען די יידישע פּרנסות אַזוי געפאַלן, אַז אפילו אונדזערע שונאים האָבן שוין נישט דאָס האַרץ צו רעדן פון אונדזער אָנגעגזלטער עשירות. זיי זענען שוין מודה, אַז מיר זענען אָרעם, זייער אָרעם. אַז, צוזאַמענגעדריקט אין שטעט, גענוגט נאָר אונדזער הכנסה אויף קוים א שטיקל ברויט מיט א ציבעלע אָדער א ציינדל קנאָבל; נאָר דאָס, זאָגן אונדזערע שונאים, קומט אונדז אויך נישט. פאַר רחמנות וואָלטן זיי צוגעלאָזט צום מויל א פּאָר ברייטלעך מיט עטלעכע ציבעלעס און א צענדליק קנאָבל, נאָר פיר מיליאָן ברייטלעך א טאָג, פיר מיליאָן ציבעלעס, א צוויי מיליאָן קנאָבל יעדן טאָג — דאָס, זאָגן אונדזערע שונאים, קומט אונדז נישט. זיי רעכענען אויס, וויפל עס קאָסט א יאָר, א שמיטה, א יובל און שרייען געוואַלד.

דער אַנטיסעמיטיזם אין אויסלאַנד שטייט אויפן אייגענעם אָרט; קיין נייעס איז ער נישט, אין אַלע דורות זענען געווען אַנטיסעמיטן, נאָר אין גוטע צייטן ליגן זיי פאַרשטעקט אין די לעכער און מען הערט נישט זייער קול; קומען שלעכטע צייטן... שטייען זיי אויף בימהס און דרשנען.

אין עסטרייך און פּרייסן האָבן זיך געמאַכט געזעלשאַפטן צו ווירקן קעגן די אַנטיסעמיטן. אין עסטרייך זענען צוגעשטאַנען דערצו פון אַדל און גרויסע באַאַמטע; אין פּרייסן נישט. די סיבה איז א פּשוטע: אין פּרייסן וויל די רעגירונג שטאַרקן דעם נאַציאָנאַליזם, ווייל ער האַלט גאַנץ דייטש־לאַנד צוזאַמען, און דעריבער קוקט זי אַביסל דורך די פינגער אויף די אַנטיסעמיטן, וואָס ווילן אויסרייניקן דייטשלאַנד, עס זאָל בלייבן נאָר פאַר

ריינע דייטשן; דעריבער האלטן זיך די באַאמטע און דער אדל פון וויטנס; דאקעגן אין עסטרייך, וואָס עס איז צוזאמענגעשטעלט פון פארשידענע פעלקער — דייטשן, אונגארן, בעמען, פּאָליאַקן און אנדערע, איז דער אַנטיסעמיטיזם — ווי ווייט ער איז נאַציאָנאל — פאר דער רעגירונג גע־פערלעך, און דעריבער האָבן זיך דער אדל און די באַאמטע צוגעשלאָסן צו דער קעגן־פּארטיי. — „מעז יצא מתוק"!

— — — — — — — — — — — — — — — — —

ווייניק וואָס האָבן מיר צו זאָגן וועגן דער עמיגראַציע. מער־ווייניק איז יעדן באקאנט, אז קיין רעגירונג איז נישט צופרידן, אז עס קומען צו איר אָרעמע לייט מיט ליידיקע הענט. אין יעדן לאנד אין אייראָפּע, און היינט שוין אפילו אין די פאריייניקטע שטאַטן אין אַמעריקע, איז דאָ מער הענט צו דער ארבעט, אלס מען ברויכט.

אלע טאָג קומען ארויס נייע מאַשינען, וואָס פארשפּאָרן מענטשן־ארבעט. די אַרבעטער דערוויל מערן זיך און האָבן פון טאָג צו טאָג וויי־ניקער ארבעט און ווייניקער נאָך פארדינסט, ווייל דורך דער קאָנקורענץ פאלט דער לוין פון דער ארבעט. אין אלע אייראָפּעישע לענדער, ווי אויך אין די פאריייניקטע שטאַטן אַמעריקעס איז דער ארבעטער־קלאַס אומרואיק, די רעגירונגען האָבן מורא פאר מרידות, און ווילן על־כל־פּנים נישט לאָזן פארגרעסערן די צאָל פון פּראָלעטאריאט.

ווייניקע האָפן אויף בעסערע צייטן פאר יידן אין אייראָפּע, און אַפילו די, וואָס האָפן נאָך, רעכענען אויף א לאנגע, לאנגע צייט. דעריבער איז, על־כל־פּנים דערווייל, די קאָלאָניזאציע א לעבנס־פראגע פאר יידן.

די הויפּט־שטעלן זענען פּאַלעסטינע און ארגענטינע. פון ארגענטינע ווייסן מיר זייער ווייניק. דער באַראָן הירש האָט געקויפט ערד, מן־הסתם האָט ער זיך נישט געלאָזט נארן, די ערד איז אַוודאי גוט, דער קלימאַט איז געזונט. עס פאלט אונדז נישט איין שטאַרק מסופּק צו זיין, צי יידן זענען פעיק צו ערד־ארבעט, ווייל דער מוז איז דער בעסטער לערער, און א ייד איז פון אייביק אָן א גוטער תלמיד; עס קאָן נאָר זיין די פראגע, ווי לאנג עס וועט דויערן דאָס אויסלערנען, און דאָס לאָזט זיך נישט איבערעכענען; דערווייל איז חשק ביים תלמיד דאָ גענוג, סבלנות האָט ער, און א פּ אָ ר דורות וועלן מ ו ז ן ליידן...

עס איז נאָר געוועגדט דערין, די רעגירונג זאָל די עמיגראַציע דער־לויבן. ווייל אַן עמיגראַציע, וואָס איז נישט געמאכט פאר איינצלנע מענטשן, נאָר פאר טויזנטער, דארף קיין מהומה נישט זיין, עס מוז זיין מיט א סדר,

גיין דארפֿן נישט אַלע, וואָס ווילן, נאָר די פֿון זיי, וואָס זענען פֿעיק צו ערד־ארבעט. כל התחלות קשות; דערנאָך וועט אפשר קומען די צייט אויף דער רעשט. די ערשטע קאָלאָניסטן זענען דער פֿונדאַמענט פֿונעם בנין, און צו אַ פֿונדאַמענט דאַרף מען גוט, שטאַרק מאַטעריאַל און זיין באַ־היטזאַם. יעדערער פֿאַר זיך, ווען ער לויפֿט, איז ער אפשר גערעכט; דער דלות טרייבט! נאָר דעם כלל טוט יעדער איינציקער, וואָס לויפֿט פֿאַר דער צייט, אַ גרויסע רעה. —

— —

די קאָלאָניזאַציע פֿון פּאַלעסטינע איז עלטער, מיר האָבן שוין דאָרטן אַ סך קאָלאָניעס, נאָר ליידער, ווייסן מיר פֿון דאָרטן אויך זייער ווייניק, וואָס אייך צו זאָגן.

נאָכפֿלאַפּלען מענטשן, וואָס האָבן פּאַלעסטינע פֿאַר ד'אויגן נישט געזען, האָבן מיר נישט דאָס האַרץ. ווער עס איז אַ הייסער פּאַלעסטיניעץ, האָט רעכט צו גיין אַליין אומבאַרעכנט, נאָר יענעם הייסן, און דערנאָך צו הערן אַ שאלה: „הבלתי אין קברים", האָט קיינער קיין רעכט נישט! יעדער מענטש פֿאַר זיך אַליין מעג זיך מוסר־נפֿש זיין פֿאַר אַן אידעע, אַלע אַרום אים קאָנען אים אפֿילו פֿאַרגעטערן דערפֿאַר; נאָר פֿאַרלאַנגען פֿון גע־ווינלעכע מענטשן מסירת־נפֿש מיט ווייב און קינד איז נאַריש.

נאָר צי איז באמת דאָ דערביי מסירת־נפֿש? ווי שטייען די קאָלאָ־ניעס, וואָס מען האָט ביז אהער געמאַכט? צי איז באמת פֿון דעם „ארץ זבת חלב ודבש" געוואָרן אַ „סדום ועמורה"? עס איז שווער צו גלייבן, עס לאָזט זיך נישט גלייבן, וויפֿל קללות עס איז אויף אונדז נישט געקומען, קאָנען מיר זיך דאָך נישט איינשטעלן נאָך אויף דער קללה צו רעכענען?!

פֿאַרוואָס דען שווייגן די חובבי־ציון? פֿאַרוואָס הערט מען זיי פֿון אַלעמען רעדן, און שטאַרק און הייס רעדן, און פֿון דעם מאַכט מען אַ שווייגן? פֿאַרוואָס האָבן מיר חשבונות פֿון הוצאה והכנסה און קיין חשבון פֿון דעם, וואָס עס דאַרף שוין זיין אונדזער קנין, אונדזער נחלה, אונ־דזער אייגנטום?

די חובבי־ציון זענען מענטשן, און אַלס מענטשן האָבן זיי אוודאי גרויסע פֿעלער געמאַכט. ווער ווייסט, ווי אַזוי מען האָט זיי גענאַרט ביים ערד קויפֿן; ווער ווייסט, ווי אַזוי און ווי ווייט זיי האָבן זיך גענאַרט אין די ערשטע מענטשן, וואָס זיי האָבן אויף זייער קראַפֿט און געטריישאַפֿט גע־האָפֿט...

אָט! דאָס בלייבט אונדז נאָר צו קלערן... די חובבי־ציון, אַלס גרוי־

סע אידעאליסטן, זענען אוודאי געווען זייער נישט פראקטיש ביי פּראָסטע זאכן, ווי ערד קויפן, פארזייען, פלאנצן... און ווייל זיי האָבן מורא, מען זאָל נישט זייער פעלער אָנעמען אלס פעלער פון דער ערד — שווייגן זיי בעסער.

צי איז באמת אַ חילוק פון פארשווייגן דעם אמת און ליגן זאָגן? אָדער — צי הייליקט ווירקלעך דאָס ציל די מיטל?

מיר וואָלטן געהאט אַ סך דעריבער צו רעדן, נאָר דערווייל איז עס אַ „הלכתא למשיחא", די טערקישע רעגירונג לאָזט נישט אריין קיין יידן, און אויך — עס הערט זיך, אז פון היינט אָן זאָל ווערן אנדערש.

די קאָלאָניזאציע זאָל איבערנעמען דער באראָן הירש, עס פאָרט אראָפּ, זאָגט מען, אַ קאָמיטעט פון געלערנטע באקוקן די ערד... עס זאָל ווערן ג אָ ר אינגאנצן אנדערש!

דערווייל מוזן מיר ווארטן און האָפן.

אויך אַ פעליעטאָן

מען האָט געפרעגט אַ דאָן־זשואַן, פאַרוואָס ער האָט נישט בעסער חתונה, האָט ער לפי תומו געענטפערט, אַז ער האָט מורא! וואָרום וועמען זאָל ער נעמען? אַ בתולה? ווער ווייס, וואָס עס וועט פון איר אַרויס? עס קאָן זיין אַ „מצא", עס קאָן זיין אַ „מוצא", און איינשטעלן זיך האָט ער מורא; אויפקלויבן, וואָס יענער וואַרפט אַוועק — נעמען אַ גרושה, וויל ער נישט. אַן אַלמנה, וואָס האָט שוין איינעם געפירט צו געטריבן אין זיין רו אַריין, איז אַ געפערלעכע זאַך. אַמבעסטן איז דעריבער אַן אשת־איש — „אַז זי טויג פאַר יענעם, טויג זי פאַר מיר אויך!"...

עס הייסט אַפילו „עזותקייט", „ניבול־פה", עס איז דאָך די אייגענע לאָגיק, אָן וועלכער עס האַלטן זיך אַלע אונדזערע סוחרים...

הונדערט יאָרן גייען פאַרביי, טויזנטער יונגעלייט גייען אַראָפּ פון קעסט, און קיינער זוכט זיך נישט קיין נייע פּרנסה. וואָס אַ נייער סוחר, איז אַ נייער קאָנקורענט צו דער אַ ל ט ע ר סחורה... זוכן אַ נייעם אַרטיקל איז אַן איינשטעלעניש, מען קאָן אַריינבאַקן די פאָר גילדן און דערנאָך — לייג די ציין אין בייטל אַריין; אָפּקויפן ביי יענעם אַ ג ר י י ט געשעפט, איז קיין סברא נישט! עס זאָל גוט זיין, וואָלט עס יענער קיינעם נישט פאַרגינען, ביפרט איבערנעמען ביי אַ באַנקראָט! אַזאַ געשעפט איז שוין אַ קטלנית, אַ געפערלעכע זאַך... אַמבעסטן איז דאָס, וואָס אַלע האָבן; אַז עס לוינט פאַר יענעם, וועט לוינען פאַר מיר אויך...

און דעריבער, ווער עס גייט אַראָפּ פון קעסט, מאַכט זיך אַ שענק „נאַ וויפּיוזקי" אָדער „נאַ ווינאָס", עפנט אַ געוועלבל מיט די אייגענע מינים, וואָס אַנדערע האָבן, אָדער קויפט זיך אַ שטעקעלע און הייבט זיך אָן אַרומדרייען גלייך מיט אַלע אין גאַס...

נאָר פאַר דאָס — ה אָ ט זיך שוין איינער איינגעשטעלט דאָס לעבן און געבראַכט אַ נייעם מין, מוז עס שוין מאָרגן זיין אין אַלע גאַסן; „אַז

עס לוינט פאר יענעם, לוינט פאר מיר אויך"... מעג עס זיין שיך, סמאַלע, פּרוכנע... אַלץ איינס...

דאָס אייגענע געשיט אין אונדזער געשעפט — אין דער ליטעראטור מיין איך — אויך. איך, אָרעמער לץ, האָב געוואָלט זיין אין מיין ווינקעלע א יחיד. אַלע מיינע חברים האנדלען מיט האָניק און בוימל... אויב מען איז נאָר נישט קיין איסטנים, מען האָט נישט קיין פּאָרורטייל, איז גאָרנישט שלעכט! איך האָב אָבער געוואָלט זיין א יחיד און אָנגעהויבן האנדלען מיט גאַל, ווערמוט און סם פאר מייז... באַדיי א שטיין — האָב איך געטראכט — אבי אַליין. איך האָב געוווסט, אז אמת איז די ערגסטע סחורה, נאָר איך האָב גערעכנט, אז אפילו די ערגסטע סחורה, אויב זי איז נאָר אין איין האנט, קאָן זי אויך געבן אָפּצולעקן א ביין...

נאָר קוים האָב איך מיין קלייטל געעפנט — עס איז דאָ א קאָנקורענט — ר' ראובן ב"ר אשר ברײנין!

אַז עס לוינט — האָט ער געטראכט — פאר מיר אין ווארשע, ווו מען קאָן מיר יעדן טאָג טרעפן מיט א שטיין אין קאָפּ, לוינט פאר אים אין ווין אוודאי!

און באַלד שטעלט ער זיך פאר דער טיר אין זיין „ממזרח וממערב" און הייבט אָן צו וועגן אמת אויפן קווינט און אויפן לויט!...

„ווער עס מיינט — רופט ער אוים בקול רם — אז אין די לעצטע צייטן איז אונדזער ליטעראטור אנטוויקלטער, ברייטער און רייכער געוואָרן — דער נארט זיך אָדער יענעם; אָנישט, פאַרלאַנגט ער אזוי ווייניק פון דער ליטעראטור בכלל און פון אונדזערער ביפרט, אז ער געפינט דאָס, וואָס ער דאַרף, ביי אונדז אויך"...

ער זאָגט, אז אונדזער ליטעראטור איז אָן אוצר, אין וועלכן עס ליגן באהאַלטן סאמע שיברי־כלים: „שארבאנעס און שמאטעס, און דאָס אַלץ איז נאָך, פאר שיינקייט וועגן, באדעקט מיט טויזנט־יאָריקן שטויב און באהאָנגען מיט אַלערליי שפּינוועבס"...

אונדזערע געלערנטע — זאָגט ער ווייטער — זענען נישט קיין שווערע, מאַסיווע סחורה; זיי זענען נאָר לייכטע קאָרקעס, „וואָס שווימען ארום פון אויבן אויף די שוים־בלעזלעך" פון וואסעריקן לעבן; „טיפער נעמען אראָפּלאָזן זיך, דערגרונטעווען עפּעס — פּאַלט זיי גאָרנישט איין... די קליינע מוחלעך זענען יוצא מיט אויבערפלעכלעכע קלייניקייטן, מיט נארישקייטן"... „זיי האָבן קיין אידעען נישט, נאָר עפּעס א שאָטן פון (פרעמדע) אידעען"... וואָס קאָנען זיי געבן דעם

לעזער, אז „זיי אַליין קלויבן נאָר שירים" פון אונטער פּרעמדע טישן. און די קליין־מוחיקע, קורצזיכטיקע שרייבערלעך רעדן זיך נאָר איין, אַז זיי טוען עפּעס, און באַרען זיך מיט „טיפּשות פּה ונבול עט"...

ווי אַזוי מען זעצט איבער „טיפּשות פּה און נבול עט", אָסור, אויב איך ווייס... אַ „מיאוס־מויל" און אַ „פוילע־פעדער", איז נאָך ווייניק... „טיפּשות פּה" און „נבול עט" איז אַ פּעליעטאָן אַ לאַ לעווינסקי... נאָר ווער עס האָט אים נישט געלעזן, דער וועט שוין נישט פילן דעם טעם, נישט וויסן דעם ריח...

נאָר ווי עס איז, איך האָב געקראָגן אַ קאָנקורענט...

עס ליגט פאַר מיר אויפן טיש אַ גאַנצער באַרג מיט ספרים... נאָר וואָס זאָל איך רעדן איבער זיי, אַז בריינין האָט מיר די ווערטער פון מויל אַרויסגעריסן. אַז איך שטיי מיט אַ טרוקענער צונג און קאָן זי נישט אײַ־בערדרייען! אמת איז, אַז ער האָט געמיינט די העברעישע ליטעראַטור, און פאַר מיר ליגט נאָך אַ באַרג יידיש, „ריין יידיש"... נאָר — מה נשתנה? ו ו אָ ס איך וועל שרייבן, וועט מען אַלץ זאָגן, אַז איך האָב ביי בריינינען געגנבעט און מען וועט נאָך צווישן אונדז אָנמאַכן אַ שלעכט לעבן...

איך וועל שוין בעסער היינט איבער ליטעראַטור נישט רעדן... איך וויל פּרווון רעדן פון בילדער.

איך האָב געזען אַ בילד; ערגעץ אויף אַן אויסשטעלונג און אפשר גאָר אין חלום.

עס איז טיילמאָל גאַנץ שווער צו געפינען די גרענעץ צווישן חלומות און לעבן... גאַנץ אָפט חלומט זיך, אַז די קו איז געפלויגן איבערן דאַך, באַטש זי שטייט פעסט צוגעבונדן אין אָבאָרע; און טיילמאָל געשיט אַזוינס, וואָס עס האָט זיך קיין פילאָזאָף נישט געחלומט... טיילמאָל שטעקט אינעם חלום אַזויפיל לעבן, אַזויפיל אמת, אַזויפיל ברענענדיקע צרות און אַזאַ לעבעדיק נחת, אַז דאָס לעבן איז דערנאָך אַן לעבן, אָן אַ קאָליר, אָן פאַרב... און אַזוי טרויעריק־גרוי, גלייך עס וואָלט אייביק געווען צווישן טאָג און נאַכט!... קורץ — די חלומות מיטן לעבן זענען גאַנץ אָפט אַזוי צוזאַמענ־געוויקלט, אַזוי פאַרקניפּט, אַז עס איז קיין וווּנדער נישט, אויב קייזער וויל־העלם וויל שפּילן ביי דעם קניפּ די ראָלע פון אַלעקסאַנדער מוקדון!... און דעריבער האָט ער טאַקע פאַר אַ נייער פּאַרטיע רעקרוטן געהאַלטן אַ רעדע און געזאָגט, אַז ער האָפט, אַז זיי זענען פרום, גלייבן אין גאָט און ווען

ציען די שווערד נישט קעגן די פראנצויזן אליין, נאָר אפילו קעגן אייגענע שוועסטער און ברידער, אויב עס וועט זיך זיי עפּעס חלומען...

נאָר דער קייזער ווילהעלם האָט כאָטש אָפענע אויגן; ער זעט, וואָס עס טוט זיך, ער גיט אכטונג! נאָר אַנדערש איז געווען אויפן בילד, וואָס א י ך האָב געזען...

אין הויף ברענט... דאָס פייער ליגט שוין אין די פענצטער פון א גרויסער, ברייטער, ליכטיקער שטוב... די פלאַמען שלענגלען זיך אינמיטן געדיכטן רויך... אָט־אָט וועלן פּלאַצן די שויבן און דער פייערדיקער ים וועט זיך ארייַנרייסן אין שטוב אַריין...

אויף א שעזשלאָנג זיצט האַלב אָנגעלענט א בלאָנד קינד פון א יאָר צוויי, לעבן שעזשלאָנג, אויף דער פּאָדלאָגע, ליגט דאָס שפּילצייג, וואָס עס האָט ערשט ארויסגעלאָזט פון הענטל... א פאַרצעלייענע פּופּע איז, אַראָפּ־פאַלנדיק, צעשפּאָלטן געוואָרן, און פון איר געעפנטן לייב קריכן אַרויס די וואָילאָקענע געדערים... דער גומענער פּאַיאַץ צאַפּלט — נאָר אים האָט דאָס פאַלן נישט געשאַדט...

דאָס קינד קוקט גלייך אין פייער אריין. דער אָפּגלאַנץ רויטלט אים דאָס בלאַסלעכע פּנים... עטלעכע ליכטיקערע שטראַלן בלאָנקען זיך צווישן זיינע זיידן־גאָלדענע האָר... אין די קיילעכיק געעפנטע אויגן ליגט מער פאַרוואונדערונג אלס שרעק... און עס אָטעמט שטיל מיטן אָפענעם מייַלעכל... עס זענען דאָ עלטערע מענטשן אין שטוב, נאָר זיי באַמערקן נישט דאָס פייער.

אין אַנדערן עק צימער גייט א פּרעפעראַנס ביים עק טישל; אויפן טיש ליגן שפּיל־מאַרקן, נאָר זיי גלאַנצן, ווי גאָלד; מען שרייבט האַסטיק מיט קרייד אויפן טוך, די נאַסע באַרשט זאָל האָבן וואָס אָפּצווישן... מען ליציטירט פאַרברענט, כאָטש די האָפענונג שטעהט אינעם בלינדן טאַלאָן, און די שפּילער זיצן איינגעבויגן, גלייך א הימל וואָלט זיי געלעגן אויף די פּלייצעס... פון גאָלן קאָפּ רינט איינעם א טראָפּן שווייס איבער דער נאָז; דער צווייטער קוקט מיט א פעסטן שטאָלערנעם בליק, גלייך ער וואָלט א קאָנטראַקט געהאַט מיטן מזל; דער דריטער האָט פאַרביסן די ליפּן און וואַרט אויף יענעמס א פעלער; דער פערטער שיקט אַרויס די לויפנדיקע אויגן, ווי שפּיאָנען צווישן די פרעמדע קאָרטן...

זיי שפּילן אפשר ערלעך, נאָר זיי מיינען, אז דער קלענסטער טעות, א ניינטל אויפן אָרט פון א קעניג, קאָן אומברענגען די וועלט...

אז עס איז א שריפה אין הויף — דאָס פאַלט זיי גאָרנישט איין!

זיי זענען צו פארנומען, זיי זאָלן אכטונג געבן, וואָס הינטער זיי טוט זיך!

אכטונג געבן איז א באַזונדערע מתנה פון גאָט... דאָס לעבן איז א חדר, א שווערער חדר, נאָר נישט אַלע האָבן א גליקלעכן מזל, נישט אַלע ווילן, מערקן און קענען גלייך...

(אין דער „קלעצקין"-אויסגאַבע איז — וואַרשיינלעך צוליב דער צאַרישער צענזור — אַרויסגעוואָרפן געוואָרן אויף דעם פּלאַץ עט-לעכע שורות. — רעדאַקציע).

נישט נאָר אין חדר טרעפן זיך תּלמידים, וואָס גיבן נישט אכטונג; דאָס לעבן איז א גרעסערער חדר און האָט אויך אַזוינע שילער! אַלע לער-נען אין חדר, נאָר נישט אַלע גיבן אכטונג, און נישט אַלע לערנען גלייך!

עס זענען פאַראַנען גליקלעכע תּלמידים. זיי גיבן נישט אכ-טונג, גאָרנישט, און דער רבי טאָר אויף זיי קיין האַנט נישט לייגן, נישט איבערשרעקן, קיין בייזע מינע מאַכן. זיי לערנען נאָר שפּילנדיק... זיי האָבן אפילו פאַרן פאַרהערן קיין מורא נישט... זיי וועלן סיי-ווי-סיי קריגן א קניפּ אין בעקל און א שטיקל טאָרט מיט א מאַקאַראָנע אין מויל אריין... זיי שווימען דורך דער לערן-צייט אין א ווינטל קעגנאיבער, אין א פּאַליע איבערן קאָפּ, אין א שלוק געזאַלצן וואַסער... זיי שווימען טאַנצנדיק, לוס-טיק, ווי ליידיקע פּאַפּירן איבער דעם זילבערנעם שוים, איבערן בלויען הימל; אין א בליץ אין די אויגן אריין, אין א דונער, וואָס פאַרטויבט די אויערן, און מיט א פרייליך לידל אין מויל... זיי האָבן שטענדיק פרייע קעפּ, די מוחות זענען אויסגעבעטעט מיט שניי-ווייסן פויגל-פּוך... און די נשמה ליגט שטיל און רואיק, ווי א ווייס זילבערן ווערעמל אין א פּוילער נוס... פון קליינעם לעכל אין דער ליידיקער נוס קוקט עס אַמאָל אַרויס אויף דער פרייער וועלט, נאָר באַלד באַהאַלט עס צוריק דאָס קעפּל אין אייגענעם... אַש!

עס זענען אויך פאַראַנען תּלמידים, וואָס קאָנען נישט לערנען.

טייל ווערן געבוירן אין פּיס, אין הענט, מיט א שוואַכער ברוסט, אָדער אַנדערע פעלער אין גוף; אַנדערע ווערן געבוירן מיט עפּעס א פעלער אין די געהירן. עס ווערט געבוירן א מענטש מיט א געזונטן קערפּער, מיט אן אייזערנעם לעבן, ווייסע ציין און פינף אָפענע חושים... נאָר פון די אויגן קוקט קיין נשמה נישט אַרויס, נאָר דער בויך; דורך די אויערן הערט

נאָר דער מאָגן, דורך דער נאָז פּילט נאָר די קישקע! די הענט טאַפּן, צי לאָזט זיך נישט עפּעס עסן, די צונג אין מויל איז זיך מיתיעץ מיטן גומען! צי וועט עפּעס אריין בשלום?

מער איז נישט זיין דאגה... מער דאַרף ער נישט און וויל נישט אָב־טונג געבן!

אַנדערע זענען ווייטער צעשטרייט, אָן ערנסטער כוונה, אָן זיץ־פלייש... מער ווי א רגע קאָנען זיי קיין זאַך נישט שענקען! דאַרווין (ווער דאַרווין איז, האָט שוין אפילו דער ראַדזינער רבי געוווסט), פאַרציילט פון א קונצנמאַכער, וואָס איז אַרומגעפאָרן מיט געלערנטע אַפּן, וואָס פּאָר א קונצן די אַפּן האָבן באַוויזן, צי האָבן זיי געגעסן מיט מעסער און גאָפּל אָדער קריטיקן געשריבן צו פינף רובל פּער שטיק ביים מחבר און נאָך פינף ביים רעדאַקטאָר — דאָס פאַרציילט ער נישט. ער פאַרציילט נאָר, אַז דער קונצנמאַכער פלעגט די אַפּן קויפן אין זאָאָלאָגישן גאָרטן אויף א צוויישאַכן פּרייז, פּופציק רובל פּער שטיק האָט ער געצאָלט אומאויס־געקליבן, און הונדערט רובל פּער שטיק, אויב מען האָט אים דערלויבט די אַפּן אהיימצונעמען און אויסצופּרוון, אויב זיי זענען פעיק צו די קונצן. אויף דער פּריוו האָט ער זיי געהאַלטן אינגאַנצן עטלעכע טעג. אַז מען האָט געפרעגט, ווי עס איז מעגלעך אין אַזא קורצער צייט צו וויסן, אויב פון לאַנגעקיקן תלמיד וועט אַרויס א לייט, אָדער ניין, האָט ער געענט־פערט, אַז עס איז גענוג! אויסלערנען, זאָגט ער, קאָן זיך יעדער אַף, די פראַגע איז נאָר: אויב ער וועט קאָנען אכטונג געבן! און אויף דעם האָט ער געהאַט א פּראָסטן סימן: איז דער אַף, בשעתן לערנען, געשטאַנען רואיק און אויסגעהערט, וואָס מען האָט צו אים גערעדט, און צוגעזען, וואָס מען האָט אים געוויזן, איז ער ווערט געווען א הונדערטער; האָט זיך אים אָבער אינמיטן געוואָלט כאַפּן א פליג אויף דער האַנט, אָדער נאָכיאָגן א געוואָרפענע באַל, איז א סימן, אַז דאָס איז אַן אַף — לאַ־יצלח, אַז עס וועט שוין פון אים קיין רעכטער אַקטיאָר נישט זיין...

אין אונדזער חדר זענען אויך דאָ א סך אַפּן, וואָס ווערן זיך שוין קיינמאָל נישט אויסלערנען... זיי הערן נישט, זיי זעען נישט — אָדער בעסער געזאָגט — זיי הערן און זעען צופּיל, זיי באַשעפטיקן זיך גלייך מיטן גרעסטן און מיטן קלענסטן, יעדן שענקען זיי א רגע און נישט מער... וואָס זאָגט אויף זיי דער רבי? ער זאָגט, אַז פון די אַפּן וועט קיינמאָל קיין לייט נישט זיין... עס דאַכט זיך זיי, אַז דער קלענסטער צופאַל, וואָס עס איז, א פליג איז אוועקגעפלויגן פון אָרט, א באַל איז דורכגעלאָפן,

באַטנבערג האָט חתונה געהאַט, די ענגלישע קעניגין האָט איינעם דערלאַנגט די לינקע האַנט, קאַפּריווי איז אַראָפּ און ביסמארק איז אַרויף — און נאָך אַזוינע קלייניקייטן קאָנען איבערקערן די וועלט מיטן קאָפּ אַרויף, מיט די פּיס אַראָפּ; ווייל ביז אהער איז זי זיכער געשטאַנען פאַרקערט... זיי קאָנען נישט אכטונג געבן און דערזען, אַז די פלעוועס, וואָס פליען אַרום דער מאַשין, האָבן גאָר קיין פּעולה נישט אויף די רעדער מיט די ציין, וואָס מליטשען אונדזער קולטור... זיי ווייסן אפשר גאָרנישט, אַז עס איז פאַראַן רעדער מיט ציין, זיי זעען נאָר אַ הילצערנעם קאַסטן... דאָס רייבן, ריטשען, טראַסקען, די אַלע משונהדיקע קולות, וואָס קומען פון דער מאַשין אַרויס, פאַרשרייבן זיי אפשר נאָר אויף אַשמדאים חשבון; אַ קשיה אויף אַ מעשה!...

נעכטן למשל האָב איך געטראָפן מיינס אַ באַקאַנטן אין גאַס.

— דו ביסט נאָך דאָ? — פרעג איך אים פאַרוואונדערט. איך ווייס, אַז די אייראָפּעישע בילדונג איז אים נימאס ומאוס געוואָרן, איר ציוויליזאַציע האָט'ן דענערווירט, ווי אַ שיכורער קאָנצערט אויף אַ צעסטראָיעטן פאָרטעפּיאַן... עס האָט זיך אין אים אויפגעוועקט אַ ליבע צום „מאָרגנלאַנד" מיט האַרעמען, עונוכן (סריסים) און באַמבוס־קלעפּ אויף נאַקעטע פּיענטעס... ער האָט זיך געגעט מיטן ווייב, פאַרקויפט די כלי־בית און געשאַפן זיך אַ פּאַספּאָרט מיט אַ בריוו צום ועד־הפּועל. איך האָב געמיינט, אַז ער ליגט שוין לאַנג אויסגעשפּרייט אויף דער מאַמע רחלס קבר. פּלוצלינג ער איז דאָ!...

טפו! טפו! טפו! האָב איך דריי מאָל אויסגעשפּיגן. נאָר ער נעמט מיך אוועק אין אַ זייט און רוימט מיר איין אַ סוד:

— ווייסט? די פראַנצויזן גייען קיין מאַדאַגאַסקאַר...

— נו? — פרעג איך פאַרוואונדערט.

— וואַרט איך!

דעם אייגענעם טאָג האָב איך געטראָפן אַ באַקאַנטן יונגנמאַן, וואָס האָט זיך געוואָלט מקריב זיין פאַר דער פאָלקס־בילדונג ער האָט ביי מיר גענומען עטלעכע זשאַרגאָנישע ביכלעך צו פאַרקויפן. „נו, ווי האַלט עס?" פרעג איך אים. „מען מוז וואַרטן — ענטפערט ער מיר — מען מוז זען, צי מען וועט ליבקנעכטן אָפּגעבן פאַד־סוד!"

אַ פליג איז דורכגעפלויגן, אַ באַל שפּרינגט...

דער איינענער קונצנמאכער, פון וועלכן מיר האָבן גערעדט, האָט נאָך געזאָגט, אַז די אָפּן, וואָס גיבן אַליין נישט אַכטונג, העלפּט זיי נישט קיין שלאָגן, קיין שרייען, קיין בייזערן זיך: פאַרקערט — זיי ווערן נאָך מיניש און כל־בוניש, אַז עס איז די גאַל צו פאַרלירן...

נאָר אָפּן זענען נישט די איינציקע ברואים אויף דער וועלט; עס איז דאָ אַ שפּאָר ביסל קעלבער אויך... טייל זענען אפילו מחברים, קענט איר נישט „קעלבערנע יוצרות"? די קעלבער זענען גוטע באַשעפעניש...

עס איז אַ פאַרגעניגן מיט זיי צו רעדן! אַז דער הימל שפּאַלט זיך, האָט נאָך איין עקרה נישט אַ געשריי געטאָן: קאַלב! און דאָך ווערן קעל־בער געבוירן, אַבי געזונט! זיי קומען אויף דער וועלט אָן שיר־המעלות, אָן אַ דאָקטאָר, אָן אַ הייבן און דאָך איז זעלטן, אַ קאַלב זאָל פאַרבאַקן ווערן, אָדער נישט ארויסקומען צו דער צייט... אַ ליטיש קאַלב באַגייט זיך אָן וויקל־שנירן, אָן וויגעלעך, אָן רייט־שטיי־ און זיץ־בענקלעך, און איידער מען קוקט זיך אום, עס שפּרינגט שוין אויף אַלע פיר און שרייט: „מע!" פאַר קעלבער זענען נישט פאַראַן קיין תלמוד־תורה'ס, קיין חדרים, קיין שולן; אומגעלערנט, אומגעצויגן, שפּרינגט דערפון ארויס אַן אָקס... ווייניקסטנס אַ קו! עס האָט באַלד אָפּן אַלע חושים, האַרטע קאָפּיטעס און שפּיציקע הערנדלעך און עס הייבט באַלד אָן צו זאָגן די קעלבערנע יוצרות!

אַזאַ קאַלב איז צומאָל נישט מסופּק! קוים איז עס ארויס אויף דער ליכטיקער שיין, ווייסט עס שוין, אַז מילך איז נישט קיין קאַלך, וואַסער קיין עסיק און אַז הערנער קומען צוניץ, נישט דווקא ווען מען האָט רעכט...

דאָס איינציקע, וואָס אַ קאַלב דאַרף, עס זאָל ווערן אַ לייט, איז — די מוטער זאָל עס אָפּלעקן! אין דער ליטע איז אַ מינהג, אויסצושמירן יעדעס ניי־געבוירן קעלבל מיט האָניק, די מוטער זאָל עס וועלן גוט אָפּ־לעקן. אין דער ליטע, אפּנים, זענען דאָ אַ סך עמאַנציפּירטע קי, וואָס גלייבן נישט, אַז די נקבה איז באַשאַפן געוואָרן נאָר קינדער צו לעקן, און באַנוצן אפשר די צונגען אויף באַהאַלטענע אסיפות... ביי אונדז ווייסט מען פון קיין האָניק נישט און דאָך זענען אַלע קעלבער אַזוי ריין אָפּגע־לעקט, אַז עס כאַפּט אָן ביים האַרץ...

קוים איז דאָס קאַלב אָפּגעלעקט, פאַרמאָגט עס שוין אַלע פּראָוועס פון אַן אָקס, און קען אַלע שבע־חכמות, וואָס אַן אָקס דאַרף קענען... הלכות שחיטה לערנט עס נישט... „די לצרה בשעתה!", אַז דער חלף וועט אַ בליץ טון, וועט שוין ליכטיק ווערן אין די אויגן; די רעשט זאַכן האָט עס שוין בירושה! קיין שום מלאך, אפילו נישט ד ע ר פון טשאָלנט,

וועט נישט אריינקריכן צו א קו אין בויך אריין, צו שנעלן א קעלבל אונ־טער דער נאָז, עס זאָל פארגעסן די קעלבערנע יוצרות און מוזן ערשט גיין אין חדר אריין צום אָקס זיך לערנען אלף־בית.

און דעריבער זענען די קעלבער אזוי גוט!

א קאַלב ווערט נישט פארזייגט, (אויב עס איז א חיסרון!), מען אנט־ווינט עס באלד! עס ליידט קיין צרות נישט פון אומריינע פלעשלעך און עס פארדארבט זיך קיינמאָל נישט דעם מאָגן...

דעריבער טרעפן מיר נישט ביי קיין קעלבער קיין מרה־שחורה, קיין אפיקורסות, קיין וועלט־שמערץ און עס וועט קיינמאָל נישט וויסן, אפילו וואָס דעקאדענטיזם איז... א געזונט קאלב ווייסט נאָר קעלבער־נע יוצרות...

א געזונט קאלב, אויב עס איז פאָעטיש, איז עס פאָעטיש פראָסט און איינפאַך! מיט איין „מע״ פירט עס דורך א וועלט! דער איינגער „מע״ איז אמאָל טיף, ווי א ים, אמאָל הויך, ווי דער הימל, אמאָל לויטער, ווי א טראָפּן טוי אויף א בלעטל פון א רויז, און אמאָל אזוי וויכהארציק און געטריי, אז מען מוז עס מוחל זיין די קאָפּיטעס...

קיין קאלב וועט זיך נישט אויפשטעלן שטאָלץ אויף צוויי פיס, וועט נישט פּרוּוון זוכן קיין נייע וועגן, קיין נייע ווערטער; קיין איינציק קאָלב זעצט זיך נישט אנידער איבערקלערן, אפשר נישט „מע״?!

קעלבערנע יוצרות גייען פון הארץ ארויס, פון דער שלינג אראָפּ! נאָר אָן פילאָזאָפיע! די שפּין וועבט, די בין גיט האָניק, און דאָס קאלב מאכט: מע!

און עס מאכט נישט קיין סיסטעם, עס זוכט קיין הארמאָניע, קיין צוזאמענהאנג... קיין טענדענץ... „מע! איז — מע!״

עס שטעקט אין אים נישט קיין באהאַלטענע כוונות, קיין שפּיציקע פייל, קיין פארסמטער וויץ, און ביפרט נאָך קיין געפערלעכע אידעע... א קאָלב איז בטבע גוט, עס וואָלט שטענדיק געלעקט און געלויבט, מע! און מע!... ברענגט מען עס ווייטער פון געדולד ארויס — האָט עס פּאָדקאָווועס!...

גלייבט מיר, ווען אלעקסאנדער קיעלאנד זאָל געבוירן ווערן אין אן אָבאָרע — וואָלט מען אים אויך בעסער פארשטאַנען!

נאָר ביי די אלע מעלות־טובות קען קיין קאלב נישט אכטונג געבן... עס ווייסט אמאָל נישט וויפל דער זייגער איז, ווי דער קאלענדאר האלט... אויב עס מאכט זיך א שריפה, גייט אים אפילו נישט אָן, ווער עס לייגט אונטער, ווער עס וועט נעמען אסעקוראציע, נאָר — ווען די אָבאָרע ברענט,

מאכט עס: מע־מע! שפּרינגט עס אין פייער אריין און קומט אום על־קידוש־השם!

עס זענען נאָך פאראנען תלמידים קעץ!

אַלע ל״ג־בעומר טאָפּיעט מען אן אלטע — און טאָג־טעגלעך ווערן געבוירן יונגע קעץ און דער מין וואקסט אויך ווי אויף הייוון.

מיט קיין קאץ וועט איר קיינמאָל נישט דורכקומען, איר וועט זי קיינמאָל גאָרנישט אויסלערנען...

די אַלטע איינגעשרומפּענע, שטענדיק באַשעפּטיקטע צייט זיצט ביים רעדל און שפּינט איר אייביק לאנגן, פארשידן־פארביקן פאָדים...

און דאָס פריילעכע פעליעטאָנישע קעצל מיינט, אז דאָס שפּינט מען איר א שפּילעכל, עס שפּרינגט צו פעליעטאָניש־לוסטיק און וויל ארויסכאַפּן די קנויל פון דער שויס, שפּילן זיך מיט איר אין באל, פארוואַרפן אין שפּיי־קאסטן, פארשלעפּן אין א מייזן־לאָך!

אוי, קאץ, קאץ! דאָס שפּינט מען דיר תכריכים!

שרייב אַ פעליעטאָן

עס האָט קיין שיער און קיין ערך נישט, ווייטער א פעליעטאָן — אָבער א פעליעטאָן, און דאָ איז נישטאָ פון וואָס צו רעדן! עס פעלט מאַטעריאַל!

ארם־נהרים און אמעריקע זענען פארשלאָסן, ווי א גבירישׁ הארץ, אין אַרגענטינע איז שטיל, צעדערבוים — טויט, ווערמאָנט — שטום; איך זע נישט, מיט וואָס אייך צו פאראינטערעסירן.

ערשט נישט לאנג איז אינטערעסאנט געווען צו קלערן, צי די וועלט וועט זיך אין קורצן איבערקערן. אַ געוויסער פאַלב האָט נביאות געזאָגט, אַז יאָ.

דערפון וואָלט איך אייך געקאָנט אויפבלאָזן אַן עסק, ווי א לונג־און־לעבער, איך וואָלט דערציילט, אז פאַלב איז נישט קיין פאַלב ביי אַ קלייד און נישט קיין פאַלב אויף עמעצנס א שטערן, נאָר א געלערנטער אַסטראָנאָם; אז די וויסנשאַפט, מיט איר גאנצער באַלעבאַטישקייט און פּאָרזיכטיקייט, האָט ליב אמאָל א פּשטל, א נבואהלע, א טרעפעניש — דערביי וואָלט איך אביסל געשפּילט אויף אייערע נערוון; פריער וואָלט איך אייך איבערגעשראָקן: טאָמער יאָ, דערנאָך געזאָגט — ניין.

און אפשר וואָלט געווען א יאָ און א ניין און א נישט צוזאמען...

וואָס קומט אָבער ארויס, אז מען האָט מיר די מציאה פון די הענט אַרויסגעכאַפּט.

ה' וו... איז פריער געפאלן אויף דער מציאה, און אויב ער וועט האלדז און ליב נישט ברעכן, וועט ער אזוי פאלן און פאלן עד סוף כל הדורות.

ה' וו... האָט שוין א גליק צו המציאות; ווען, למשל, איז איינגעפאלן איבערצוזעצן אויף לשון־הקודש אַ ווערק פון א קאטוילישן גייסטלעכן, וואָס ווייזט אויס, אז די נשמות האָבן רעם גן־עדן אויף דער זון. אז זיי ציען זיך, ווי הייטלעך, אַלע מאָל דינער און דינער, ביז זיי ווערן אזוי דין, אז עס קאָן שוין דינער נישט זיין?

וועמען איז דאָס איינגעפאַלן? וו...!

וועמען איז איינגעפאַלן צו לערנען יידישע קאַלאָניסטן צו באַאַר־בעטן ערד אין פּאַלעסטינע און אַרגענטינע כמינהג פּוילן, דאָס הייסט, לויט צוויי־דריי בראַשורן פאַר אונדזערע פּויערן געשריבן? וו...!

ווער איז פריער אַרויס מיט אַ ווערקל איבער דער מגיפה? וו...!

ווער האָט מיר אַצינד אויסגעכאַפּט פאַלבן מיטן סוף פון דער וועלט? וו...!

וועלכן מחבר איז איינגעפאַלן צו שרייבן אַ פעליעטאָן אין „הצפירה" איבער זיין אייגן ספר, וואָס ער וועט אַרויסגעבן, און וואַרפנדיק אַ שטיין אין אַ פרעמדן גאָרטן, באַווייזן, ווי נייטיק און וויל זיין ספר איז, און ענדיקן נאָך מיט אַ שמייכעלע: איאַ, איך 'בין סקראָמנע און לויב מיך נישט? וו...! אַלץ וו... און וו...!

עס איז נאָך אַן עסק געווען צו רעדן וועגן חליצה.

איר ווייסט אפשר נישט, מיינע טייערע לעזער, וואָס מען מיינט חליצה? איר זייט דאָך „גראָבע יונגען", המון־עם, מען שעלט דאָך מיך מיט טויטע קללות, פאַרוואָס איך זאָג אייך אַמאָל אויס פון חדר; מען האַקט דאָך מיר אין קאָפּ, אַז אויב אייערע נשמות וועלן נישט הענגען, ווי שפּינוועבס, אויף די שטריימל־האָר, וועלן זיי אַריין אין גיהנום אָדער גאָר אין קרימינאַל... מען יאָגט דאָך מיך אַרום, פאַרוואָס איך רעד מיט אייך, ווי מיט מענטשן! אפשר יאָ? אפשר ווייסט איר טאַקע נישט, וואָס חליצה איז?

וועל איך אייך פאַרציילן.

איר ווייסט, אַוודאי, אַז אויף אַן אַלמנה איז מער רחמנות, ווי אויף אַן אַלמן. נאָר צי האָט איר אייך אָפּגעגעבן אַ חשבון פאַרוואָס? און דאָך איז עס זייער לייכט צו טון.

אַ נקיבה איז ערגער, ווי אַ מאַנספּאַרשוין.

אַ מאַנספּאַרשוין איז (על־כל־פּנים עטלעכע חדשים אין יאָר) שטאַר־קער פאַר אַ נקיבה, און אויף ד ע ר וועלט איז גאַנץ געפערלעך, אַז מען איז שוואַכער. עס איז אַ סך בעסער מיאוסער, נאַרישער צו זיין, איידער צו האָבן אַ לויט קראַפט ווייניקער פאַר אַן אַנדערן, אַז „יד־ישראל" איז נישט „תקיפה", כל־זמן מיר אליין האָבן ווייניק פראַוועס, האָבן מיר ביי די נקיבות ווייניק וואָס צוצונעמען.

מיר טוען דאָך, וואָס מיר קאָנען.

אַ מיידל ווערט געבוירן איז גאָר אַ קליינע שימחה, אין חדר שיקט

מען זי נישט! נאָר ביז אהער האָט זי נאָך אַלץ קיין היזק נישט דערפון — עס קומט אָבער שפּעטער, איז זי אַ מאַנספּארשוין מקדש!

איר ווייסט, וואָס מען מיינט דערמיט?

ער גיט א י ר אַ מטבע, אַ פינגערל אָדער אַן אנדער זאַך, וואָס מוז כאָטש ווערט זיין אַ פּרוטה, און זי איז ז י י ן; ער האָט זי ג ע־ ק ו י פ ט!

זי מוז אים פאָלגן, ליב האָבן, טראָגן, האָבן; זי אים איז נישט מקדש!

געפעלט זי אים נישט, גיט ער א י ר, נישט זי אים, אַ גט.

אין שטוב צו שאַפן, איבער די קינדער צו רעגירן — און זיינן — געהערט צו איר.

ער איז איר שפּייזער!

בתי־מדרשים, חברות, כבוד־התורה האָט ער — ביי די הקפות שטייט זי פונדערווייטן.

ער מעג שיכורן פּורים, זי נישט; ער עסט אין סוכה, זי נישט; ער מאַכט פאַר איר קידוש און הבדלה, און זי קוקט אים אין מויל אריין...

קורץ — זי הענגט אָפּ פון אים.

און אויף אַ ברית עסט ער פלייש און פיש, און זי איז יוצא מיט פּוטערקוכן, מיט ציקאָריע.

אַזויפיל, ווי מיר האָבן פּראָוועס, אַזויפיל האָבן מיר ביי זיי צוגעּ גומען!

ווי וואָלט אָבער געווען, ווען יד־ישראל זאָל טאַקע זיין תקיפה? וואָלט קיין נקיבה קיין ירושה נישט גענומען, קיין עידות נישט געווען אין בית־דין...

ווייבער, קליינע קינדער און קנעכט האָבן איין פּראָווע, שטייען אויף איין מדרגה.

פרעגט אונדזערס אַ למדן: וואָס איז אַ נקבה? „אַ פּעסל אומריינ־ קייט". ער איז שטאַרק מסופק, צי זי האָט אַ נשמה, העכסטנס וועט זי אויף יענער וועלט זיין ביי אים אַ פוסבענקעלע... ער פילט שוין פאָרויס, ווי ער וועט דאמאָלט האָבן דעם יצר־הרע אין די קנעכל!

אַנדערע זענען מסופק, צי יידן זענען מענטשן, און קיין שום ייד איז נישט מסופק, אז אין אַכט מיליאָן יידן זענען נאָר דאָ — פיר מיליאָן מענטשן מיט אַ רעשט — ווייבער. „לאַנגע האָר און קורצער שכל, ניין מאָס רייד, אַ יידענע איז ערגער, ווי דער טויט — דאָס רוב זענען מכשפות"...

און דאָס איז נישט א ו נ ד ז ע ר יושר אליין, עס איז ביי אלע

פעלקער אזוי... און וואָסווילדער א פאָלק איז, וואָס וויכטיקער עס איז ער־געץ די פויסט, ערגער איז אלץ דער פרוי.

ביי טייל ווילדע פארברענט מען גאָר די אַלמנות...

ביי אונדז הייסט „מקדש זיין", געבן א זאך, וואָס איז ווערט א פרוטה, ביי טייל ווילדע הייסט מקדש זיין — געבן א האק אין די ציין אריין, אז צוויי פון די פאָרנטיקע זאָלן ארויספאַלן...

ביי אַנדערע מוז מען די כלה שלעפּן אויף דער ערד ביי די האָר און אויסגלייכן איר א פאָר ביינער.

ביי אונדז האָט נאָך א גרושה א שטיקל ווערט; ביי אנדערע שטעקט אין דער גרושה די גאַנצע טומאה, מען לאָזט זי אין א פרום הויז נישט אריין און זי שטאַרבט פאר הונגער, אָדער רייסט אוים ביי די הינט א ביין...

ביי אונדז פרעגט מען ביי קיין מיידל קיין דעה נישט, אויב זי וויל דעם חתן, און אזא זי זאָגט „ניין" אויף דעם, וואָס געפעלט טאטע־מאַמע, אָדער „יאָ" אויף אַזוינעם, וואָס פּאַסט נישט פאר זייער יחוס, הייסט זי א חצופה, אַן אויסגעלאסענע...

ביי אַנדערע איז די טאָכטער אַן איינפאכע סחורה, און דער פאָטער, און נאָך זיין טויט דער עלטסטער ברודער, אָדער דער נאָענטסטער קרוב, פארקויפט זי וועמען און פאר וויפל ער וויל.

ביי אונדז האָט דער מאַן אַ פּראַווע אויפן לייב אָן א „פּערעדאָ־וויעריע", ביי טייל פעלקער קאָן ער זי אָפּטרעטן אויף איין מאָל און איינ־ציקווייז מכבד זיין מיט איר יעדן גאַסט.

די ווייבער לעקן אין ערגעץ קיין האָניק נישט...

די, וואָס האַלטן פאר קלוג, גוט און פיין דאָס אַלץ, וואָס ארום זיי איז, און ביפרט נאָך דאָס, וואָס איז שוין אזוי פון אייביק אָן, די פאר־שטייען, אז עס דאַרף אזוי זיין, אז עס איז נישט מעגלעך אנדערש. און ווען עמעץ זאָגט זיי, אַז אַ נקבה קאָן אפילו ווערן א רב, אַ דיין, וואָלטן זיך ביי זיי די האָר קאַפּויר געשטעלט, פּיענע וואָלט זיי פון מויל, אָדער זיי וואָלטן חוכה־וטלולא געמאַכט נישט ערגער פון רעדאַקטאָר פון „המליץ", וואָס האָט אויסגעגאָסן א גאַנץ בלאַט מיט בלאָטיק־בייזן חוזק אויף אַן אַמעריקאַנישע שטאָט, ווייל — ווייל זי האָט אויפגענומען נישט קיין גע־מלטן, דאָס הייסט, אַ נקיבשן רב.

און דאָך זענען פאראַן אַנדערע, וואָס זאָגן, אז אַלץ, וואָס ארום אונדז געשיט, קאָן זיין גוט און שלעכט, און אז מיר דאַרפן שכל האָבן און דאָס שלעכטע פאַריכטן, עס זאָל ו ו ע ר ן גוט.

איינער פון די לייט איז געווען משה־רבינו!

פאַר מתן־תורה האָט א נקיבה נישט געהאַט קיין פּראַווע פון א מענטש, קיין פּראַווע אויף פאַרמעגן, קיין פּראַווע צו לעבן נישט אין א פרעמדן רשות, נישט אונטער א פרעמדן רוט: אָדער זי איז געווען דעם טאַטנס, אָדער א קרובס, אָדער דעם מאַנס, און, אז זי האָט פאַרלוירן דעם „רשות", האָט זי אויסגעזען, ווי א פיש, וואָס פאַלט ארויס פון וואַסער, אָדער א מענטש, וואָס מען נעמט אים צו די לופט.

דער אַלמנה איז דעריבער ביטער געווען. האָט זי כאָטש קינדער גע־האַט, איז זי געבליבן אַלס מאַמע ביי די יורשים, אָבער אַז נישט, איז דאָס פאַרמעגן איבערגעגאַנגען צום מאַנס קרובים און זי איז געבליבן ביי גאָר־נישט, שלינג און שלאַנג, ווי מען זאָגט. נאָר איין גוטער מינהג איז גע־ווען, דער ברודער פון געשטאָרבענעם פלעגט אַמאָל חתונה האָבן מיט דער אַלמנה! אַזויערנאָך איז דער פיש צוריק אין וואַסער, דער מענטש האָט צוריק געקאָנט אָטעמען. נאָר דאָס איז נאָר געווען א מינהג, וואָס מען האָט געקאָנט ברעכן.

וואָס טוט מען, אז נישט? דער ברודער נעמט צו דאָס „פאַרמעגן" און זאָגט, אז אָן איר וועט ער זיך באַגיין? ווו וועט זיך די אַלמנה אהינ־טון? —

משה־רבינו האָט די שאלה פאַרענטפערט:

אויב ער וויל זי נישט נעמען, זאָל ער געבן חליצה — דאָס הייסט, זי שפּייט אים אין פּנים פאַר כל הקהל הקודש...

עס איז געווען א קלוגע, ערלעכע פּראַווע.

קיין מענטש וועט זיך נישט לאָזן שפּייען בפרהסיא אין פּנים אריין, און אויב עס וועט זיך אַזוינער טרעפן, איז גלייכער, זי זאָל פאַר הונגער שטאַרבן, איידער אזא הונט פאַר א מאַן צו האָבן. —

צי האָט זיך משה־רבינו געקאָנט ריכטן, וואָס אונדזערע רבנים וועלן פון זיין גוטער, קלוגער און ערלעכער פּראַווע מאַכן? באַין אופן נישט. עס איז לייכטער צו טרעפן, וואָס א נאַר האָט אין זין, איידער צו פאַלן, וואָס פאַר א ש ל ע כ ט ע, אומזיניקע נאַרישקייטן עס וועלן ארויס פון אונדזערע חכמימס פאַרפּלאָנטערטע מוחות.

היינט איז די לאַגע אַזוי: ער ט אָ ר זי נישט נעמען, און זי מ ו ז נעמען חליצה. זי טאָר אנדערש נישט חתונה האָבן מיט אַן אנדערן, ביז ער וועט זיך נישט גערנווויליק לאָזן אָנשפּייען אין פּנים אריין! זי מוז לעבן אָן לופט און וואַסער, כל־זמן ער וועט נישט אַליין קומען אין קהל־

שטוב און בפני קהל ועדה לאָזן זיך רופן „פּאַדליעץ״, כאָטש ער אליין איז אויך א מכה שולדיק...

אָט דאָס איז חליצה! פּויל, אָרעמע אַלמנה, ווייל משה־רבינו האָט דיר געוואָלט א טובה טון! שטארב פאר הונגער, דאר און קוואר, ווייל משה־רבינוס שטעלפארטרעטער האָבן נאָר איבערגענומען זיין שטעקן, נישט זיין שכל, נישט זיין יושר!

און נייטן חליצה־געבן טאָר מען אויך נישט!

מען קאָן נייטן געבן א גט, נייטן, עס זאָל קיינער קיין היזיון, אויסער דער רביצן, נישט פארקויפן, עס זאָל קיינער נישט אָנרירן קיין יום־טוב־שני של גליות, נישט רעדן אויף א גוטן ייד, נישט אונטערשניידן א פּיאה, — אויף דעם איז דאָ: שטיינער אין גאַס, א שופר אין אָרון־קודש, און מסירות, און מלשינות אויף דער צונג... נאָר נייטן חליצה צו געבן, דאָס נישט! אַליין מיטן גוטן ווילן זאָל ער זיך לאָזן אָנשפּייען אין פּנים אריין!

מען טאָר קיין יידישע פּרנסה נישט צו שאַנדע מאַכן! און חליצה איז שוין א יידישע פּרנסה!

זי וועט איר כתובה אוועקגעבן, דאָס קלייד פון זיך אראָפּפארקויפן, זיך אַליין פאר א דינסט שטעלן, אַבי חליצה צו נעמען...

דער, וואָס האָט אַן עלטערן, ביפרט נאָך א קרענקלעכן ברודער — אַן עקר, און טוט א שידוך מיט א קינד, קאָן אָפּלייגן דעם סילוק פון נדן ביז דער חליצה!

פארוואָס נישט?

און שטעלט אייך פאָר, אז פּלוצלינג דריקט דער „וואָסכאָד״ און נאָכן „וואָסכאָד״ די „הצפירה״ א ידיעה, אז די רבנים ווילן מתיר זיין חליצה! שטעלט אייך פאָר מיין פריידע און מיין פעליעטאָן, וואָס איך וואָלט איבער דער בשורה טובה געשריבן!

איך וואָלט דאָס ערשטע מאָל געשריבן וועגן א שטריימל אָן גאָל, דאָס ערשטע מאָל גערעדט פון אונדזערע „גאונים״, אומגעוואָלט פון זיי מאַכן „זיכרונו־ליברכהם״, איך וואָלט אפילו מיך נישט געשעמט איינעם א קוש אַן פּיסקל צו געבן! וואָס קומט אָבער ארויס — עס איז באַלד געקומען א הכחשה: לא היו דברים מעולם! עס איז קיינעם פון די רבנים נישט איינגעפאַלן עפּעס א קלער טון פאר דער אָרעמער חליצהניצע...

די רבנים איז לייכט געווען מתיר צו זיין פּראָצענט, ערלויבן די

רייכע זאָלן שינדן ביי אָרעמע לייט די הויט, אויסקלערן אַן עצה איבער־צוהאַלטן דעם חמץ איבער פּסח, אַבי צו ראַטעווען דעם שענקער אַ פּעסל בראָנפן, פאַרזאָרגן די באַלעבאַטים זאָלן קענען טראָגן דעם טלית־זאַק אום שבת איבער דער גאַס, צו געפינען אַן עצה קעגן שמיטה פאַר די חובבי־ציון, נאָר שווער איז מתיר צו זיין אַרבעט און הערינג פאַר אָרע־מע לייט אויף פּסח! דערלויבן חתונה צו האָבן אָן חליצה... און נאָך שווערער איז מיר, אין אַזאַ צייט, צו שרייבן אַ לייכטן פעליעטאָן...

1895

צען פעליעטאָנישע געדאַנקען

1) מאַסן בלומען וואַקסן אַרויס פון מיסט; מאַסן צדקות קומען פון גנבהשן געלט.

2) מקנא בין איך נאָר אָדם־וחווה, וואָס האָבן אין די נשמות נישט געהאַט קיין איינגעהויקערטע פּגרים פון טאַטעס און זיידעס, און האָבן געקאָנט אַלץ פריש און לעבעדיק פילן.

די וועלט האָט אירע מאַגאַזינען, ווו זי ליגט אָפּ אויף א שלעכטע צייט, אויף הונגער־יאָרן; נאָר אַז עס קומט די בייזע שעה, ווייזט זיך געוויינלעך אַרויס, אַז די קעץ און די מאַגאַזיניערן האָבן אַלץ אויפגעגעסן...

4) גוט פאַר פרעמדע זענען געוויינלעך די, וואָס זענען שלעכט פאַר אייגענע.

5) איך ווייס נישט, אויב גאָט וועט אונדז מוחל זיין דערפאַר, וואָס מיר האָבן אים פאָרזעצט איבער דער נאַטור, מיר זאָלן ז י פריי באַהערשן!

6) אמת האָט אין אונדזער לעבן נאָר ד י ווירקונג, אַז מיר ווילן איר נאָכמאַכן און זאָגן שענער און פיינער די ליגנס.

7) ווער עס קען קיין געשיכטע, טאַפּט אין דער פינצטער, ווי א בלינדער; ווער עס קען זי, וואַקלט זיך, ווי א שיכור...

8) צו פויל, זיך אַליין צו פאַרבעסערן, ווילן מיר בעסער אַלץ אַרום פאַרדאַרבן, עס זאָל פּאַסן צו א ו נ ד ז.

9) די שיפס־לייט וועלן איינער דעם צווייטן נישט פרעסן און אַלע צוזאַמען קעגן שיפס־קאַפּיטאַן זיך נישט שטעלן, כל־זמן ער זאָגט זיי צו א ניי לאַנד און די שטימע זיינע איז זיכער, און דאָס אויג קוקט גלייך, ערנסט און שטרענג.

10) אַ פעליעטאָן איז אַ קלוגע נאַרישקייט; פּובליציסטיק — נאַרישע חכמה.

1895

עקבתא דמשיחא

(משיחס צייטן)

...אזוי,אזוי, רבותים, אַלץ פאלט אָפּ, אַלץ ווערט קאַליע, אַלץ גייט צוריק לתוהו־ובוהו.

נאָר איינס שטאַרקט זיך — דער יצר־הרע, און די הוצאות וואַקסן; אחוץ דעם גייט אַלץ צוריק.

אַפילו די זון, זי פאַרלירט אויך די כוחות.

איך געדענק דאָך, יינגלווייז, האָט א זומער־טאָג געברענט ווי א קאַלך־אויוון. פון ראש־חודש אָדר אָן איז מען שיער משוגע געוואָרן פאַר היץ; מען האָט געהאָפּט אויף ל"ג־בעומר ווי א קבצן אויפן גרויסן געווינס.

און אַז מען האָט זיך אָנגעהויבן באָדן, האָט מען זיך נישט געקאָנט אָפּרייסן פון טייך; און אַז מען איז ארויסגעגאַנגען, האָט דער זאַמד ביים טייך אזוי געברענט, אַז מען האָט געמוזט צוריקשפּרינגען אין וואַסער אַריין... און היינט? דאַכט זיך — תמוז, האַ? און מיר איז קאַלט! ס'איז שוין גאָר קיין זון נישט!

איר זאָגט, אַז איך בין אַלט, און דעריבער פריר איך?

איר האָט א טעות; קיין אכציק יאָר בין איך נ י ש ט אַלט, און מיין פאָטער, עליו־השלום, האָט קיינמאָל קיין שטעקן נישט געטראָגן, קיין ברילן נישט גענוצט — און איך וואַקל מיך אויף דריי פּיס און טאַפּ צו מיט די הענט, און זאָגן זאָג איך אייך, אַז אַפילו די הייך פון מענטש ווערט אויך קלענער פון טאָג צו טאָג. א פּשוטער חשבון: אָדם־הראשון האָט אָנגעשלאָגן מיטן קאָפּ ביז גלגל־חמה; צען דורות פון אָדם ביז נוח, און נוח איז שוין מיט אַלע חיות און בהמות אין א י י ן תיבה אַריין.

אונדזערע זיידעס, — ווייל איר געדענקט נישט, — פלעגן גיין איינגעבויגן, זיי זאָלן נישט אָנשלאָגן אין סופיט; אונדזערע אייניקלעך וועלן שוין ארומקריכן אונטער די טישן, ווי די ווערים..

א יידיש יינגל האָט אַמאָל געהרגעט א לייב און א בער... א יידיש

יינגל ווארפט זיך א שטיינדעלע און צעהאקט גליתעס שלייף... א געלינקט ייִדעלע שטעלט זיך קעגן עגלון מלך מואָב און דערלאנגט אים אזוי, אז די שטיל זעצט זיך אריין נאָך דער שארף... און שימשון־הגיבור? שוין גאָר אויף דער עלטער, אוים נזיר, אָן א האָר, גיט ער זיך א זאָג: „תמות נפשי עם פּלישתים!" — מיין כפּרה, איך מיט די פּלישתים צוזאמען! קערט איבער דאָס גאנצע הויז, — און אן עק!

איר האָט עפּעס היינט אזוינע ייִנגלעך, אזוינע ייִדן?!

און, למשל, עס זאָל זיך צוזאמענעמען פון גאנץ קרוין־פּוילן, זאָל זיין פון דער גאנצער וועלט, אלע שופר־בלאָזער, און זיי זאָלן זיך שטעלן אונטער יריחו — וועט זיך א שטיינדל רירן? און א צוים וועט יאָ איינפאלן?

אָט, יענקל, אונדזער גיבור, טשאַכנאָווסקים גאווה, די קרוין פון איר קאָפּ; טאקע אונדזער יענקל, — וואָס קאָן ער? ביים סדר שרייט ער „שפוך־חמתך", ווי א לייב; פּורים שלאָגט ער המנען, אז עס הילכט; „לשנה הבאה בירושלים" רופט ער, אז די ווענט ציטערן — און יענע וואָך האָט ער געבראכט א פעסל וואסער צום שלוש־סעודות, און האָט זיך דעם מארך־ביין גערירט!

און נישט נאָר די ג י ב ו ר י ם זענען אויסגעשטאָרבן, אפילו די ג ב י ר י ם! אין אויסלאנד בין איך נישט געווען: דאָרט, זאָגט מען, זע־נען דאָ גבירים, אמתע גבירים; — וואָס איך האָב נישט געזען, ווייס איך נישט. אָבער דאָ!

איר גלויבט אין זייער עשירות און לייקנט אָפּ זייער חלק אויף עולם־הבא, באשר בכן? זיי האָבן קיין רחמנות נישט אויף אָן אָרעמאַן, פאר־זאָרגן נישט קהל; אז כלל־ישראל איז אפילו אין א סכנה, רירן זיי זיך נישט פון אָרט, דאָס הייסט — זיי קאָנען, נאָר ווילן נישט טון, און איך גלויב אין זייער חלק לעולם הבא און גלויב נישט אין זייער עשירות. איך זע, אז אָן עושר שטאַרבט, שטאַרבט ער מיטן עשירות צוזאמען; אלץ איז ארוים: די נשמה פון גוף, דאָס געלט פון קאסע, דער קרעדיט פון געשעפט — אָן אויסגעבלאָזן איי.

ווי אזוי איז דאָס געשעען?

עס איז קיין נשמה נישט געווען, קיין עשירות נישט געווען; קרע־דיט איז יאָ געווען, ווייל וואָס איז קרעדיט? שמור לי ואשמור לך: איך לאָז מיך גענארן און דו לאָז דיך גענארן!

אזוי איז שוין אין דער סוחרישער וועלט.

עורבא פרח — אויף יידיש הייסט עס: נ י ש ט געשטויגן און נ י ש ט געפלויגן.

הכלל, איך האַלט מיך ביי מיינעם: אַלץ גייט צוריק צו תהו־ובהו, אַלץ פאַלט —

יראת שמים אפילו אויך!

אַמאָל, למשל, זענען געווען באַלעבאַטים, דאָס הייסט — פשוטע מענטשן, אָן ספקות, אָן שאלות, אָן חקירות — און פאַר דאָס פון צווייטן צד — אָן מסירות־נפש, אָן קידוש־השם, תעניתים און גילגול שלג. פון וויג ביז אין קבר אריין איז עס זיך געגאַנגען אין גלייכן וועג, זיך נישט אָפּ־געשטעלט, אפילו זיך נישט אומגעקוקט! גאָרנישט — ווי אַ סאָלדאַט. דער ריבונו־של־עולם זאָגט: „סטופּאַי" — גייט ער — דאָס איז געווען, הייסט עס, דאָס אונטערלאַג — דער המון־עם; פאַר דאָס פון אויבן, מיט זעקס קעפּ העכער, זענען געווען די גדולים, און טאַקע פון ביידע צדדים. פון איין זייט — מסטרא דימין, הייסט עס, — גאונים אדירים, טליתים פון סאַמע תכלת, נשמות טאַקע פון אונטערן כיסא־הכבוד! אַזאַ יידס אַ מחשבה האָט טאַקע מקיף געווען, ווי מיט אַ גאַרטל ארומגענומען אַלע עולמות; און אַזאַ יידס אַ וואָרט — הימל און ערד האָבן געציטערט.

פאַר דאָס אין צווייטן צד זענען געווען אפיקורסים, טאַקע אמתע אפּיקורסים. אַ מוח ווי אַן עגבער — אַלץ דורכגעשטאָכן, אַלץ דורכגעזען.

פּנחס כופר הכל — אַזוי האָט מען אים גערופן — האָב איך דאָך אַליין געקענט. גאָרנישט — לית דין ולית דיין! און גיי שפּאַר דיך מיט אים! אַ מענטש האָט אַ מויל, ווי אויף שרויפן, אַ צונג — חרב חדה, און האָגלט מיט ראיות — רחמנא ליצלן!

אז ער האָט געקראָגן אַ מענטש אין דער האַנט אריין, האָט ער מיט אים געוואָרפן, ווי מיט אַ קאַרטאָפל אין אַלע עולמות; עס האָט פאַר די אויגן געשווינדלט.

און מיינט איר, עס זענען געווען עולמות; עס איז קיין איין וועלט, זאָגט ער, אויך נישטאָ. ער ווייזט מיר אוים מיט ראיות ברורות, אַז עס איז קיין וועלט נישטאָ, א י ך בין נישטאָ, ע ר איז נישטאָ, און דער שטענדער, ביי וועלכן מיר זענען געשטאַנען, איז אויך לא היה ולא נברא, — אַלץ איז אַ פאַרבלענדעניש.

אַזאַ מענטש איז דאָס געווען; מבטל געווען, אַלץ מבטל געווען...

און היינט, ברידערלעך?

אוים גרויסע! קיין גדולים פון ד ע ר זייט, קיין גדולים פון י ע־

נ ע ר זייט; קיין פשוטע באַלעבאַטים זענען אוודאי נישטאָ... פאַראַן מיטלמענטשן, נאָר נישט אַזוינע, וואָס גייען אינדערמיט, נאָר אַהין־און־אַהער־מענטשן, וואַקל־מענטשן, שיכורע נשמות...

יעדערער איז „חציו שלי חציו שלך"; חסידים, מיט אַ שפּאָר ביסל יצר־הרע, אַפּיקורסים, וואָס פאָרן ביים ערשטן צאָן־ווייטיק צו אַ גוטן ייד, און די בריק צום סמבטיון האָט נאָך הינטער זיך קיין איינציקער אַפּיקורס נישט פאַרברענט.

דער פרומסטער ייד האָט דרייערליי שלחן־ערוכים: אַ שלחן־ערוך פאַרן רשות הרבים מיט סאַמע אסורים; אַ שלחן־ערוך פאַרן כרמלית, ווו נאָר ער און זיינס גלייכן גייט — מיט אַ מאַסע היתרים און אַ שלחן־ערוך פאַר זיך אין דער היים — סאַמע לייזיקע בלעטער מיט איין התרת נדרים...

די אַפּיקורסים זענען אויך אַזוי: דרייפאַכיקע, פירפאַכיקע, וויפל איר ווילט אַליין.

אין דער היים שאַרפט ער זיך די בריטווע צום גאָלן די באָרד אָן דער רצועה של תפלין, ביי זיך אין „רעדל" איז ער יוצא דערמיט, וואָס ער איז אַ גרויסער אוהב ישראל, דער עיקר מיינט ער די בנות ישראל... און אַ „מאמר" שרייבט ער: חס־ושלום, רירט נישט; צאָן־קדשים, בני־נביאים, מינהגים קדושים — ממש ער ברענט... און גיי וויים!

דאָס איז אין „נגלה"! אין „נסתר" איז אויך דאָס אייגענע, עס פעלן נישט קיין מקובלים, זיי וואָלטן געקאָנט באַשאַפן גולמות, אַראָפּ־ברענגען משיחן, הייסן שניי זאָל פאַלן אין תמוז, און אינמיטן ווינטער זאָל גיין אַ שלאַגס־רעגן, — נאָר נאָך וואָס טויג עס זיי? זיי ווילן בעסער ע"פּ קבלה איבערפּעקלען אַ שטיקל סחורה איבער די גרענעץ, פאַרקויפן אַן עקרה פאַר ח"י זהובים אַ בן־זכר...

אַ קרעמל האָבן זיי זיך געמאַכט, און איינער יאָגט דעם צווייטן, און די פּידיונות ווערן קלענער פון טאָג צו טאָג...

און די אַפּיקורסים האָבן זיך אויך געעפנט אַ קרעמל... אַראָפּברענגען זיך, ווי פאַרצייטנס, אַ בת מלכה, איז היינט שוין נישט כדאי, מאַכט מען זיך בעסער אַ פאַרלאַג מיט קליינע יצר־הרע־ביכלעך...

קליינע פּידיונעלעך, קליינע ביכלעך, קליינע מענטשעלעך...

מיט איין זאַך טרייסט איך מיר נאָר: פּני הדור כפני הכלב; די וועלט האָט שוין אַזאַ הינטיש פּנים, אַז משיח מוז שוין קומען...

אונדזער טרייסט

מען דאַרף זיך טרייסטן!

אַ פֿאָלק, וואָס האָט אַזויפֿיל צרות איבערגעלעבט, אַזוי פֿיל פֿינצטערע צייטן איבערגעוואַרט; אַ פֿאָלק וואָס מיצרים און בבל, צוויי שרעקלעכע שכנים, האָבן נישט אויפֿגעגעסן, און דאָס בלוטזיכטיקע אומגעהייער — דאָס מיטלאַלטער, נישט איינגעשלונגען — וועט היינט, אין נײַנצנטן יאָרהונדערט, נישט פֿאַרלוירן גיין.

דאָס מיטלאַלטער, נישט איינגעשלונגען — וועט היינט, אין נײַנצנטן יאָרהונדערט, נישט פֿאַרלוירן גיין.

מען דאַרף זיך טרייסטן און האָפֿן!

טרייסטן דאַרף מען זיך מיט דעם, וואָס אויבוויל דער האַס צווישן מענטשן איז נאָך נישט אויסגעלאָשן; אויבוואָל דעם שוואַכן דינט נאָך נישט דאָס אייגענע רעכט, וואָס דעם שטאַרקן; אַז אויבוואָל „לא תגנוב, לא תגזול, לא תרצח, לא תחמוד"... איז נאָר נוהג צווישן איינעם און דעם צווייטן פֿון איינעם פֿאָלק, — דאָך איז דער האַס צווישן מענטשן שוואַכער, מילדער, געלאַסענער, ווי פֿאַרצייטן...

אַמאָל זענען נישט קיין פֿעלקער, נישט קיין מדינות, נישט קיין שבטים נישט קיין מישפּחות געווען, נאָר איינצלנע האָרדן; חברות מענטשן האָבן זיך אַרומגעדרייט, ווי חיות און סטאַדעס... דעמאָלט זענען די חיות הייליק געווען, און דער מענטש האָט נאָר אַלס פּרעס־פֿלייש געדינט! אין דער האָרדע אַליין האָט געמוזט שוין זיין אַ צייכן פֿון מוסר, נאָר צווישן איין האָרדע און דער צווייטער איז געווען אייביקער קריג, און אייביקע פּרעסעריי און —

די שוואַכע האָרדע איז אויסגעקוילעט און אויפֿגעגעסן געוואָרן.

דערנאָך באַווייזן זיך נאָמאַדן — גרויסע פֿאַמיליעס פּאַסטוכער, וואָס בלאָנקען זיך אַרום אין סטעפּ מיט זייערע סטאַדעס. איין פֿלאַץ קאָן

צוויי סטאַדעס נישט דערנערן; איין ברונען, איין קוואַל קאָן צוויי סטאַדעס נישט לעשן דעם דורשט, און צווישן איין פאַמיליע און דער צווייטער איז ווייטער קריג און מילחמה, און ווי און ווינד איז דער שוואַכערער פאַמיליע!

דאָך פרעסט מען זיי שוין נישט אויף! די סטאַדע דאַרף מענטשן, דער פאַטריאַרך און זיינע ווייבער דאַרפן שוין באַדינונג! און דאַמאָלט — ווערט די קנעכטשאַפט געבוירן!

שרעקלעך זעט זי היינט אויס, נאָר דאַמאָלט איז זי אַ גרויסע גוטע רעפאָרעם געווען! ניינציק פראָצענט מענטשן האָט זי גערעטעט פון טויט! אַלס קענכט האָט דער מענטש שוין אַ גרעסערן ווערט געקריגן — ער האָט אויפגעהערט נאָר פרעס־פלייש צו זיין!

מענטשן האָבן זיך באַזעצט און אָנגעהויבן באַארבעטן די ערד; עס זענען געוואָרן לענדער און שטעט. נאָר נישט מיט אַמאָל געשיט עס! אַלע מאָל פאַלן אַראָפּ נייערע נאָמאַדן פון בערג און וואַלד, באַפאַלן די שוואַ־כערע ערד־אַרבעטער, קוילען אויס די, וואָס שטעלן זיך אַקעגן, די רעשט נעמט מען געפאַנגען, טייל פון זיי פאַרקויפט מען, אַנדערע באַהאַלט מען ביי זיך אַליין פאַר קנעכט...

שלעכט איז דעם באַזיגטן שוואַכן... נאָר אַלץ בעסער, ווי פריער: דער באַזיגטער איינוווינער לייזט זיך אויס מיט קאָנטריבוציעס, מיט מס; ער באַקומט נאָר אַ נייעם הערשער; די באַזיגטע מדינה ווערט נאָר צוגעטיילט אַלס פראָווינץ צו אַ נייעם לאַנד!

נאָר דאָס פאָלק ווערט שוין נישט פאַרטריבן, נישט אויס־געקוילעט, נישט אויפגעגעסן, נישט פאַר קנעכט פאַרקויפט; עס טראָגט אַ צייט נאָר אַ גרעסערע לאַסט; עס צאָלט נאָר גרעסערע שטייער.

די מדינה טרעט היינט אָפּ דעם „פאָלק״... — נישט פאָטערלאַנד — די „נאַציאָן״ איז היינט אין דער מאָדע!... פעלקער טיילן זיך אָפּ איינס פון צווייטן... און פעלקער פירן מילחמה! ווי אַזוי דאָס געשעט וועלן מיר רעדן אַן אַנדערש מאָל. נאָר עס איז אַ פאַקט און שלעכט איז דעם שוואַכן, באַזיגטן פאָלק.. פונ־דעסטוועגן דאָך איז בעסער ווי אַמאָל... מען צעשיידט שוין נישט די פעלקער, ווי אַ ברויט, וואָס מען צעטיילט צווישן עטלעכע מיילער; מען שטעלט שוין נישט קיין גרענעצן אויף דער קאַרטע, לויט ווי עס פאַלט איין קאַרל אָדער אַ נאַפּאָלעאָן. עס גייען ווייטערע מילחמות, נאָר עס גייט שוין וועגן עפּעס אַנדערש. — יעדעס פאָלק וויל האָבן ביים צווייטן נאָר

אָפּענע גרענעצן... נאָר אַן אָרט, וווּ פּראָדוקט צו פֿאַרקויפֿן!...

עס איז אמת, אַז אונדז, דעם שוואַכסטן פֿאָלק אין דער וועלט, איז נישט גוט, נאָר דאָך איז אונדז בעסער ווי אַמאָל...

אמת איז, אַז כּל־זמן יעדעם פֿאָלק באַזונדער וועט זיך זינגען זײַן „אתּה בחרתּנו“, וועט זיך אײַנרעדן, אַז נאָר פֿון זײַנעטוועגן האָט גאָט די וועלט באַשאַפֿן, אַז זײַן מוח איז דער קלוגסטער, זײַן האַרץ דאָס גאָלדנסטע, זײַן כאַראַקטער דער בעסטער, און דעריבער — קומט אים אַ פֿרײַערער פּלאַץ בײַם טיש, פֿאַר דער ברייטסטער שיסל און פֿולסטן כּוס; אמת איז, אַז כּל־זמן דאָס אַלץ וועט עקזיסטירן, וועלן מיר קיין גן־עדן אויף דער ערד נישט האָבן...

נאָר דער אַלטער גיהנום מיט זײַנע שדים איז דאָך איינמאָל פֿאַר אַלע מאָל פֿאַרפֿאַלן! מען וועט אונדז דאָך שוין נישט פּרעסן, נישט קנעכטן. נישט ברענען און בראָטן, נישט פֿאַרטרײַבן. דער שטאַרקערער איז אויך אַ מענטש, און דער מענטש ווערט איידעלער, די מילחמה שוואַכער, די מיטל — מענטשלעכער, און דעם שוואַכנס לעבן ווערט דאָך אַלע מאָל גרינגער און ווייניקער ביטער...

1896.

תענית־געדאַנקען

(אַפּאָריזמען)

1. אַ סך אײדעלע מענטשן קאָנען נישט טויטן קײן פֿליג און עסן אויף אַן אָקס...

2. האַלב־געבילדעטע מוטערס פֿירן רײן און היגיעניש די קינדער כּל־זמן זײ זענען געזונט; בײַ דער ערשטער קרענק אָבער װערן זײ אַבער־גלױביש און שװאַך און קאָרמען די קראַנקע קינדער מיט קאַרמעלקעס און אײַנגעמאַכטס און טוישן אױף זײ נישט דאָס העמד. האַלב־גע־בילדעטע פּאַטריאָטן טוען דאָס זעלבע מיטן פֿאָלק.

3. דער „הײַנט" איז אַ מוטל בספֿק, דער „מאָרגן" װעט זיכער געהערן צו די, װאָס װײסן נישט קײן גרױסן חילוק פֿון אַ תּענית ביז נישט אַ תּענית!

4. מענטשן נעמען זיך צוזאַמען אָדער יענעם צו עסן אָדער זיך נישט צו לאָזן עסן; עס איז נױטװענדיק, נאָר נאַרן מאַכן פֿון דער נױט־װענדיקײט אַן אידעאַל.

5. אין יענעם מענטש שטעקט אַביסל גוטס; װער עס גיט עס אינגאַנצן אַװעק גאָט, דעם בלײַבט שױן גאָרנישט פֿאַר מענטשן.

6. נישט אײנער װערט גרױס, װײַל ער שטעלט זיך אױף אַ בעסערן קאָפּ, אַלס זײַן אײגענער איז.

7. אַז דו פֿאָרסט אין װעג, זעסטו פֿון װײַטן גרױסע בערג, װאָס נענטער אָבער װערן זײ קלענער, און צום סוף קריכן גאַנץ לײַכט אױף זײ אַרױף דעם בעל־עגלהס געפּגרטע פֿערד; באַקען דיך נישט מיט גרױסע לײַט, װאָרעם עס װעט דיר דאָס אײגענע געשען.

8. אַ הון, װאָס כאַפּט דעם אָבראָק, װאָס פֿאַלט פֿון איבערגעפּילטן פֿערדס מױל אַרױס, טראַכט בײַ זיך: װאָס פֿאַר אַ פֿילאַנטראָפּ עס איז!

9. בײַ טײל גײט א י ב ע ר דאָס האַרץ; בײַ אַנדערע — פּלאַצט עס.

10. „נויט ברעכט אייזן” און „אייזן ברעכט נויט” — דאָס איז דאָס קלעצל, אויף וועלכן די געשיכטע וויקלט איר אייביקן פאָדעם.
11. אָפט שרייט מען „לא תגנוב”, אוים לויטער קאָנקורענץ.
12. עס וואָלט היינט אויך פון שטיינער וואסער גערונען, דער שטעקן זאָל נישט זיין פארנומען מיט עפּעס אנדערש...
13. אין דער ערשטער קעשענע איז שוין געלעגן דער גאנצער קאָדעקס מיט אלע מפרשים.
14. די ציוויליזאציע איז א פּונקט, וואָס באוועגט זיך אימער ווערנד און מאכט איר אייביקע ליניע, און זי פירט אלע מאָל צו א העכערן צוועק. טיילמאָל ברעכט זיך די ליניע איבער און לאָזט אריין אין דער טיף, און דאמאָלט מיינען די קורצזיכטיקע, אז זי האָט זיך איבערגעהאקט.
15. דער קאָנסערוואטיזם איז א פארשווינדלטער באנקראָט, וואָס וויל קיינמאָל נישט ליקווידירן.
16. אָרעמקייט איז נישט קיין שאַנד — נאָר א מכה.
17. עס וואָלט קיינמאָל קיין שריפה נישט געווען, מענטשן זאָלן באלד דערזען דעם רויך.
18. דאָס לעבן וואָלט געווען א גאנץ הארמאָנישע מעלאָדיע, ווען די לײדיקע מאָגנס זאָלן נישט אריינבורטשען און די איבערגעפולטע — אריינגרעבצן.
19. מענטשן שטארבן פארשידן: א געטע שרייט: ליכט! אנדערע ווילן, די זון זאָל מיט זיי צוזאמען אונטערגיין.
20. טייל מיינען, אז וואָס מען קאָן נישט אויפעסן, מוז מען אויסטרינקען.

.1896

די עשרת הדיברות

מיט אַ פּירוש פון אַ קליין באַלעבאָסל.

דער גרויסער גאָט האָט געגעבן אויפן באַרג סיני קורץ געפאַסטע צען געבאָטן און אונדזער קליין באַלעבאָסל האָט צו זיי צוגעגעבן אַ לאַנגן פּירוש אין זיין קליין הערצל...

„אנכי"... „לא יהיה לך"... „לא תעשה"...

זאָגט דער ריבונו־של־עולם!

„איך איינער בין גאָט און וויל מיין ממשלה מיט קיינעם נישט טיילן! קיין אַנדערע געטער, אויסער מיר, זאָלסטו נישט האָבן; פון גאָלד און זילבער קיין אָפּגעטער נישט אויסהאַקן, נישט גיסן" — —

און דאָס קליינע באַלעבאָסל שרייבט איין ביי זיך אין הערצעלע:

„איין גאָט אין הימל, נאָר אַ סך צדיקים אויף דער ערד".

„צו גאָט איז ווייט און דער וועג פירט דורכן הייליקן אָרט, און איך ציטער פאַר די ווייסע מצבות"...

„צום רבין איז נאָענט און די אומות העולם מאַכן באַנען, שאָסייען און מען רעדט נאָך פון לופט־באַלאָנען"...

„גאָט, ברוך הוא, ווי דער אמת איז, וויל זיין ממשלה מיט קיינעם נישט טיילן, ער דאַרף און וויל ביי קיינעם קיין עצה נישט פרעגן, דאָס הייסט: ער איינער אַליין איז גוזר! נאָר קוים האָט ער גוזר געווען, זיינס אָפּגעזאָגט, קאָן קומען אַ ליאַדע צדיקל, אפילו אַ ווייבעריש, און מבטל זיין און מאַכן אַלעס כעפּרא דאַרעאַ!"

„און דווקא ביליק! איינגאַנצן פאַר ח"י גדולים!"

„אַמאָל איז גענוג אַביסל אָפּגעשפּראָכענער בוימאייל, אַ יהי רצונדל — צו מאַכן פון טויט — לעבעדיק... און דאָס קאָסט נאָך ביליקער"...

„אַמאָל העלפט אפילו קעגן דער ג ז י ר ה א ט אָ ט ע ר ל אויך!
און א פינף קאָפּ. איז אַ מטבע, אַ טרונק בראָנפן — אוודאי!”
„עס איז אַן עבירה פון גאָלד און זילבער אויסהאַקן אָדער אויסצע־
ניסן זיך עבודה־זרהלעך... די מטבע טראָגט פּראַצענט און איז אויך אַ
ג ר ו י ס ע ע ב ו ד ה ־ ז ר ה ! ”
ווען גאָט, דער ריבונו־של־עולם, האָט געזאָגט:

„לא תשא... לשוא!"

זענען בלאָס געוואָרן די הימלען, עס האָבן געציטערט די בערג, עס האָבן טייכן און ימים געשוימט און געזאָטן, די גאַנצע ערד האָט אַ פיבער געכאַפּט, עטלעכע שטערן זענען פאַר שרעק אראָפּגעפאַלן...

און דאָס קליינע באַלעבאָסל שמייכלט פאַר נחת און פאַרצייכנט זיך:

„לשוא? אַן איינפאַל! און אַ וו אָ ר ט א ו מ ז י ס ט רעדן, וועל איך יאָ? וואָס איז, אַ מחבר בין איך, וואָס רעדט צו שטיין און ביין? מיין צייט איז געלט, מיין וואָרט איז גאָלד! א ו מ ז י ס ט שווערן ביי גאָטס נאָמען וועל איך נ י ש ט ! איך וועל נאָר שווערן אין מאַרק, אין געוועלב... מיט גאָטס נאָמען וועל איך אויסנאַרן אַ צענערל אויף דער אַרשין, פאַר־רעדן עמעצן די ציין, אויסגלייכן אַ קרומע וואָג, אונטערהאַלטן משופּע די מאָס... אַלץ נישט אומזיסט!”

„אפשר וועל איך נאָכאַמאָל מיט אַ שבועהלע זיך ארויסנאַרן פון דער הים אויף אַן אָקעלע... ווייטער נישט!...

„ א ו מ ז י ס ט , קיינמאָל נישט!”

„זכור את יום השבת"...

„איך וועל געדענקען, אוודאי!...”

„יעדעס באַשעפעניש דאַרף באַנייען די כוחות; איינמאָל אין וואָך רוען דאַרפן ווייב און קינדער, דינסטן און משרתים, אפילו דאָס פערד און די בהמה — וואָס דינען ביי אַ ייד”...

„אָבער אַ קריסט מעג פאָרן אום שבת?”

„וועל איך אים מיין פערד פאַרדינגען!”

„שבת קאָן זיך אויסשלאָפן דער משרת, דער אַרבעטער, די אַר־בעטערין?”

„זאָלן זיי אַ גאַנצע וואָך קיין אויג נישט צוטון, וועל איך נאָר צאָלן איין מאָל אין וואָך און נישט עובר זיין אויף ל א ת ל י ן ”.

„רוען מעגן ווייב און קינד... איך וועל אויך נישט טון די האַנט אין קאַלט וואַסער אַריין... גענוג אַ גאַנצע וואָך זיך אַרומגעיאָגט מיטן סאָנד מיט קאָמאָרניקעס, מיט גאָט ווייסט וואָס!"

„שבת — איז אַ טאָג אויף „קאָפּ־אַרבעט"; איך וועל מיר אָפּסדרן די גאַנצע וואָך: ווי איין און ווי אויס, און וועל שוין פאַרשפּאָרן אַ גאַנצע וואָך צו קלערן; עס וועט גיין אַ גאַנצע וואָך, ווי אויף פּוטער!"

„שבת קומט נאָך צו־נוץ, אַראָפּצונעמען ביי יענעם די שבתניקעס, נאָר דאָס טוט שוין דער קאָמאָרניק אַליין; די פּראָשעניע וועל איך איינגעבן אינמיטן דער וואָך!"

„כבד את אביך ואת אמך"...

„מיטן גרעסטן פאַרגעניגן; דער עָרעמסטער טאַטע קאָן געווינען אויף דער לאָטעריע, געפינען אַ כשרע מציאה און איבערלאָזן ירושה".

„נאָר אַ ק ר אַ נ ק ע ר טאַטע מעג ליגן אין שפּיטאָל און מיר נישט איינרעכטן דעם סאָלאָן; די מאַמע מעג וויינען באַזונדער און שטריקן זאָקן, ליידיק גיין איז גאָר קיין תכלית נישט! ביי זיך האַלטן איז גאָר קיין פּלאַן נישט, שנור־און־שוויגער־שפּיל איז קיין געשעפט, מיטן ווייב זיך גטן, הייסט נישט גאָט"!

„לא תרצח"!

הערט זיך גאָטס קול צווישן דונערן און בליצן, און אונדזער באַלע־באָסל ווערט פאַרציטערט.

„ווער — שרייט ער באַליידיקט — א י ך ? איך — נעמען אַ האַק אין דער האַנט אַריין און אָפּהאַקן עמעצן אַ קאָפּ? אפשר נאָך אַ פּיסטויל? איך וואָלט מיך דען אַליין נישט דערשאָסן פאַר שרעק? מיין באָבע האָט דען געהאַט אַ פּיסטויל אין דער האַנט? וואָס איז, אַ רוימער בין איך? אַ גרעק? ב ל ו ט פאַרגיסן וועל איך? פּולווער וועל איך קויפן? אַ נאַר בין איך, משוגע!"

„וואָס דאַרף איך דאָס? וואָס דאַרף איך מיך שפּילן מיט אַ מעסער — מיין צינגל איז ווייניק? מיט אַ פּראָשעניעלע, ווו־הין מען דאַרף, בין איך נישט יוצא? וואָס? יענעמס בלוט וויל איך זען? זאָל מען אים באַגראָבן מיטן בלוט צוזאַמען; קיין איינציקער טראָפּן זאָל נישט פעלן!"

„האָסט דאָס גאָרנישט געדאַרפט זאָגן, ריבונו־של־עולם!!"

„לא תנאף..."

— „אָבער האַנדלען מיט דער סחורה קאָן איך? שיקן קיין טערקיי, קיין אַרגענטינע און צוריקפירן וואָלט מלשינות און רכילות מעג איך? לא תנאף — זאָגסטו? מהיכא תיתי! א י ך — נישט! איך האָב קיין צייט נישט דערצו, איך בין קיין בעלן נישט דערויף; מיין ווייב און טאָכטער א ו י ך נישט — א וו ד א י נישט, איך וואָלט זיי די קעפּ געשפּאָלטן; נאָר י ע נ ע מ ס ו ו י י ב, י ע נ ע מ ס טאָכטער, ריבונו־של־עולם? זאָל זיך י ע ד ע ר ע ר היטן זיינס!"

„אמת, עס איז אַ שווערע פּרנסה מיט מסירת־נפש, ס כ נ ו ת נ פ ש ו ת מיט אַביסל חילול השם, נאָר אויף דעם איז מען דאָך אין גלות...!"

„לא תגנוב"...

„אויך, ריבונו־של־עולם, געזאָגט, כביכול, אומזיסט. א י ך וועל גנבענען; און דערנאָך? דערנאָך וועט מען מיך איינזעצן... און ווער וועט געבן מיין ווייב און קינדער עסן?"

„זעסטו, ריבונו־של־עולם, ווען אויף אַמאָל אַ צען־טויזנטער... באַ! מיין ווייב וואָלט געלייגט אויף איר נאָמען אַ „זאַלאָג", און אין דער צייט, וואָס איך וואָלט נאָכן ווירּאָק געזעסן, וואָלט זי אַביסל געוווּכערט, ווי אַ יידענע... נאָר דאָס מיינסטו דאָך נישט, פון צען טויזנטער — פון אַ מילתא דלא שכיחא, רעדט מען נישט אויף אַ באַרג סיני!"

„לא תענה ברעך עד שקר"!

„אויסער — חס־ושלום — ווים איך? קענגן אַ שונא!"

„אויסער נאָך פון דיין תורה־וועגן, אַז דער גבאי וועט מיר קיין גוטע עליה נישט געבן... און אפשר — אויסער לשם מיצווה — אַז איך וועל וועלן אַן אַנדער רב, אַן אַנדער שוחט, אָדער מאַכן מיינס אַ קרוב פאַר אַ שיל־קלאַפּער. און נאָך — ריבונו־של־עולם — אויסער די אַלע טויזנטער אופנים, ווען איז עס ג ל אַ ט אַ מ י צ וו ה אַ י י ד צ ו ב אַ ־ ג ר אָ ב ן!"

„לא תחמוד"

— „ריבונו־של־עולם, איך זאָג דיר אָפן, איך וויל נישט — נישט יע־נעמס הויז, נישט יענעמס ווייב, נישט יענעמס פערד און וואָגן"...

„פאַרקערט! איך, ריבונו־של־עולם, פאַרגין אים! איך פאַרגין אים אפילו זיין עשירות!". —

„איך וויל אַ בעסער און אַ גרעסער הויז; אַ פּאַלאַץ קאָן איך אויך פאַרדייען!"

„איך וויל אַ ווייב מיט מער נדן; אַ שיינע יידענע אַלס צולאַג — קאָן אויך נישט שאַטן!"

„איך וויל אויך אַ שענערע קאַרעטע און בעסערע פערד!"

„און דאָס אַלץ וויל איך נ י ש ט פון אַ בשר ודם, נישט צונעמען ביי יענעם — נאָר „מתנת ידך הרחבה והמלאה". פון דיין כשרער האַנט"!

„דו זאָלגסט דאָך „לי הכסף ולי הזהב!"

„און, אז דו, ריבונו־של־עולם, לאָזט נישט אַרויס קיין נייע באַנקאַ־צעטל, אז דו נעמסט נאָר ביי איינעם און גיסט דעם צווייטן — בין א י ך שולדיק?"

„א י ך — דאַרף, מיין ווייב און קינדער — ד אַ ר פ ן ! ה אָ ב ן — מ ו ז איך, מיין דאגה ביי וועמען דו נעמסט?!"

אָט אזוי טייטשט זיך אויס דאָס באַלעבאָסל די עשרת הדיברות.

.1896

וויסן, אידעען און „איזמען"

וויסן איז אײנפאַך ליכט־העלער טאָג.
נאָר דאָס ליכט פילט נישט אויס דעם רוים, דער טאָג — די צייט, דאָס וויסן — דאָס לעבן...

אונדזער גאַנצע וויסנשאַפט איז אַ גראָשנדיק ליכטל אין אַן אומענדלעך פינצטערער הייל...

אין פינצטערע ערטער, אין פינצטערע צייטן לייכטן אונדז אידעאַלן, פינקלען און שימערן אידייען, בליצן „איזמען" און שלאָג־ווערטער.

אידעאַלן זענען ליכטיקע, הויכע שטערן אין די ווייטע ברייטע הימלען.
דערווייל, ווייניקסטנס, נישט צום דערגרייכן, נישט צום דערלאַנגען.
און דאָס מערסט איז מען פון זיי נישט צופרידן:
— איך קאָן זיי נישט אָנטאַפּן! — קלאָגט זיך דער בלינדער.
— נישט צום איינבייסן! — בייזערט זיך דער הונגעריקער.
— וואָס פאַר אַ טעם האָט עס? — פרעגט דער פיינשמעקער, דער בייכיקער באַלעבאָס.
— מען זאָל זיי ווייניקסטנס קאָנען אָפּרייסן און באַנוצן אַלס קאָטיליאָן־שטערן אין קאַרנאַוואַל! — זאָגט זיין זון, דער טענצער, און דער יונגערער זון, דער פּעסימיסט, וואָס איז שוין געבוירן מיט צעקנוידערטע נערוון און אַ מאָגן־קאַטאַר, שמייכלט זויער:
— צי פאַרמאָגט נישט דאָס זעלבע יעדער גלי־וואָרעם? צי בליצט נישט איבער יעדן זומפּ, איבער יעדן געמויזעכץ?
און אויך דער פּראָפעסאָר פון מאַטעמאַטיק וויל בעסער זיין נאַכט־לעמפּל, וואָס באַלייכט אים זיינע ד' אמות פון „צוויי און צוויי איז פיר"...
נאָר די פירער פון קאַראַוואַנען אין זאַמדיקן סטעפּ, פון שיפן אין אָקעאַנען מיט באַהאַלטענע פעלדזן און ריפן, ווייסן, וואָס שטערן, וואָס אידעאַלן זענען.

אויפן שוויים־און־בלוט־פארגאסענעם פעלד צווישן מערב און מיזרח שפראָצן בלומען־אידייען... זיי שפּראָצן, בליען, וואקסן, לעבן, בלייבן שטיין, פארלירן סעקונדעסווייז דעם גלאנץ מיטן זאפט; זיי וועלקן, פאר־שטויבן און פארשווינדן...

נישט וואָר און נישט פאַלש זענען אידייען, נאָר פריש און אַלט, בלי־ענדיק אָדער פאַרוועלקט.

אַז מען טראָגט אייך צו אַן אידייע, בויגט צו די נאָז: פרישע נעמט און שטעקט אייך אויף דער ברוסט, אַלטע — ווארפט ארויס. ווער עס איז ווייכהאַרציק, זאָל דערביי לאָזן אַ טרער.

מיינט אָבער נישט, אַז די פרישע אידייע איז וו אָ ר , אַז זי איז דער אָפּגלאַנץ פון דער מאָרגנדיקער זון...

נאָר פאַר אַלטע אידייען — היט אייך!

אויב עס געפעלט אייך נישט דער היינטיקער טאָג, האָט איר רעכט: ער זאָל זיין דער בעסטער, וואָלט ער אויך דער לעצטער געווען — האָפּט איר אויף מאָרגן, ווייל אייך: עפּעס אינעווייניק זאָגט אייך, אַז איר האָט נאָך וואָס צו דערלעבן, נאָר זוכט נישט זיין בילד אין דעם נעכטיקן טאָג, מאָלט אייך נישט דעם „שפּעטער" מיט די שוויים־בלוטיקע פארבן פון דער פארגאַנגענהייט; הייבט נישט אויף קיין אַלטן לאָפּן מיסט פאַר אַ הייליקע פאָן און זוכט נישט קיין בלומען אויפן בית־הקברות...

ווילט איר בלומען, זוכט אייך פרישע.

טייערע שטיינער זענען „איזמען", דאָס זענען ליכט־פענגער, ליכט־שוואָמען. נאָר דאָס, וואָס זיי שלינגען איין, גיבן זיי נישט ארויס צוריק; דערצו ווערט נאָך דער שטראַל אין די שטיינער פארשידנאַרטיק געבראָכן.

דערפון קומט דער פלעמיק־פינקלדיקער גלאַנץ, וואָס טרייסט אונדזער אויג אין דער פינצטער, וואָס דערמאָנט אָן פארלוירענעם און צוריק־געהאָפטן טאָג, ב אַ ג נ י ג ן זיך מיט דעם ליכט קאָנען אָבער נאָר קינדער, ווייבער און ליידיק־גייער...

ביים פיינסטן ברילִיאַנט קאָן מען קיין בוך נישט לעזן, קיין בריוו שרייבן, קיין אַרבעט פאַריכטן, — דערצו דאַרף מען דעם טאָג מיט זיין איינפאַכן ליכט.

עטרת יתומים אין וואַרשע

פ ע ר ז אָ נ ע ן :

א ב אַ ל ע ב אַ ט י ש ע ר מ ע נ ט ש — האַלב דייטש געקליידעט. די אויגן דערמאָנען אָן קעלבערנס, דאָס בייכל — אָן קאַרלסבאַד, זיצט ביי זויער־מילך מיט שוואַרץ־ברויט. קוקט אויף ביידע, ווי אַ קינד אויף אַ רפואה, און פאַרקרימט זיך ביי יעדן ביסן.

א ח ב ר ה ־ מ אַ ן — איינער פון די געפערלעכע מענטשן, וואָס צאַפּן געלט פון דער וואַנט — פאַר יתומים, אלמנות, תלמוד־תורהס, נשרפים, אָפּגעפּאַלענע מישפּחות וכדומה.

ס צ ע נ ע : ביי דער מלעטשאַרניע אין קראַשינסקיס גאָרטן.

דער באַלעבאַטישער מענטש — דערזעענדיק, אַז דער חברה־מאַן קומט צו, פאַרקרימט זיך, פּרוּווט אויסדרייען דאָס בענקל, דער חברה־מאַן האָט א י ם אָבער שוין דערזען.

ב אַ ל ע ב אָ ס : (צו זיך) ווו מען זייט נישט!...

ח ב ר ה ־ מ אַ ן : (צו זיך). ר'דאָ, דער פויגל. (הויך) מאָיען!

ב אַ ל ע ב אָ ס : (זויער). מאָיען! (רוקט אָפּ דאָס נישט־דערע־סענע, וויל קלינגען און באַצאָלן).

ח ב ר ה ־ מ אַ ן : (נעמט אים איילִיק דעם לעפל פון האַנט אַרויס. קלינגט, צום באַלעבאָס). איך וויל אייך ווייזן א שיינע זאַך. איילט נישט! (צום אריינקומענדיקן מילך־מיידל) זויער־מילך און ברויט!

ב אַ ל ע ב אָ ס : (צו זיך). אריינגעפאַלן!

ח ב ר ה ־ מ אַ ן : זעט! (דערלאַנגט אים אַ פּעקל פאָטאָגראַפיעס).

ב אַ ל ע ב אָ ס : פאָסט־קאַרטן־בילדער? הכנסה אויפן נאַציאָנאַל־פאָנד? שוין געקויפט — עטלעכע זעכציק שטיק... וואָס זאָג איך, עטלעכע זעכציק — איבער הונדערט! א חוץ אַזוי מאַרקן!

ח ב ר ה ־ מ אַ ן : (מיט אַ נישט גלויביקן שמייכל). זייער פיין פון

אייער זייט! (ערנסט) דאָך קוקט, עס איז גאָר עפּעס אנדערש. פאַר קוקן צאָלט מען נישט!

באַלעבאָס: (נעמט אומגערן, באַקוקט, פאַראינטערעסירט זיך). דאָס פאָטאָגראַפירט די פּאָליציי?

חברה־מאַן: פּאַרוואָס גראָד די פּאָליציי?

באַלעבאָס: וואָס איז, איך קען נישט דעם עולם? פון פּאַ־טשעיאָוו, פון די האַלן, ווו נאָר מען שטופּט זיך! אָט דעם בחור (ער ווייזט אויף דער פאָטאָגראַפיע) קען איך! אַ שיינער פויגל! מיר אַליין אַריסגע־שלעפּט אַ נאָז־טיכל! אַפילו געכאַפּט ביי דער האַנט, נאָר פּונקט ביי דער לינקער, און מיט דער רעכטער האָט ער דערווייל איבערגעגעבן דאָס טיכל אַ צווייטן... אַן אויסלענדיש טיכל געווען! פאַרפאַלן! געוואָרן פּלוצים אַ געפּייפעריי — האָ, האָ; גאָט געדאַנקט, כ'בין אַנטלאָפן — אַלע, זע איך, אַזוינע בחורים (זיפצט) — אַ חילול־השם!

חברה־מאַן: אוודאי!

באַלעבאָס: עפּעס האָט מען מיר געזאָגט, אַז עס איז פאַראַן אין װאַרשע אַ הױקער, װאָס קלײבט צוזאַמען אַלע יתומים, רחמנא־ליצלן, און נעמט זיי אויף דער לערן... אַ פּאָר טעג לערנט ער די מלאָכה, און דער־נאָך מוז יעדערער יעדן טאָג עפּעס אהיימברענגען — אַנישט, קריגט ער געשלאָגן! אויף די סטאַװקעס, זאָגט מען, װוינט ער... װער עס ברענגט אָבער די פײנסטע גנבה, קריגט לעקעך און בראָנפן! פאַר גאָלדװאַרג צאָלט ער צו עטלעכע גראָשן! (וואַרפט צוריק די פאָטאָגראַפיעס) אַלע אַזוינע פּנימער... דאָס וועט אַמאָל אונטערצינדן, מיט מעסער שטעכן, כ'וויים וואָס.. פון רבינס אוניווערזיטעט!

חברה־מאַן: נאָך מוז איך אייך זאָגן, אַז דער „רבי" באַקומט אַ גרויסע קאָנקורענץ!

באַלעבאָס: מיין כפּרה!

חברה־מאַן: עס איז נישט אייער כפּרה! (דערלאַנגט אים אַ צווייט פּעקל פאָטאָגראַפיעס).

באַלעבאָס: שוין דערוואַקסענע גנבים און גזלנים?

חברה־מאַן: זעט.

באַלעבאָס: (באַקוקט). אויך יינגלעך — דאַכט זיך, די איי־גענע גאָר, יאָ?

חברה־מאַן: יאָ.

באַלעבאָס: נאָר עפּעס אנדערש געקליידט?

ח ב ר ה־מ אַ ן: כּמעט אָרנטלעך. טייל זאַכן זענען אַפילו אַלטע, גאָר איבערגעמאַכט!

ב אַ ל ע ב אָ ס: עפּעס זענען זיי זאַטער אויס...

ח ב ר ה־מ אַ ן: זיי קריגן צו עסן און צו טרינקען!

ב אַ ל ע ב אָ ס: אויף וואָס שטודירן זיי?

ח ב ר ה־מ אַ ן: אויף בעל־מלאָכות!

ב אַ ל ע ב אָ ס: איר מאַכט חוזק?

ח ב ר ה־מ אַ ן: חס־ושלום! דעם „רבינס" קאָנקורענט איז א חברה.

ב אַ ל ע ב אָ ס: — א חברה?

ח ב ר ה־מ אַ ן: יאָ — „עזרת־יתומים" הייסט זי.

ב אַ ל ע ב אָ ס: אָ! עפּעס געהערט!

ח ב ר ה־מ אַ ן: איך קאָן אייך געבן עטלעכע דאַטן! די חברה האָט ביז היינט אָפּגעגעבן קינדער (נעמט ארויס א צעטל און לעזט) איינאונצוואַנציק צו קאַמאַשן־מאַכער, ניין צו שוסטער, ניינצן צו שניידער, עלף צו שאַכטל־מאַכער, דרייאונצוואַנציק צו טישלער, אכט צו איינבינדער, פינף צו גאָלדשמידן, ניין צו היטלמאַכער, פינף צו האַנטשו־מאַכער, צוויי צו מעכאַניקער, ניינאונצוואַנציק האָט די חברה אריינגעגעבן אין פאַבריקן!

ב אַ ל ע ב אָ ס: (אַביסל אומגעדולדיק) ובסך־הכל?

ח ב ר ה־מ אַ ן (געלאַסן): לייכט צו באַרעכענען: הונדערט איין־און־פערציק יינגלעך! דערווייל!...

ב אַ ל ע ב אָ ס (וויל אומצופרידן זיין). אַלץ יינגלעך און יינגלעך! ווייל ס'איז דאָ אַזויפיל תלמוד־תורהס, שולן פאַר בעל־מלאָכות... נאָך א חברה! מ י י ד ל ע ך יתומות, וואָס זאָלן טון?

ח ב ר ה־מ אַ ן: מען פאַרזאָרגט מיידלעך אויך. נאָר ווייניק. עס פעלט געלט!

ב אַ ל ע ב אָ ס: אַזוי... (וויל קלינגען)

ח ב ר ה־מ אַ ן (נעמט אים ווייטער דעם לעפל פון האַנט ארויס): וואָס איילט איר? מען וועט מיר ברענגען, וועט איר צאָלן...

ב אַ ל ע ב אָ ס (פאַרלעגן): איך איַיל מיך!

ח ב ר ה־מ אַ ן: יאָ, ביי וואָס האַלט איך? אהאָ! פאַר א צייט איז צו אונדז געקומען א יונגע דאַמע —

ב אַ ל ע ב אָ ס (פאַרטראַכט) א יונגע דאַמע — —

ח ב ר ה־מ אַ ן: א יונגע דאַמע, פיין געקליידט, גאָר פיין... פאַרפומירט, אז עס האָט אין אַלע שטובן געשמעקט...

באלעבאָס: און וואָס האָט געוואָלט די דאַמע, א גרויסע נדבה געבן?

חברה־מאַן: פארקערט. זי האָט מיטגעפירט א מיידעלע פון א יאָר צוועלף, „אָדער — זאָגט זי — נעמט זי דאָ ביי מיר צו, אנישט וועט זי זיין ווי איך...״

באלעבאָס: אהא! פון יענע ליִיט! א נאַכט־פויגל?

חברה־מאַן: א נאַכט־פויגל —

באלעבאָס: איר האָט צוגענומען דאָס מיידל?

חברה־מאַן: מען האָט געמוזט, נאָר עס פעלט געלט! אינגאַנצן טויזנט צוויי הונדערט און פופציק מיטגלידער —

באלעבאָס: וואָס צאָלן?

חברה־מאַן: פון דריי ביז צוועלף רובל א יאָר! זעלטן איינער פינפאונצוואנציק, גאָר זעלטן זעקסאונצוואנציק...

באלעבאָס: שיין געלט!

חברה־מאַן: אויף ציגאַרן גיט מען אוים מער!

באלעבאָס: איך נישט, איך רייכער נישט...

חברה־מאַן: איז אוודאי גוט...

באלעבאָס: וואָס איז די גוטקייט? מוז מען פאָרן קיין קיסינגען!

חברה־מאַן: אז מען קאָן, פארוואָס נישט!

באלעבאָס: מען מוז — א מענטש איז געפערלעך!

חברה־מאַן (מיט א שמייכל): מען זאָגט, אז צדקה איז אויך א רפואה — פארשרייבט אייך.

באלעבאָס: לייכט צו זאָגן — אזויפיל אָרעמע קרובים אויפן קאָפ.

חברה־מאַן: גוט מען האָט א קאָפּ! און א קעשענע דערצו. פארשרייבט אייך.

(דאָס מילך־מיידל ברענגט דעם חברה־מאַן עסן)

(דער באַלעבאָס פארהאַלט זי און צאָלט, שטעלט זיך אויף)

באלעבאָס: אדיע! (ציט אוים די האַנט).

חברה־מאַן (ציט זיינע צוריק): מען האָט דאָך גערעדט פון פארשרייבן?

באלעבאָס: מהיכי־תיתי... מהיכי־תיתי... נאָר אצינד אייל איך

מיך! איר האָט דאָך אוודאי א לאָקאל, א קאנצעלאריע, כ'וועל קומען, אוודאי קומען... אדיע! (רוקט זיך אָפּ אָן די האנט־געבן).

חברה־מאן: איר ווייסט דאָך נישט דעם אדרעס.

באלעבאָס: (פון ווייטן) געוואָר ווערן, געוואָר ווערן!

חברה־מאן (שרייט אים נאָך) קאַרמעליצקע זיבנאונצוואנציק! (צו זיך): דער כלב! (נעמט זיך צו עסן, נאָכן דריטן לעפל) והוה דן את כל אָדם לכף זכות — אפשר א קבצן!

.1902

קענז האקאטאַ

די סצענע שטעלט פאָר אַ באַנק אין זאַקסישן גאָרטן, וועלכע איר ווילט.

זי — מיט אַ פּנים פון אַ חצי־זכרטע, זיצט אַביסל פּאָרטראַכט און אפשר נישט.

ע ר — אַ שפּיציקער יונגערמאַן; אַ שפּיציקער הוט, אַ שפּיציקע נאָז, צוויי פליענדיקע קראַוואַט־שפּיצן, צוויי איבערגעבויגענע קאַמאַשן־שפּיצן וכדומה. מן־הסתם האָט ער שפּיציקע אויגן אויך. נאָר דער פון פאָרנט פארשפּיצטער ראַנד פון שפּיציקן הוט פאַרשטעלט זיי. ער גייט איבער דער אַליי, דערזעט זי, פאַרקרומט זיך, וויל זיך מאַכן כלא־ידעה און פאַרבייגיין — עס איז אָבער שוין צו שפּעט.

ז י (האָט אים שוין באַמערקט, רופט אים צו מיט אַ שמייכל, וואָס וויל און דאַרף זיין זיס און קומט אַרויס זויערלעך). אַ... הער! (זי רופט אים ביים נאָמען; עס קומט אָבער אַנגעבלאָזן אַ ווינטל, רייסט איר דעם נאָמען פון די דינע ליפּן אַראָפּ און שליידערט אים ארויף אויף אַ בוים — עס ווערט א שטיקל געראַדער צווישן די פייגעלעך — נאָר דאָס געהערט שוין נישט צו דער סצענע).

ע ר (מיט אַ פערטל געגעץ) אַ... מאַדמואַזעל... (ער רופט זי אויך אָן ביים נאָמען; עס בלאָזט ווייטער אָן א ווינטל, כאַפּט דעם נאָמען און פאַרוואַרפט אים צווישן די בלומען... די לעזער, כאָטש זיי שפּילן נישט מיט, מעגן, פאַרלירנדיק ביידע נעמען, גאַנץ דרייסט — אָפּזיפצן).

ז י : זעצט אייך...

ע ר : דאַנקע! (זעצט זיך). א שיין וועטער...

ז י (באליידיקט, אַז מען הייבט אָן מיט איר שמועסן פון וועטער): דומהייטן; האָט איר שוין געלעזן...?

ע ר : וואָס?

ז י : נו — דאָס נייעסטע נייעס... גאַנץ ווארשע רוישט...

ע ר : געבוירן געוואָרן אַן אינדיק מיט צוויי, דריי קעפּ און אפשר גאָר אָן א קאָפּ? אפשר האָט זיך באַוויזן א דיבוק אין פּראַגע?

ז י : פון לי־טע־ראַ־טור רעד איך...

ע ר : פון א ליטעראַרישן אינדיק?

ז י : אַך, וואָ! פון דר. רונדשטיינס...

ע ר : זי מיינען דעם דר. רונדשטיין, דעם געוועזענעם ש ט י ל ן ג ר ו י ס־רעדאַקטאָר פון ק ל י י ן־שרייעדיקן ציוניסטיש־גאַליציש־וואָר־שעווער „ווסכוד", וועלכער האָט זיך איבערגעוויקלט צום ריין ו ו א ר־ש ע ו ו ע ר „איזראַעליט", און אינאיינוועגס געשטעלט זיך פאַר אַן אויס־לענדיש־וואַסער־טרעגער אין „פּשעגלאָנד טיגאָדניאָווי"?...

ז י : א באַרימט אַרטיקל! כמעט די גאַנצע פּוילישע פּרעסע האָט עס איבערגעדרוקט!...

ע ר : דאָס מוז שוין זיין א מאכל! דאָס וועט שוין קיין „קויקל" נישט זיין. ניין! אונדזער דר. האָט שוין געמאַכט א ק אַ צ נ ש פּ ר ו נ ג... דאַכט זיך — אַזאַ „נעבעך", און אַז מען דאַרף, שפּרינגט ער, — אויף וועמען איז ער אַרויפגעשפּרונגען?

ז י : אַך, דער טאָן אייערער! דער אייביקער גאַלגן־הומאָר...

ע ר : וועגן וואָס שרייבט ער?

ז י : וועגן פּויזנער יידן...

ע ר : וואָס וויל ער פון זיי? שטילע מענטשן... מען שטופּט זיי, מאַכן זיי שטילערהייט פּליטה קיין בערלין... די קהילות פאַלן אָפּ... נאָר שטיל!

ז י : נישט וועגן דעם רעדט ער... פאַרקערט, ער ערלויבט זיי אפילו צו בלייבן אין פּויזן, און צו זיין, ווי זיי זענען, דייטשן, ע כ ט ע דייטשן!

ע ר : ער, דער ציוניסט — ערלויבט, יידן זאָלן זיין דייטשן?

ז י : ער איז דען נאָך ציוניסט?...

ע ר : קאָן זיין נישט — נאָך א ק ו י ק ל, צי א קאַצנשפּרונג — א יונגער מאַן, פאַרוואָס נישט?!... הכלל — זיי מעגן, זאָגט ער, זיין דייטשן...

ז י : נאָר קיין האַקאַטיסטן נישט!...

ע ר : דומהייטן! וואַסער־געדראָשן! דער שוואַכער ט אָ ר ק יי נ־

מ אָ ל נישט האַלטן מיטן שטאַרקן קעגן שוואַכן!... קינדער אין די וויגן ווייסן עס!

ז י : ער זאָגט: ז יי ז ע נ ע ן (? רעד.)

ע ר : האָט ער פאַקטן?

ז י : אויסטראַכטן וועט ער נישט...

ע ר : קאָן זיין, מוחל! אין אַ גרויסער פאַמיליע טרעפן זיך אידיאָטן אויך! נאָר צי האָט ער באַרעכנט, וואָס עס איז פאַראַן מער: פּוילישע אַריס־טאָקראַטן־פּריצים, וואָס פאַרקויפן זייערע גיטער דער האַקאַטאַ, דייטשן צו באַזעצן, אָדער — יידישע האַקאַטיסטן?

ז י (אָפּגעפּאַלן ביי זיך): ניין... קיין פאַקטן, ביפרט קיין ציפערן, איז אין אַרטיקל נישטאָ!

ע ר : וואָס דען איז דאָ?

ז י : עס איז דאָ געגוג! (מיט שטוינענדיקער וואַרעמקייט) אַ טאָן, אַ סטיל, אַ באַגייסטערונג...

ע ר (אין איר טאָן) היים־פּוילישער פּאַטריאָטיזם פאַר אַנדערט־האַלבן קאָפּיקעס די שורה?

ז י (פאַרוווּנדערט): מער נעמט ער נישט? (דערמאָנט זיך) אַך, שלעכ־טער מענטש! אַלץ אויסגעלאַכט, אַרונטערגעריסן...

ע ר : פאַרקערט — איך האַלט דעם אַרטיקל פאַר זייער נ י צ ל ע ך...

ז י (מיט אַ ביסל ניצחון, דאָך אומרואיק): אַ—האַ!

ע ר : נאַטירלעך — נאָך אַזאַ אַרטיקל איז לייכט צו ווערן פּראָפע־סאָר אין לעמבערג, אין קראָקע... ווילנדיק צי נ י ש ט ו ו י ל נ ד י ק, גייט אַ מענטש אין גלייכן וועג צו דעם, וואָס גוט איז...

ז י : פוי...

ע ר : שלעכט אַדרעסירט, מאַדמואַזעל... שיקט ווייטער!

ז י (טראַכט אַ ווײַלע: י אָ באַליידיקן זיך, נ י ש ט באַליידיקן... וואַרפט אויף אים אַ בליק פון דער זייט; פּלוצלינג לעבהאַפט): אָבער די צווייטע העלפט!...

ע ר : דער אַרטיקל האָט נאָך אַ צווייטע העלפט?!

ז י : געוויס, און אַ זייער ראַדיקאַלע, אָבער גאָר שטאַרק ראַדיקאַל! אַרויסגעטרעטן קעגן קאַפּיטאַליזם...

ע ר : מיטן פינגער אין שטיוול — געשאָקלט?

ז י (אומגעדולדיק): קעגן בורזשואַזיע. (היציק): ער זאָגט, אַז כל־

זמן יידן וועלן דינען צום גאָלדענעם קאַלב, כל־זמן יידן וועלן זיך וואַלגערן אין באַלעבאַטישן רינשטאָק...

ע ר: וועלן זיי זיין אַסימילאַטאָרן...

ז י: אַך, וואָ! האַקאַטיסטן וועלן זיי זיין!

ע ר: קאַפּיטאַליזם — האַקאַטאַ — סיידן צוזאַמענגעבונדן מיט אַ ציצה!

ז י: אַך, גאָר חוזק געמאַכט... די צווייטע העלפט איז זייער שטאַרק! און רירנד אויך! ער פאַרופט זיך אַפילו אויף יידישע געבעטן...

ע ר: אויפן סידורל זיך געשטעלט?! אָ! נאָך אַ שטאַרקער קויקל!...

ז י: יידן, זאָגט ער, בעטן אויף שלום; אויף שלום צווישן מענטשן און פעלקער... זיי בעטן, עס זאָל אויפהערן קריג, פאַרשווינדן קינאה־שינאה... זיי — טאָרן נישט זיין קיין האַקאַטיסטן...

ע ר: ריכטיק, מאַדמואַזעל... קיין האַקאַטיסטן טאָרן זיי זיכער נישט זיין... נאָר וועגן אַרטיקל אַליין, זעט איר, האָב איך אַ טעות געהאַט; עס איז גאָר אינגאַנצן אומניצלעך! אַ ברכה לבטלה: אומזיסט, הייסט עס, זיך אין טאַטן אריין געשאָלטן!

ז י: וואָס ווייטער?

ע ר: זעען זי — די פּויזנער יידן, וואָס זענען, און מעגן, לויט דר. רונדשטיינס אַרטיקל, זיין דייטשן, זאָגאַר עכטע דייטשן, לעזן דעם פּוילישן „איזראַעליט" נישט... פאַר זיי איז עס פאַרלוירענע שטראָף־רייד... און קיין פּראָפעסאָר אין לעמבערג צי אין קראָקע וועט דר. רונדשטיין וועגן דער צווייטער העלפט אַרטיקל נישט ווערן... דער פּאַטריאָטיזם פון דער ערשטער העלפט, זעט איר, איז גוט, זייער גוט! דאָס האָט מען ליב... ביי אַן אָרעמען פאָלק, ווי מיר אָדער די פּאָליאַקן זענען, איז פּאַטריאָ־טיזם אַ גאַנגבאַרע מטבע... אַפילו געמאַכטער — אַלץ בעסער ווי גאָרנישט. אָבער די צווייטע העלפט — אַנטיקאַפּיטאַליזם, נייע אידעען מאַכן אַלץ צו שאַנדן! דאָס איז שוין סם... אַ טריפות פאַר גאַליציען — ניין, ער וועט קיין פּראָפעסאָר נישט זיין... אויסער...

ז י (האַלב פאַראינטערעסירט, האַלב באַליידיקט): אויסער וואָס?

ע ר: אויסער, אַז ער וועט די צווייטע העלפט אָפּרופן... אַ יונגער מאַן — וועט ער מאַכן נאָך אַ קויקל... נאָך אַ קאַצנשפּרונג... וועט ער אפשר בלייבן אויף די פיס!...

ז י (כמעט מיט אָפּשיי): זי, שלעכטער מענטש... נאָר מיט גאַל, נאָר מיט גאַל געשפּיגן!

ע ר (מיט א האלבן גענעץ) באַ! א גאַל האָט מען, שפּייען גאַנץ אָפּט מוז מען! אדיע!

ז י (קאַלט) אדיע... (בלייבט זיצן).

ע ר (גייט ווייטער, גייענדיק פייפט ער אַ גריכיש לידל):

פּענעלאָפּאַ, די עגונה,
ארבעט האָט זי פולע הענט...
שפּינען, שפּינט זי גאַנצע טעג —
און ביינאַכט ווערט אויפגעטרענט...
פּענעלאָפּאַ, די עגונה...

(עס יאָגט אָן אַ ווינטל, צעיאָגט דאָס פייפן איבערן גאַנצן זאַקסישן גאָרטן)

1902

פּאָלעמיק

(דר. רונדשטיין אַלס ציוניסטן־קריטיקער)

1

דער רעדאַקטאָר פֿון וואַרשעווער „איזראַעליט" האָט איבערגעהאַקט זיין גאַנג אַרטיקלען איבערן ציוניזם, ווען דער מינסקער פֿאַר־זאַמלונג און האָט אַרויפגעלאָזט אויף דער בימה דעם דר. רונדשטיין, דעם באַרימטן דערפינדער פון יידישער „האַקאַטע" אין פּויזן, און געגעבן אים דאָס וואָרט, ער זאָל באַטראַכטן די י ד י ש ע פּאָלקס־באַוועגונג פון סאָציאַל־עקאָנאָמישן שטאַנדפּונקט!

און דר. רונדשטיין, וואָס האָט געשטעלט איין פוס אויף די פּויזנער יידנס קעפּ, שטעלט אַצינד דעם צווייטן פוס אויפן ציוניזם און בלייבט אַליין הענגען אין דער לופט, מילחמה צו האלטן, ווי ער זאָגט, מיט די מליצהדיקע לופט־שלעסער פון א י צ ט י ק ן ציוניזם!

לויט דר. רונדשטיינס מיינונג, מוז יעדע פּאַרטיי געגרינדעט ווערן אויף אַן עקאָנאָמישן פּראָגראַם. אַלץ מוז געבויט ווערן אויף א ווירטשאַפט־לעכן יסוד, און דאָס, צו זיין באַדויערן, טוט דער ציוניזם נ י ש ט.

די עקאָנאָמישע פראַגן ווערן אַוועקגעלייגט אַן א זייט, פון קעגנ־וואָרטס־פּראָגראַם ווערט גאָרנישט, אָדער ו ו י י נ י ק גערעדט און ש ל ע כ ט גערעדט. דער לאָנדאָנער קאָנגרעס האָט אַפילו אויפגעשטעלט „א מין פּראָגראַם פאר די קעגנוואָרט", נאָר „דעם ווירטשאַפטלעכן פּראָ־גראַם האָבן געמאַכט אינזשעניערן אָדער דאָקטוירים", מען האָט זיך אַפילו נישט קלאָר געמאַכט די ת נ אָ י ם, ביי וועלכע דאָס א ו י ס פ י ר ן פון דעם כלומרשט ווירטשאַפטלעכן פּראָגראַם וואָלט מעגלעך געווען.

מען האָט גערעדט פון חברות פאר לעבנסמיטל און אויסאַרבעטן און דר. רונדשטיין אַנטדעקט צום פּופּצנטן מאָל אַמעריקע, אַז ווען דער ציוניזם זאָל אויף דעם אופן אָרגאַניזירן די יידישע אַרבעטס־קראַפט, וואָלט

ער באַלד פאַרלוירן אַלע קליינהענדלער און קרעמער, ביי וועמען ער וואָלט צוגענומען די פּרנסה... און מיינט, דאָס דערמיט שלאָגט ער נישט זיך און זיין פאַרלאַנגען, אַז דער ציוניזם זאָל בויען אויף עקאָנאָמיע.

אין דער אסיפה אין מינסק איז יאָ געווען אַן עקאָנאָמישער רעפעראַט פון אַן עקאָנאָמישן ספּעציאַליסט, דר. גורעוויטש. נאָר דער פאַקט שטעלט דעם דר. רונדשטיין נישט צופרידן. ערשטנס, האָט די פאַרזאַמלונג אויס־געהערט דעם רעפעראַט גאַנץ קאַלטבלוטיק, כמעט פאַרשלאָפן, בשעת די קולטור־פראַגע האָט „ארויסגערופן מינוטן, מיט וועלכע דער ווינער פאַרלאַ־מענט וואָלט זיך נישט געשעמט"(?).

צווייטנס רעכנט דר. רונדשטיין דעם רעפעראַט אַליין פאַר ג אָ ר נ י ש ט אָדער כ מ ע ט גאָרנישט.

דעם דר. גורעוויטשס מיינונג, אַז „ביי יידן שיידן זיך די קלאַסן שאַרף נישט אָפּ, ווייל מען פאַלט גלייך אַראָפּ צום לומפּנפּראָלעטאַריאַט", איז נישט אמת (און אַז דר. רונדשטיין זאָגט, איז געגנוג!). די פראַגע: „מען דאַרף מאַטעריאַליזירן דעם יידישן גייסט" איז נאָך קיין ווויסנשאַפטלעך פּראָגראַם נישט, און „די פּראַקטישע פאַרשלאַגן, וואָס דר. גורעוויטש האָט געמאַכט, זענען חלומות", נישט צום אויספירן. די אַרטעלן און שותפות־חברות זענען נאָך נישט דאָס וואָרט פון דער וויסנשאַפט.

קורץ און שאַרף!

פון וואַנען נעמט זיך עס? עס קומט, — מיינט דר. רונדשטיין, — דערפון, וואָס „די ציוניסטישע אַרכיטעקטן זאָרגן מער פאַר די דאַך־שפּיצן, וואָס דינען מער צו אַן אילומינאַציע פון מליצות, איידער פאַר די פונדאַ־מענטן פון דעם גאַנצן געבוי".

און אַזוי בויען טאָר מען נישט. „אַ געבוי אָן פונדאַמענטן צעפאַלט זיך, ווי אַ קאָרטן־שטיבל ביים ערשטן בלאָז".

און דער פונדאַמענט מוז זיין אַ ווירטשאַפטלעכעס קעגנוואַרטס־פּראָ־גראַם, ווייל „אַ סאָציאַלע פּאַרטיי" („סאָציאַלע" איז שטילערהייט אריינגע־גנבעט), וואָס וויל אויספירן אירע אידעאַלן אין דער צוקונפט, מוז לייגן איר זאָמען אין דעם נייאַנד (?) פון דער קעגנוואַרט". „לופט־שלעסער און חלומות זענען שלעכטע פונדאַמענטן פאַר אַ געבוי, וואָס זאָל אַרויפשיסן צום הימל מיט מיסטישע (?) בלומען־בעכער!"

די משלים פון בויען און זייען מישן זיך אַפילו צופיל אויס. כמעט אין יעדן זאַץ ווערט געבויט און געזייט, נאָר נישט וועגן סטיליסטישע פע־לער גייט עס.

דר. רונדשטיין האָט אריינגערוקט נאָר א קליין וואָרט „סאָציאַלע“ — א קליין שטענדעלע, וואָס דער לעזער קאָן לייכט נישט באַמערקן און שטרויכלען דעריבער, און פאַלן דעם הויך־פילאָזאָפישן קריטיקער אין שוים אריין...

דער ציוניזם וויל און מוז זיין א יידיש־פּאָליטישע פאָלקס־באַוועגונג. דר. רונדשטיין מאַכט פון אים כלאחר־יד א סאָציאַלע באַוועגונג, וואָס מוז ווירקלעך געבויט ווערן אויף א געוויסן ווירטשאַפטלעכן פּראָגראַם און מוז ווירקלעך „אָנגעהויבן ווערן אונטן, ביים פונדאַמענט“.

„די נידעריקסטע פאַכן פון לעבן מוז מען באַלייכטן; די קרעפטן, וואָס אַרבעטן און שאַפן, אַנטפּלעקן; קלאָר ווערן וועגן געוועב פון אורזאַכן (סיבות), וואָרום „די ווירקלעכקייט לאַכט פון חלומות און פאַנטאַזיעס און זי וואַרפט אַרויס די האַרפע פון פּאָעטס האַנט“.

די ציוניסטן אָבער טוען עס נישט, זיי האָבן קיין פעסטעס ווירטשאַפטלעכעס פּראָגראַם נישט.

„זיי פאַרבלענדן נאָר מיט אַן אילומינאַציע פון מליצות און באַטויבן מיט הויך־קלינגענדיקע, נאָר הוילע ווערטער, ווי: ארץ־ישראל, קאָלאָניאַל־באַנק, קולטור... אָדער באַשעפטיקן זיך מיט „האַלב־מיטל“, מיט וואָרעם וואַסער פאַר בלוטיקע וווּנדן, מיט פלאַסטער פאַר הילצערנע פיס“...

אַזוי רעדט דר. רונדשטיין פון „יעצטיקן“, פון היינטיקן ציוניזם פון באַלעבאַטישן מאָמענט, „ווען די באַוועגונג וויל וויים זיין ווי שניי, און אומשולדיק, ווי א טויב“, און קאָן קיין פרייעס, ערנסטעס וואָרט נישט ליידן!

און געמיינט האָט ער, אַז „יידן, דאָס בארימטע מוח־פאָלק, וועט אָנהייבן די אומאַנדערשונג פון זיין לעבן מיט דער גרויער, וואָכעדיקער, נאָר פונדאַמענטאַלער אַרבעט“ און וועט זיך „צו אַלעם ערשטן נעמען איבעראַנדערשן די עקאָנאָמישע לאַגע“.

און לויט דר. רונדשטיין, וואָלט עס זייער לייכט געווען צו טון.

מען האָט נאָר געדאַרפט — זאָגט ער — אָנעמען איינעם (וועלכן עס איז?) פון די הערשנדע עקאָנאָמישע פּראָגראַמען אָדער באַשאַפן פאַר זיך א נייעם!

פון א קליין, שטילערהייט אריינגענבעט ווערטל: „סאָציאַלע“ באַוועגונג, איז אַרויס א גאַנצער שפּאָגל־נייער חוב! דער ציוניזם איז מחויב צו באַשטעטיקן, וואָס עס איז פאַר א ווירטשאַפטלעכעס פּראָגראַם, אָדער צו שאַפן א נייעם! אַלע ציוניסטן, מיזרחי, פּראַקציאָניסטן, חירות (אויב זי

לעבט נאָך!) און די מיטל־פּאַרטיי, אַלע זאָלן זיך די הענט געבן און אָנ־נעמען!

און באמת באַקומען מיר אַ פונק־נייע מיסיע! עס איז נאָר געזאָגט, אָנגעמען אַ „הערשנדן פּראָגראַם"! די הערשנדע ווירטשאַפטלעכע פּראָגראַ־מען זענען קלאַסן־פּראָגראַמען... און דער ציוניזם, אַלס פאָלקס־פּאַרטיי, קאָן זיך מיט איין קלאַס נישט באַגניגן! ער וואָלט צעגאַנגען, ווי שניי אויף דער זון! אפשר איין פּראַקציע וואָלט געבליבן! אויך נישט די גאַנצע! מוז מען טאַקע באַשאַפן אַ נ י י ע ם פּראָגראַם! און עס וועט זיין דאָס אַכטע וועלט־וואונדער, אַ ווירטשאַפטלעכעס סיסטעם פאַר גרויס־ און קליינ־הענדלער, קאַפּיטאַליסטן, בעלי־מלאָכות, פאַבריק־אַרבעט (אַביסל איז פאַרט פאַראַן), א י ב ע ר אַלע קלאַסן און פאַר אַלע קלאַסן! — פאַר אַ ל ע און מיט ק י י נ ע מ ס שאָדן!

און אויב מען וועט דאָס פּראָגראַם געפינען, וועט שוין די גאַנצע וועלט געניסן! מיר האָבן געהאַט אַ שווערע מיסיע צו פאַרשפּרייטן די אמונה און אחדות הבורא, דר. רונדשטיין זוכט אונדז אַ צווייטע!

און אויב נישט, באַשטייט דר. רונדשטיין, אַז דער ציוניזם זאָל זיך באַגניגן מיט איין קלאַס!... זאָל ער נישט זיין קיין פאָלקס־באַוועגונג! לויט זיין רעצעפּט דאַרפן די ציוניסטן אַרויסטרעטן אַלס סאָציאַל־פּאַרטיי, און באַגליקן מיטן ווירטשאַפטלעכן פּראָגראַם נאָר די „גרויע דערשלאָגענע מאַסע, וואָס ווערט פון היינטיקן, באַלעבאַטישן ציוניזם געטריבן צו דער פינצטערער רעאַקציע!"

וועגן „רעאַקציע" וועלן מיר נאָך רעדן! אַצינד שטעלן מיר נאָר די פראַגע:

ווי וועט אויסזען דר. רונדשטיינס צוקונפטס־ציוניזם פאַר דער גרויער מאַסע אָן ארץ־ישראל, קאָלאָניאַל־באַנק און יידישע קולטור... וואָס וועט אין אים זיין צ י ו נ י ס ט י ש ?!

2

מיר מוזן אָבער דעם דר. רונדשטיין שטעלן נאָך אַ פראַגע: מיט וואָס פאַר אַ מיטל רעכנט ער אויסצופירן דאָס ווירטשאַפטלעכע פּראָגראַם, ווען עס זאָל געגעבן אָדער אָנגענומען ווערן?

ער לאַכט אויס די ציוניסטן, וואָס רעדן זיך איין, אַז די ווירט־שאַפטלעכע פראַגן וועלן פאַרענטפערט ווערן ערשט אין אייגענעם לאַנד,

אין ארץ ישראל, און האָבן — ווי ער זאָגט — פאַרן קעגנוואַרטס־פּראָ־גראַם נאָר האַלבע מיטלען. און דאָך איז גאַנץ לייכט איינצוזען, אַז דאָס פאַרענטפערן מיט יידישן ווילן, מיט יידישער קראַפט, וואָס עס איז פאַר אַ ווירטשאַפטלעכע פראַגע, באַזונדער פאַר יידן אַליין, נישט אַרבעטנדיק פאַר אַלע און גלייך מיט אַלע, איז שוין מער, ווי לופט־שלעסער בויען. דאָס איז איינפאַך טיפּשות! דער ציוניסט האָט אַ לאָגישן אויסוועג: כל־זמן מען איז נישט פריי, קאָן מען זיך אינגאַנצן נישט העלפן, מיט געבונדענע הענט קען מען קוים דעם שטריק אויפן האַלדז לויזער מאַכן, ער זאָל נישט ווערגן! קודם־כל — באַפרייען די הענט! דער אָפּטימיסט גיט נאָך צו: דאָס פאָלק, וואָס האָט אַמאָל געהאַט שבת, שמיטה, יובל און אַנדערע מענטשלעך־איידעלע איינריכטונגען, וועט געוויס גיין אין דעם זעלבן וועג ווייטער ביז צו די העכסטע מדריגות, אָדער: דאָס פאָלק, וואָס האָט אַזוי־פיל געליטן און געהונגערט, וועט וויסן, וואָס ליידן און הונגער איז! דער־ווייל מוז מען אָבער טון, וואָס מען קאָן, און מען מוז זיך באַגניגן מיט האַלב־מיטל, זאָל עס זיין אַ קעגנגעוויכט פאַר אַנטיסעמיטיזם, פאַר באַ־שרענקונגגונגען א. א. וו.... ווער עס וויל אָבער דאָ, באַלד אויף אָן אָרט און שטעל, אינגאַנצן אומאַנדערשן די יידישע לאַגע, מוז עס טון **אויסער האַלב** דעם ציוניזם.

דער ציוניזם, אַלס פאָלקס־, נישט קלאַסן־באַוועגונג, אַלס פּאָליטי־שע, נישט עקאָנאָמישע פּאַרטיי, פאַרייניקט און אַרבעט פאַרן גאַנצן פאָלק; קיינעם נישט אויסגעשלאָסן. די יידישע פאָלקס־פּראַגע און די אַלגעמיינע אַרבעטער־פראַגע שטייען זיך נישט אָקעגן און דעקן זיך נישט. איין פראַ־גע קאָן פאַרענטפערט ווערן אָן דער צווייטער. נאָך מער — די אַרבעטער־פראַגע קאָן פאַרענטפערט ווערן, די יידן קאָן נאָך דערפון ערגער ווערן, אויב צום רעכט אויף אַרבעט — דאָס העכסטע אַרבעטער־פאַרלאַנגען — וועט צוגעגעבן ווערן: אויסער יידן! וועט ערשט פון דער יידן־פראַגע ווערן אַ לעבנס־פראַגע! נישט קיין „נויט", נאָר אַ ברויט־פראַגע! און מערקוויר־דיק! — וואָס פאַר אַלעמען און ביי אַלעמען איז קלאָר און פאַרשטענדיק, ווערט ביי אונדז און בנוגע צו אונדז פאַרקניפּט, פאַרקריפּלט און אויסגע־דרייט נישט צו דערקענען.

צי וואָלט דר. רונדשטיין געראָטן דער פּוילישער פּאָליטישער פאָלקס־באַוועגונג אין פּויזן, אָדער דער רוטענישער אין גאַליציע, זיי זאָלן זיך איבערניצעווען אויף אַ פּאַרטיי מיט אַ ווירטשאַפטלעכן פּראָגראַם? אויף אַן אַלט אָדער אויף אַ ניי באַשאַפענעם?

צי וועט עמעץ פאַרלאַנגען פון די אירלענדער, וואָס באַרען זיך פאַרן פּאָליטישן לעבן קעגן ענגלאַנד, אָדער די אַרמענער, וואָס האָבן די זעלבע נאַציאָנאַל־פּאָליטישע חשבונות מיט טערקיי, — זיי זאָלן זיך איינמאָל פאַר אַלע מאָל ערקלערן פאַר אָדער ק ע ג ן מאַרקס?

צי ווייסט איר נישט, דר. רונדשטיין, אַז די ציוניסטישע, אָדער יידיש־נאַציאָנאַלע אַרבעט וואָלט זיך שוין צו גליקלעך געשעצט זי זאָל ברענגען דאָס יידישע פּאָלק צו דער מדרגה, עס זאָל האָבן זיין אייגענע, באַזונדערע פראַגע פון „מיין" און „דיין", פון „אַרבעט" און „לוין": פאַר זיך אַליין, ביי זיך אין דער האַנט! מען זאָל קענען צוגיין און קלערן איבער איר מיטן אייגענעם פרייען ווילן?

צי ווייסט ער נישט, אַז נישט נאָר גאַנצע פּראָגראַמען זענען אַצינד נישט צום אויספירן פאַר און דורך יידן באַזונדער, נאָר אַז אפילו די קלענסטע תיקונים, — איך וויל שוין נישט באַנוצן דאָס קלינגענדיקע וואָרט „רעפאָרמען", — קליינע פאַרבעסערונגען, וואָס ליגן הארט ביי דער גרעניץ פון צדקה, מיצוות ומעשים טובים, באַ! אַז אפילו צדקה, מיצוות ומעשים־טובים אַליין זענען ביי אונדז נישט אין דער האַנט?

און ווייסט דר. רונדשטיין פון אַן א ו י ס פ י ר ל ע כ ן קעגנ־ווארטס־פּראָגראַם אויף א צ י נ ד, אויף שוין, — וואָס שווייגט ער? פאַרוואָס וואַרט ער, די ציוניסטן זאָלן עס אויפסניי ערפינדן?

3

דאָס לעבן איז א י י ן לעבן, און פאַרשידענע לעבנס־פראַגן באַרירן נאָר פאַרשידענע פּונקטן פון לעבן. ווי די פראַגן, אַזוי די פּאַרטייען! די פּאַרטייען באַשעפטיקן זיך מיט פאַרשידענע פראַגן, און באַרירן זיך, גלייך מיט זיי, אַרום און אַרום אויף אַלע גרענעצן. „באַרירן" איז אָבער נישט „דעקן". צוויי פראַגן, וואָס דעקן זיך, אָדער וואָס וואַרטן אויף איין ענטפער, זענען נאָר א י י ן פראַגע, נישט צוויי! צוויי פּאַרטייען, וואָס זוכן דעם זעלבן צוועק און ווילן אים דערגרייכן מיט די זעלבע מיטל, זענען נישט קיין צוויי, נאָר א י י ן פּאַרטיי! אַזוי אויך דער ציוניזם. אַלס יידישע באַוועגונג, וואָס באַהאַנדלט די וודישע לעבנס־פראַגע, באַרירט ער און איז, צו אַלעם ערשטן, אַפּהענגיק פון דער אַלגעמיינער לעבנס־פראַגע (דער פּונקט, וואָס איז ליידער זייער ווייניק באַשפּראָכן!) און באַרירט נאָך אויסער דעם אַלערליי נעבן־ און הילפס־פראַגן, ווי קולטור, גלויבן, היגיענע, ווירטשאַפט, קונסט א. ד. גל.

א ציוניסט קאָן זיך באַשעפטיקן מיט דער קאָרסעטן־פראַגע, צו־ליב דעם געזונט פון יידישע פרויען.. און דאָך איז דער ציוניזם קיין קול־טור־פראַגע, קיין רעליגיע־זאַך, קיין ווירטשאַפטס־פּראָגראַם, קיין קונסט, פּונקט ווי ער איז קיין קאָרסעט־ און קיין אַנטיקאָרסעט־פראַגע... ווייל פראַגן, וואָס באַרירן זיך, צי זיי ווירקן קעגנזייטיק אויף זיך, מער אָדער ווייניק, גלייך צי קאַפּויר — דעקן זיך נישט! און דער ציוניזם, ווי ער זאָל נישט פילן די באַרירונג מיט דער ווירטשאַפטלעכער פראַגע, קאָן נישט נעמען אויף זיך צו היילן די סאָציאַלע ווונדן, פאַרקערט — יעדער ענט־פער אויף יעדער ווירטשאַפטלעכער פראַגע מוז צעשלאָגן די ציוניסטישע פּאַרטיי און אַרויסוואַרפן פון דער פאָלקס־באַוועגונג ד י ק ל א ס ן, וועלכע דער ענטפער וועט שעדיקן צוליב אַנדערע! קיין ר א ד י ק א ל ע ר גאַנצער ענטפער קאָן עס שוין געוויס נישט זיין!

עס איז פאַרשטענדלעך, אַז דער פּאָליטישער ציוניזם, וואָס וויל און מוז זאַמלען די מיטלען אויף אויספירן זיין לעצטן צוועק ביים גאַנצן פאָלק און מוז זיך דעריבער אָרגאַניזירן איבעראַל, בשעת דאָס אויספירן אַליין מוז ליגן אין די הענט פון איינצלנע מענטשן און אויף א געוויסן פּלאַץ, — אַז זייענדיק אין אַזא לאַגע, מוז דער פּאָליטישער ציוניזם געבן יעדן קעמערל פון צעשפּרייטן אָרגאַניזם, יעדן רעדל אין דער צעוואָרפענער מאַשין עפּעס צו טון, און זעט, ווי „רעדער" און „רעדלעך" פאַרנעמען זיך מיט נאָענט־ליגנדיקע הילפס־פראַגן, ווי יידישע קולטור, יידישע קונסט, אָרגאַניזאַציע פון יידישע אַרבעטער וכדומה... אַנישט וואָלטן די „קע־מערלעך" פאַרשטאַרט און אָפּגעשטאָרבן, די רעדלעך זיך צעלאָפן, און דער „קאָפּ" אין ווין וואָלט קיין הענט און פיס און וועמען צו באַפעלן נישט געהאַט! אויך איז זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז וואָס ווייטער די הילפס־פראַגן ליגן פון מיטלפּונקט (פון באַזעלער פּראָגראַם), וואָס ווייניקער די פראַגן, פאַר וועלכע די פּאַרטיי־מענער אַגיטירן אין ציוניסטישע גרויסע פאַרזאַמלונגען, ב א ר י ר ן דעם א י י ג נ ט ל ע כ ן ציוניזם, וועט אַלץ ווייניקער איינהייט זיין צווישן די פאַרזאַמלטע, און וואָס שאַר־פער עס וועט זיין דער אונטערשיד, אַלץ פלאַכער און מיטלמעסיקער וועט אַרויס די החלטה... נאָר דערמיט מוז מען זיך באַגניגן! עס ק אָ ן אַנ־דערש נישט זיין.

דאָס האָבן מיר געזען אויף אַלע קאָנגרעסן בנוגע צו קולטור, און דאָס זעלבע זעען מיר אויך איצט בנוגע צום ווירטשאַפטלעכן פּראָגראַם. ווי באַלערנט עס איז נישט געווען דר. גורעוויטשעס פאָרטראַג אויף דער

מינסקער אסיפה, זענען אַלע זיינע פּראַקטישע עצות נישט מער געווען, ווי באַלעבאַטישע האלב־מיטלען...

נאָר פון דאַנען איז נאָך נישט געדרונגען, ווי דר. רונדשטיין וויל, אַז דער ציוניזם מוז זיך בויען אויף א פּ ע ס ט ן ווירטשאַפטלעכן סיס־טעם; פאַרקערט, געדרונגען איז, אַז דער ציוניזם, וואָס וויל און מוז זיין א פאָלקס־באַוועגונג, טאָר נישט בויען אויף א ווירטשאַפטלעכן סיסטעם, וואָס קאָן העלפן נאָר איין קלאַס מיטן שאָדן (ווען אפילו מיטן ערלעכסטן) פון אַנדערע!

די ציוניסטישע פּאַרטיי, אַלס יידישע פאָלקס־פּאַרטיי, מוז זיך שטעלן א י ב ע ר די יידישע קלאַסן, ווי שאַרף זיי זאָלן זיך נישט אָפּשיידן און ווידערשפּענסטיק עס זאָלן נישט זיין זייערע אינטערעסן! דער ציוניזם האָט נישט דאָס רעכט צו פּאַרווערן זיינע מיטגלידער צו ווירקן א ו י ס ע ר ה א ל ב דעם ציוניזם, אויף אייגענער פּערזענלעכער פאַראַנטוואָרט־לעכקייט, לויט זייער אייגענעם געוויסן און איבערצייגונגען; אָבער אין ציוניזם אַליין קאָן נאָר אָנגענומען ווערן א געוויסער אומשולדיקער קערן פון וואָס עס איז פאַר א ווירטשאַפטלעכן פּראָגראַם, און נאָר מיטן צוועק, דער יידישער אַרבעטער זאָל נישט פאַלן נידעריקער פאַרן אָרגאַניזירטן נישט־יידישן!

שטעלן זיך, ווי דר. רונדשטיין וויל, אויף א סאָציאַלן פוס, הייסט פון ציוניזם מאַכן א גאַנץ אַנדער פּאַרטיי; נישט קיין יידיש־פּאָליטישע, נישט קיין נאַציאָנאַלע, נאָר א פּאַרטיי מיט גאָר אַנדערע צוועקן!

דר. רונדשטיין פאַרלאַנגט אָבער נאָך מער. עס איז אים ווייניק צו פאַרלאַנגען, דער ציוניזם זאָל זיך גרינדן אויף א סאָציאַל־ווירטשאַפטלעכן קלאַסן־פּראָגראַם, ער וויל נאָך דעם איינציק־נאַטירלעכן פּאַרטיי־פונדא־מענט — דעם נאַציאָנאַליזם — אַוועקשאַפן.

„בשעת דער נייער מענטש — זאָגט דר. רונדשטיין — שטרעבט זיך צו באַפרייען פון נאַציאָנאַלן אָבערגלויבן און באַמיט זיך אָראָפּצוואַרפן פון זיך דעם שאָוויניזם (די פאַלשע נאַציאָנאַלע גאווה), ווילן די יידן (ציוניסטן?) גרינדן אַן אייגענע אָרגאַניזאַציע אויף דעם אָפּגעלעבטן נאַ־ציאָנאַליזם! דאָס יידישע פאָלק, וואָס וויל דאָס פעיקסטע זיין צו די אַל־געמיין־מענטשלעכע אידעאַלן, פאַרבלאָנדזשעט, צו דר. רונדשטיינס באַ־דויערן, אויף די פאַלשע וועגן פון א געקינצלטן אונטערגעהאַלטענעם נאַ־

ציאָנאַל־געפיל, וואָס איז קעגן פּראָגרעס און גאַנץ אָפּט שעדלעך (פאַר־גלייך „ניווא פּאָלסקאַ", „גאַזעטאַ פּאָלסקאַ" וכדומה).

מיר האָפן, אַז דר. רונדשטיין מיינט עס אין אַלגעמיינעם, אַז ער מעסט אַלע נאַציאָנאַליזמען מיט איין מאָס... אַנדערע טוען נאָך אַנדערש! פרעמדע נאַציאָנאַל־שפּראַכן, פרעמדע מידות, אַנדערע פעלקער־זעלן, אַלערליי היסטאָרישע טיפּן זענען כשר, אַפילו הייליק, און פאַרדינען, אַפילו פון אונדזער זייט, אויף מסירת־נפש, און אונדזער אייגענער נאַ־ציאָנאַליזם איז אַלס א י ד ע ע — קעגן פּראָגרעס, אַלס פּאָליטיק — געפערלעך! נאָר י י ד י ש ע אייגנאַרט, י י ד י ש ע קונסט, יידישע שפּראַך, געוווינהייטן און מינהגים זענען „אַלטע לאַפּן אויפן מיסט אַרויס־צווואַרפן"... און דעם דר. רונדשטיין מוזן מיר ענטפערן, אַז די אַלגעמיינע מענטשהייט אין געשטאַלט פון א ו ו ע ל ט ־ סטאַדע פון איינצל־פּערזאָ־נען איז שוין אין שוסטער־גאַס באַקאַנט אַלס קאָמי־וואָיאַזשאָר־אידעאַל! די מענטשהייט, אַלס העכסטער אָרגאַניזם, מוז באַשטיין פון פרייע און זאַטע פעלקער, ווי פעלקער — פון פאַמיליען, און די לעצטע — פון איינצל־פּערזאָנען. אַז דער „פּראָגרעס" פאַרלאַנגט נישט די פאַרניכטונג פון פעלקער, אַזוי ווי ער פאַרלאַנגט נישט די פאַרניכטונג פון איינצלנע אָר־גאַניזמען, אום אויפצופולעבן און צו באַפרייען די איינצלנע „קעמערלעך" אין לייב! דער פּראָגרעס גייט נישט אַזוי פלאַך! ער פאַרלאַנגט נישט נאָר א ב ר י י ט, נאָר אויך א ה ו י ך און ט י ף לעבן, און צו דעם צוועק מוזן זיך פאַרבינדן וואָס אַמאָל העכערע אָרגאַניזמען!

און פון נ אַ צ י אָ נ אַ ל י ז ם ב י ז ש אָ ו ו י נ י ז ם איז ווייט! מען טאָר זיי אונטער דער האַנט נישט אויסמישן, נישט פאַרבייטן, ווי מען טאָר עס נישט טון בנוגע צו ג ו ט ע און ש ל ע כ ט ע, ק ל ו ג ע און נ אַ ר י ש ע מענטשן! עס וועט קיינער נישט זאָגן: פאַרניכטעט א מענטש, ווייל ער קאָן ווערן שלעכט! מען זאָגט: זוכט מיטל, ער זאָל גוט זיין!

ביפרט יידישער נאַציאָנאַליזם, וואָס האָט קוים קראַפט זיך צו שיצן, און ק אָ ן קיין בייזע חלומות נישט האָבן!

מיר זענען אַרויסגעטראָטן קעגן דר. רונדשטיין נישט אַלס גואל־הדם פון ציוניזם; דערצו האָט דער ציוניזם נענטערע קרובים, נאָך ווייַ־

ניקער צו פאַרטיידיקן דאָס באַלעבאַטישקייט אין דער ציוניסטישער פּאַר־טיי... מער איז אונדז געגאַנגען וועגן נאַציאָנאַליזם, און נאָך מער — וועגן אמת, וואָס דר. רונדשטיין פאַרטונקלט און פאַרשמירט מיט מכלומרשט געלערנטע פראַזן און קלינגענדיקע ווערטער; מכלומרשט אין דער מילחמה קעגן פראַזן און קלינגענדיקע ווערטער!

1902

פּראָמעטעוס

רציחהשע נקמה!

דאָס שטאָלענע געטלעכע האַרץ!

אַ נאַקעטן, האָט ער מיך מיט קאַלטע אייזערנע קייטן צום קאַלטן פעלדזן צוגעשמידט.

און פון פייכט־קאַלטער הייך לאָזט זיך אַן אָדלער, אַ שוואַרצער, ברייט־פליגלדיקער אָדלער, מיט אַן אומבאַרעמהאַרציק־קאַלטן בליק אין אויג...

און דאָס קאַלטע אומגעהייער, דער קאַלטער פעלדז, וועט פון מיר זאַפּן און זאַפּן די וואַרעמקייט פון האַרץ, און דער מערדערישער אָדלער וועט עסן פון מיר די לעבער...

און אייביק, אייביק וועל איך ליידן!

דער מערדער — —

די געטלעכקייט האָט ער מיר נישט צוגענומען, די אומשטערבלעכקייט — נישט! אייביק זאָל שלאָגן דאָס האַרץ, דער פעלדז זאָל האָבן פון וואָס צו ציען. און אייביק וועט צוריק און צוריק וואַקסן די לעבער, דער אָדלער זאָל האָבן אייביק צו פרעסן!

אַזוי וויל ער, יופּיטער —

אַזוי איז ער זיך נוקם!

און פאַרוואָס?

ליכט האָב איך ביי אים געגנבעט, ליכט — אַ פונק פייער פאַר אָרעמע מענטשן!

אַלץ וויל ער זאָל זיין איינגעזונקען אין פינצטערן תהום און פון דאָרט אַרויפקוקן מיט באַגייסטערטע נאַרישע אויגן צו די געטער אויפן אָלימפּ, צו די, וואָס זיצן איינגעהילט אין פּרעכטיקן ליכט, עסן אַמבראָזיאַ און טרינקען נעקטאַר.

און ער וועט זיך פון צייט צו צייט אראפלאזן אין פינצטערן תהום אריין, אין געשטאלט באדיי פון א קו — ארויסצוכאפן א שיינע און טייערע פערל פון ים...

און איך האב זיי ליכט געבראכט —

כא־כא־כא — עס איז געגוג א פונק ליכט! ביי א פונק ליכט זעען די געטער, זעט דער אלימפ אנדערש אויס — און יופיטער, וואס קאן שוין די קו־פעל פון זיך איגגאנצן נישט אראפווארפן...

וואס לאזט זיך דער אדלער אזוי לאנג אראפ?

וואס באטייטן די רעדער, וואס ער מאכט אין דער לופט אין דער הייך?

וויל ער מיך פריער נאך שרעקן — איז נישט די שרעק גרעסער פאר דער ערגסטער שטראף?

הא — ווי שארף עס ענטפערט די לופט אויף יעדן ריר פון די שווארצע פליגל, אויף יעדן שניט פון די שפיציק־שווארצע ברייטע מעסער...

און ער שווימט און שווימט...

גאט אין הימל איז עס נישט — — — —

וואס?

עס איז דאך אומעגלעך!

פארוואס? פאר א פונק פייער! אין פייער און פלאם איינגעטונקענע געטער זאלן קארגן א פונק פייער! יופיטער, וואס דונערט ביי יעדער לייבטער געלעגנהייט, אויף יעדן געבורטסטאג פון דער יינגסטער אלימפישער סוברעטע, ביי יעדער מאלצייט, טיילמאל פאר זיך אליין ביי יעדן הויך — זאל קארגן א פונק?

און וואס וועלן זיי, די ארעמע מענטשן, מאכן פון א פונק?

פייער וועלן זיי מאכן, כא, כא,כא! קעלבער וועלן זיי בראטן, פאר זיך, פאר דיר אויך, יופיטער!

און אז ס'וועט דיר ארויס פון האלדז, וועט דיר שמעקן אביסל געבראטן קעלבערנער רויך!

ניין — נארישע מענטשן, נארישע געטער!
קעלבער־בראטער, קעלבער־פרעסער...
פאר וועמען, פון וועמען וועל איך ליידן...
ניין — טויזנט מאל ניין!

עס איז אַ מיראַזש, אַ וויסטער חלום — מען דאַרף נאָר די אויגן אויפרייסן!

געוויס, אַ שטיק שוואַרצער, פאַרגליווערטער, טויטער וואָלקן בלאָנ־דזשעט פאַרוויסט אַרום אין דער לופט — נישט קיין אָדלער — וואָס פאַר אַ פעלדז, כאַ־כאַ־כאַ! קיצלען לאָזט ער זיך, קראַצן, איך שייל אים, ווי אַ קעכן אַ קאַרטאָפל — אַ ווייכער נאַרישער פעלדז...

און די קייטן —

כאַ־כאַ־כאַ!

שטרוי, פויערישע שטרויענע שטריק — —

שפּרינג אויף, פּראָמעטעוס!

דו האָסט פון דיין אייגנס אַ שוואַרצן חלום געליטן... קיין פעלדז, קיין קייטן, קיין אָדלער, קיין יופּיטער, קיין אָלימפּ...

ווו האָסטו אַ פונק פייער גענומען!

האַ, וואָס!

פּראָמעטעוס — כאַ־כאַ־כאַ!

געוויס אויך אַ חלום — — —

אַ וואַנזיניקער חלום, אַ ליגנער אַ גרעקס אויסגעטראַכטע מעשה — ווער פּראָמעטעוס, ווען פּראָמעטעוס —

וואָס פאַר אַ פונק פייער...

עס איז פינצטער, נאַכט.

אַ אַ אַ — —

נאָך אַביסל שלאָפן!

צי בין איך נישט אַ פּורים־רב נאָך אַן איבעריק גלעזל?

1906

ראש־חודש

1

מין־הסתם ווייסט איר שוין פֿון טאָג־און וואָכן־בלעטער פֿון דעם נייעם געזעץ, וואָס רומעניען האָט ארויסגעגעבן צו דערשטיקן דאָס לעצטע ביסל יידישע לעבן, וואָס פֿאָכעט קוים אין דעם בלוטיקן לאַנד, אין נייעם שפּאַניען, וואָס איז קליגער פֿאַרן אַלטן און ברענט און בראָט אָן פֿייער, אָן האָלץ און אָן אינקוויזיטאָרישע צערע־מאָניעס.

דאָס געזעץ איז גאַנץ איינפֿאַך: „פּרעמדע, — זאָגט דאָס געזעץ — טאָרן זיך אין רומעניען נישט באַשעפֿטיקן מיט קיין שום מלאָכה, כּל־זמן זיי וועלן נישט באַווייזן, אַז אין זייער היים, אין זייער לאַנד, הייסט עס, האָט דער רומענער דאָס פֿרייע רעכט צו זיין אַ בעל־מלאָכה".

דאַכט זיך, גאַנץ ערלעך. צווישן פֿעלקער און מדינות איז פֿון אייביק אָן דאָס רעכט: „שמור לי ואשמור לך" — „ווי דו פֿירסט דיך מיט מיינע מענטשן, וועל איך מיך פֿירן מיט ד יי נ ע". איז אָבער דאָ אין דעם געזעץ אַ פֿיין שפּיצל, אַ שאַרף שפּיצל, וואָס טרעפֿט גלייך דעם ייד אין האַלדז אריין!

אַלע רומענישע יידן, אויסער אַ גאַנץ קליינעם פּראָצענט, הייסן לויט דעם רומענישן געזעץ: פּ ר ע מ ד ע!

עס מאַכט נישט אויס, וואָס יידן זענען פֿריער אין לאַנד אריינגעקו־מען, ווי די רומענער, עס מאַכט נישט אויס, אַז זיי דינען אין מיליטער, פֿאַרגיסן זייער בלוט פֿאַר רומעניען, צאָלן שטייערן און, ווי געוויינלעך, אַ דאַנק דער ערלעכקייט פֿון די באַאַמטע, פֿיל מער ווי די רומענער, און מוזן דערביי אויף אייגענע קאָסטן אויסהאַלטן אַלע יידישע אינסטיטוציעס פֿאַר צדקה און רעליגיע, פֿון וועלכע די רומענישע רעגירונג, וואָס פֿאַרזאָרגט דערמיט אַלע אַנדערע רעליגיעס, וויל נישט וויסן, עס מאַכט נישט אויס,

וואָס כמעט יעדער רומענישער ייד האָט אין דער רומענישער ערד קברים פון זיידעס און עלטער־זיידעס — לויטן געזעץ זענען זיי פרעמדע!

און אַלס פרעמדע קאָנען זיי זיך נישט באַשעפטיקן מיט דער מלאָכה, בל־זמן זיי וועלן נישט פאַרשטעלן דער פּאָליציי קיין באַווייז, אַז אין זייער לאַנד, ביי זיי אין דער היים, האָט דער רומענער דאָס רעכט אַ בעל־מלאָכה צו זיין!

און אַזוי ווי די יידישע רומענער האָבן נישט קיין היים, קיין אייגן לאַנד, וווּ דער רומענער זאָל קאָנען זיין אַ בעל־מלאָכה, על־כן — שטאַרבט, יידן, פאַר הונגער!...

אַזוי האָט פאַרשטאַנען דאָס געזעץ גאַנץ אייראָפּע, און אַלע אייראָפּעישע בלעטער (אויסער עטלעכע אַנטיסעמיטישע) זענען אַרויסגעטראָטן מיט אַ שאַרפער קריטיק קעגן דעם באַרבאַרישן געזעץ; אַזוי האָט פאַרשטאַנען דאָס געזעץ גאַנץ רומעניען, און ביפרט די רומענישע בעל־מלאָכהס, וואָס האָבן געמאַכט אַסיפות מיט ששון ושימחה און אויסגערופן, אַז זיי וועלן מיט אייגענעם כוח נייטן די יידן, זיי זאָלן זיך אונטערגעבן דעם נייעם געזעץ, און די פּאָליציי, זי זאָל שטרענג דערויף אַכטונג געבן! אַזוי האָבן פאַרשטאַנען דאָס געזעץ אַלע רומענישע יידן, וואָס האָבן זיך געפילט, ווי די יידן פאַר פורים אין מרדכי ואסתרס צייטן, און ביפרט די יידישע בעל־מלאָכהס, וואָס האָבן זיך פאַרזאַמלט און אַרויסגעגעבן אַ שטאַרקן, מיט בלוט פון הארץ געשריבענעם, פּראָטעסט און אַן אויפרוף דאָס לאַנד צו פאַרלאָזן! פריער פאַר אַלע האָבן נישט אַנדערש פאַרשטאַנען דאָס אַכזרישע געזעץ דער מיניסטער, וואָס האָט עס פאָרגעלייענט, און דער פּאַרלאַמענט, וואָס האָט עס אָנגענומען.

און פונדעסטוועגן, זאָגט היינט דער מיניסטער, אַז ער האָט אַנדערש געמיינט!

רומעניען דאַרף געלט באָרגן, מען דאַרף אָנקומען צו יידיש־אייראָפּעישן קאַפּיטאַל אויך, און וואָס מען וועט אויף אונדזערע קאַפּיטאַליסטן נישט זאָגן, אַזוי אומפאַרשעמט זענען זיי נישט, זיי זאָלן אונטערשטיצן דאָס לאַנד אין דער צייט, ווען יידיש בלוט רינט אין זיינע גאַסן...

אפשר שפּעטער מיט דער צייט, אַז מען וועט דערמיט געוווינט ווערן! ווייניקסטנס, ווען די אייראָפּעישע צייטונגען וועלן אויפהערן דערפון צו שרייבן...

און דעריבער, אַז מען דאַרף צום ייד און דער ייד קרימט זיך, מאַכט דער מיניסטער מיטן קעניג קאַרל אַ נייעם פירוש צום דין!

יידן, הייסט עס, וואָס האָבן נישט זייער לאַנד, וואָס האָבן נישט זייער היים, פון וואַנען זיי זאָלן קאָנען ברענגען אַ באַוויז, אַז די רומענער האָבן דאָרט דאָס רעכט צו זיין בעל־מלאָכות, זענען נישט מחויב דעם באַוויז צו ברענגען.

און מען האָט גערופן דעם בוקאַרעשטער רב און געזאָגט אים, נאָך עטלעכע קאָמפּלימענטן, דעם נייעם פּירוש, אויך האָט מען דעם פּירוש מודיע געווען אין די אייראָפּעישע בלעטער. אַלע אָבער ווייסן, אַז דער פּירוש וועט נישט פאַרגעשטעלט ווערן דעם פּאַרלאַמענט צו באַשטעטיקן, אַז דער פּאַרלאַמענט וואָלט עס נישט באַשטעטיקט, אַז דאָס גאַנצע רו־מענישע פאָלק, וואָס האָט וויניקער גערעכטע, ווי סדום, נאָר אַ בעסערן מזל ווי סדום, גלייבט נישט דעם פּירוש, און, אַז באַלד נאָך דער הלוואָה, וועט די רעגירונג מיטן מיניסטער אַנדערש טייטשן, העכסטנס וועט מען צו דעם צוועק מאַכן אַן אַנדער מיניסטער...

דער פּאַרלאַמענט, דאָס רומענישע פאָלק, ביפרט די רומענישע בעל־מלאָכהס מעגן בלייבן די אייגענע...

אין ווינער „אַליאַנס איזראַעליט" איז געווען אַן אַסיפה, און אויף דער אַסיפה האָט מען זיך אַ סך געשפּאַרט וועגן ציוניזם (עס איז געקומען דר. הערצל מיט אַ סך מיטגלידער ציוניסטן) און אַביסל גערעדט וועגן רומענישע יידן. אַביסל און דערצו נאָך — פאַרשטעלט, עס טוט זיך עפּעס, נאָר בסוד...

צי עס וועט געראָטן, ווער ווייסט?

דערווייל מוזן רומענישע יידן עמיגרירן... אויף אַליאַנסן זיך איינ־גאַנצן פאַרלאָזן קאָן מען נישט! קיין גוטער ווילן, קיין הייסער ווילן אפילו, צו טון פעלט נישט; נאָר כוח פעלט — די איינציקע יידישע כלי־זיין!

נאָר עמיגרירן טאָרן זיי נישט אָפּן.

עס זאָל קיין שלעכטן איינדרוק נישט מאַכן אויף אייראָפּע, דאָס הייסט אויף די אייראָפּעישע קאַפּיטאַלן, האָט די רומענישע פּאָליציי פאַר־ווערט די רומענישע יידן זיך צו פאַרזאַמלען, אַסיפות צו מאַכן און אָפּצור־קלערן, ווי אַזוי און וווהין צו עמיגרירן...

צו דעם איינגנטלעך דאַרף מען קיין גרויסע אַסיפות נישט...

ווי אַזוי צו עמיגרירן?

צופוס; עס איז אויף קיין באַן־געלט נישטאָ...

מיט וואָס?

מיט דער אויסגעמאַטערטער נשמה; עס איז נישטאָ וואָס פון רומע־ניען אַרויסצופירן, אויסער דער קראַנקער, פאַרסמטער נשמה...

וווהין?

ווו דער שוואַרצער פעפער וואַקסט...

ענגלאַנד פאַרשליסט זיך פאַר פרעמדע, אין רעשט אייראָפּע איז נישטאָ ווו אַ שפּילקע אַריינצוּוואַרפן... אַמעריקע, דאָס אַמאָל יונג־גע־וועזענע, פרייע, אָפענע אַמעריקע, האָט שוין לאַנג אָנגעהויבן אין אַ פּאָ־ליטיש־ענגן גאָרסעט זיך צו שנירן!

קאַנאַדע דאַרף אויך קיין יידן נישט!

איין טראַנסוואַל, די לעצטע האָפענונג; איז אָבער מילחמה אין טראַנסוואַל; און ווי עס זעט אויס וועט זיך די מילחמה נאָך נישט אַזוי גיך אויסלאָזן.

אין אַנדערע לענדער, אויסער רומעניען, וועלן מיר אויך קיין נחת נישט שעפּן...

נחת פון דייטשלאַנד: עס פאַלן דאָרט אָפּ אַלע אַנטיסעמיטישע בלע־טער, ווייל מען דאַרף זיי שוין נישט; כמעט די גאַנצע פּרעסע איז אַנטי־סעמיטיש... נאָך אַ פרייד: מען זעצט אַריין איין אַנטיסעמיט נאָכן צווייטן, אַנטיסעמיטן באַנקראָטירן און נעמען זיך צו אַלעם בייז — ווייל דער אַנ־טיסעמיטיזם האָט אויפגעהערט אַ געשעפט צו זיין; אויס מאָנאָפּאָל — אַ ל ע האָבן פיינט אַ ייד! דער מאָאָר האָט זיינס געטון, זאָל ער גיין צו אַלדע שוואַרצע יאָר!

פון פראַנקרייך הערט מען באמת ישועות ונחמות...

עס זענען וואַלן געווען. די גרויסע פראַנצויזישע קלפּי איז אַריבער! און עס האָט זיך אויסגעוויזן, אַז די ליבעראַלע האַלב ראַדיקאַלע און אַ קליין ביסל סאָציאַלע רעגירונג האָט גובר געווען, ממש געזיגט; אַ סך אַנ־טיסעמיטן זענען אָפּגעפאַלן, דריומאַן אַליין, דער גרעסטער אַנטיסעמיטי־שער העלד, האָט זיך נישט דערהאַלטן! מען האָט אויסגעקליבן אין פּאַר־לאַמענט אַריין אַפילו דרייפוס־מענטשן, אויף וועלכע מען פלעגט שפּייען אין די גאַסן... אין אַלזשיר אַפילו זענען די אַנטיסעמיטן געפאַלן!

ליידער איז עס „אליה־וקוץ־בה״, אין פרייער איבערזעצונג איז עס: אַ רויז מיט אַ שטעכנדיקן דאָרן!

געזיגט האָט די פ ר י ה י י ט אין דער פ ר אָ װ י נ ץ, ד ע ר פ י נ צ ט ע ר ע ר נ אַ צ י אָ נ אַ ל י ז ם מיטן אַ נ ט י ס ע מ י ט י ז ם אוּ נ ט ע ר ג ע ש ל אָ ג ן — א י ן פ אַ ר י ז!

און ווייסט איר, וואָס פּאַריז איז פאַר דער פראַנצויזישער פּראָווינץ? דאָס זעלבע, וואָס דאָס אַמאָליקע רייכע, שטאָלצע און שטאַרקע פראַנקרייך, פון פאַרן אומגליקלעכן פראַנצויזיש־דייטשן קריג, איז געווען פאַר גאַנץ אייראָפּע! — אַ פאַבריק פון נייע מאָדעס, פון נייע געדאַנקען, פון פּאָליטישע אידייען! —

וואָס עס גייט היינט אויף אין פּאַריז, וועט מאָרגן וואַקסן און צעוואַקסן זיך אין גאַנצן פראַנקרייך! און אין פּאַריז איז אויפגעגאַנגען — אַ בלוטיקע זון... דער פיינסטער נאַציאָנאַליסטישער אַנטיסעמיטיזם!

אפשר וועט איר אייך טרייסטן דערמיט, וואָס אין דער ענגלישער קאָמיסיע, וואָס מען האָט אויסגעקליבן אויסצוקלערן תקנות, ווי אַזוי פּטור צו ווערן פון נייע עמיגראַנטן, איז אַריין איין ייד אויך, דער לאָרד ראָטשילד?

און אפשר דערמיט, וואָס אין איטאַליען, לויט מען טעלעגראַפירט צו אַלע צייטונגען, וועט זיין אַ קריגס מיניסטער אַ ייד?

אַ מאָראַלישע טרייסט איז עס...

ענגלאַנד מיינט אַלע פ ר ע מ ד ע , נישט דווקא יידן! ניין און נייןציק פּראָצענט ווען מ י ר ליידן דערפון, אָבער ענגלאַנד איז, על כל פּנים ביז היינט, קעגן יידן נישט אויפגעהעצט, איטאַליען געטרויט איר אַרמיי, איר גאַנצן כבוד אין יידישע הענט אַריין!

אָבער מאַטעריעל — קיין ברויט וועט דערפון נישט זיין...

און מיר דאַרפן צום אַלעם ערשטן ברויט!

גיט פריער אַן אָרט דאָס ברויט צו פאַרדינען! און דערנאָך וועלן מיר לעכצן צו אַביסל כבוד אויך!

אין גאַליציען — דער זעלבער דלות...

פון רוסלאַנד האָבן מיר נאָר צו דערציילן נייעס פון הײמישן יידישן לעבן.

די אָדעסער אָפּטיילונג פון דער פּעטערבורגער חברה „מפיצי השכלה" האָט אָפּגעזאָגט אייניקע פון אירע מיטגלידער, וואָס האָבן פאַרלאַנגט, אַז די שולן, וואָס די אָפּטיילונג פירט, זאָלן ווערן פאַריידישט, מען זאָל אין זיי לערנען העברעאיש, יידישע געשיכטע וכדומה, אָפּגעזאָגט דעריבער, ווייל פאַריידישטע שולן זענען נישט נויטיק...

דאָס פּראַקטישע לעבן — זאָגט די אָפּטיילונג — פאַרלאַנגט זיי נישט,

די „חדרים־מתוקנים”, וואָס מען האָט קינסטלעך געמאַכט, פֿאַלן אָפּ... און ברענגט ציפערן דערויף!

אַמאָל האָט דאָס „פּראַקטישע לעבן” געשריען „שקאָלעם ניע זשע־לאַיעם” און די „מפיצי השכלה” האָט זיך נישט דערשראָקן: זיי האָבן גע־ווּסט, אַז דאָס רופט נאָר דאָס ב ל י נ ד ע „פּראַקטישע לעבן” פון ה יי נ־ט י ק ן ט אָ ג, וואָס באַהאַלט זיך, ווי אַ פּראָש אין וואַרעמען געמוי־זעכץ און וויל נישט אַרויס אויף דער ליכטיקער שיין, און האָט שולן געמאַכט...

היינט שפּילן די מפיצי השכלה אַליין, וויניקסטנס די אָדעסער אָפּ־טיילונג, די ראָלע פּראָש אין געמויזעכץ... זיי ווילן אויך נישט אַרויס פון וואַרעמען שליים, ווילן אויך נישט זען ווייטער פון די אייגענע נעז, דאָס הייסט גאַנץ קורץ, הגם די נעז גענוג לאַנג...

און עס פעלט זיי גאָרנישט איין, אַז צו באַרשט דאַרף מען קיין ציינער נישט; אַז וואָס דאָס נ י ד ע ר י ק ע, ק ו ר צ ז י כ ט י ק ע, ה יי נ ט י ק ע לעבן באַדאַרף און פאַרשטייט, אַז עס דאַרף, דאָס באַשאַפט עס זיך אַליין, און דערצו דאַרף מען קיין „חברות” נישט, קיין אָפּטיילונגען פון חברות אוודאי נישט... אַז, אויב דאָס אָרעמע, דערשלאָגענע פאָלק קוקט נישט אַרויף, נאָר אַראָפּ, מוזן עס פאַר אים טון זיינע מיכלומערשט גרויסע, בעסערע, קליגערע, העכערע! וואָרום, אַז נישט — ווער דאַרף אייך? רוקט אייך אַביסלע ווייטער, וועט אייך און אונדז בעסער זיין!

אַ וויכטיק נייעס איז אפשר אויך די ציוניסטישע־רבנישע פּאַרטיי.

כל־זמן דער ציוניזם האָט זיך פאָרגעשטעלט אַלס פּאָליטישע אידייע, האָבן די אַלע, וואָס האָבן געגלויבט אין דער מעגלעכקייט אויסצופירן אַ ציוניסטיש פּראָגראַם מיט דער הילף פון פאָלק, מיטן ווילן פון סולטאַן און ביישטיין פון אייראָפּעאישע גרויסמעכט, געקאָנט זיך האַלטן צוזאַמען; סיי פרומע רבנים, סיי אַלטמאָדישע באַלעבאַטים, סיי פאַבריקאַנטן, סיי בעלי־מלאכות און אַרבעטער, סיי סטודענטן און אפילו גאַנץ רויטע יונגע־לייט — אַלע האָבן פאַרשטאַנען און געוואָלט „ציון”, כאָטש צו פאַרשי־דענע צוועקן!

נאָר אין פּאָליטישן פּראָגראַם האָבן נישט אַלע געקאָנט אַרבעטן.

מיט דעם האָט זיך באַשעפטיקט דער דר. הערצל מיט דער הילף פון נאָך עטלעכע פאַרטרויאונגס־מענער, אין רשות הרבים — אין אָפענעם מאַרק מאַכט מען קיין פּאָליטיק נישט...

יונגעלייט ווילן אָבער ארבעט; ציוניסטישע פאַריינען ווילן אויך עפּעס טון. דרשות האַלטן איבער ציון, קלייבן שקלים, פאַרקויפן אַקציעס — דאָס אַלץ שטילט נישט דעם הונגער פון עפּעס צו טון פאַרן פאָלק און מען האָט געשטעלט די פראַגע פון קולטור...

מען האָט די קולטור אריינגענומען אין ציוניסטישן פּראָגראַם מיט דער טענה: אַז מיר מוזן זיך פריער קולטיווירן אַלס פאָלק, אויסבילדן און פעיק מאַכן אַ לאַנד צו באַזיצן! און קוים איז אריין די קולטור, האָט געמוזט ארויס דער שלום צווישן דעם ציוניסטישן עולם.

אַלע „שטייען אויפן פּראָגראַם פון באַזעלער קאָנגרעס" בנוגע צו דער ציוניסטישער הויפּט אידייע, אָבער נישט אַלע קאָנען אייניק זיין וועגן קולטור; עפּעס שמעקט פאָרט מיט השכלה!

פאַרן פרומען רב איז קולטור: עין יעקב, פאַרן געבילדעטן: יידישע געשיכטע, אַלגעמיין וויסן, פאַר אַנדערע נאָך עפּעס טיפערס...

יעדער וויל זיין קולטור, זיינע שולן, זיין ליטעראַטור... און דעריבער מוז יעדערער האָבן זיין באַזונדערע חברה!

אַלס די ערשטע אָפּגעזונדערטע פּאַרטיי זענען ארויס די יונגע ציוניסטן; אַלס די צווייטע — די פרומע רבנים...

די לעצטע האָבן געגרינדעט אַ חברה „מזרחי"...

וועגן די פּראָגראַמען פוןביידע פּאַרטייען וועלן מיר שרייבן אין אַ באַזונדער אַרטיקל...

דערווייל האָט איר אַ נייעס: פרומע יידן אָרגאַניזירן זיך! רבנים מאַכן חברות. אַלס פריער מענטש האָב איך פאַר זיי מורא, די פינצטערקייט וועט אין דער אָרגאַניזאַציע שטאַרקער און געדיכטער ווערן... עס וועט נאָך מער ווימלען מיטן אַלטן אַלטוואַרג... נאָר אַלס ייד פריי איך מיך! יעדע אָרגאַניזאַציע, ציוניסטישע, נאַציאָנאַלע, פרייע, רבנישע, וואָס איר ווילט, איז אַ צייכן פון אויפלעבן, פון פרישער קראַפט, פון יידישער קראַפט...

„עס וועט זיך דורכמאַלן און מעל וועט זיין!"

וואָס נאָך פאַר אַ נייעס קאָן איך אייך דערציילן פון פאַרגאַנגענעם חודש?

עס גייט צו זומער... פּאָעטן פרייען זיך: גרעזלעך וועלן אויפוואַקסן, פייגעלעך וועלן זינגען, זומער־פייגעלעך היפּן און שפּרינגען,,, דאָס טייכל וועט גאָר מחיהדיק רוישן אין דער שטיל. דיביימער וועלן זיך שאָקלען

און סודען זיך גאָט ווייס פון וואָס... אַ הימל וועט זיין אַ בלויער, אַ הויכער, פיינער בלויער הימל, מיט זילבערנע נעפּעלעך; און קלאָרע נעכט וועלן זיין, און טיפע נעכט, נעכט מיט אַ זילבערנער לבנה, גילדענע שטערן, נעכט מיט זיסער בענקשאַפט, מיט גן־עדנדיקן האַרץ־ציטערן... מיט... מיט... מיט אַלעם גוטן...

דער פּראָווינץ־ייד אָבער ציטערט פאַרן זומער, גאַנצע קהילות ציטערן... מען האָט קיין רו בייטאָג, מען שלאָפט נישט ביינאַכט:

דער זומער גייט, — שריפות גייען...

הילצערנע הייזער, — שטרויענע דעכער... די ברענענדיקע זון... שלעכטע, פאַרביטערטע מענטשן... אַבי אַ פונק און אוים שטאָט, אוים... אַלץ אוים!

און עס האָט זיך שוין אָנגעהויבן...

באָברויסק איז שוין אָפּגעברענט...

מאַי 1902.

2.

עס איז לייכט צו זאָגן: לך־לך! לאָז דיך אין צייטיקן גערטל אריין, ווארף איבער די בלעטער און זוך אוים פאַר דער יידישער פאַמיליע עטלעכע פרישע ראש־חודש־רעטעכלעך!

לך־לך — נו, אדרבא, גיי אין אזוינע היצן! אז הענט און פים הויבן נישט אָן צו פאָלגן און פון מוח דאמפט, ווי פון א קאַלכאויוון!

און, ווען איך טו עס שוין, וועט פון די פריש־שטייפע ראש־חודש־רעטעכלעך, מיט די חנעוודיק־עלאסטישע עקעלעך און לייטזעליק־רויטע מיידלשע פנימלעך — איידער זיי וועלן זען קראָקע(1) און קומען צו אייך אין דער האַנט אריין — ווערן וואָס? א גאָרנישט! „טעלטשיק״ און איינגעשרומפּן וועלן זיי זיין, ווי בתולות נאָך שלושים!

איך וויל בעסער אראָפּגיין, כאַפּן א טראַמוויי, צושלעפּן זיך צו דער פּריוויסלאנסקער באַן און מאַכן, גאַנץ יידישלעך — פליטה קיין אָטוואָצק!

וועל איך, אין אייער מזל, הערן, אין טראַמוויי צי אויף דער באַן, עפּעס נייעס, אַבּיסל פּאָליטיק — מהיכא־תיתי! וועט זיין א פעליעטאָן! אז נישט — וועט איר אייך באַגיין! איר באַגייט אייך אָן וויכטיקערע זאַכן! אפילו אָן ברויט!

א סוף! קיין „ראש - חודש״ מיט „שטאָלערנע ווערטער און קופּערנע פיסקלעך״, מיט זאַלץ, פעפער און — גאַל, וועט היינט נישט זיין. אין אזוינע היצן האָט א מענטש, אפילו א שרייבער, קיין גאַל נישט!

און איך כאַפּ מיין נאָטיץ־בוך און א בלייסטיפט, און שטיי שוין אין שטויביקן נעפּל אויף דער טווארדא־גאַס...

און פון רעכטס, אין שטויביקן נעפּל, שלעפּט זיך דער גלער ווי א טשערעפּאַכע — איך שפּרינג אריין!

און עס זיצט שוין, ברוך־השם, א חברה יידלעך... און ר׳ לייבעלע — א גערער חסיד מיט אַן אמתער פּריוועסאָווקע אויפן שפּיץ קאָפּ, דער גרוי־

---

1) דער מאָנאטלעכער זשורנאַל „די יידישע פאַמיליע" האָט זיך געדרוקט אין קראָקע. — רעד.

סער חסידישער מאַכער ביי דער וואַרשעווער קהלישער קלפּי — פּירט דאָס רעדל.

מען רעדט פון די ערשט געענדיקטע פראַנצויזישע „וויבאָרן", און אויף וויבאָרן, איז ר' לייבל אַ שטאַרקער מבין! אויף „וויבאָרן" האָט ער די ציין אויפגעגעסן!

פון אונטער דער פּריוועסאָווקע רינען אויפן דאַרן באַוועגלעכן פּנים אַרויף דיקע טראָפּן שוויס. איינער, אַ גרויסער טראָפּן, האָט זיך ווי פאַר־גאַפט, אָפּגעשטעלט אויף דער שפּיץ נאָז, און אפשר — דערשראָקן פאַרן שוואַרצן אָפּגרונט — אונטער דער נאָז; ר' לייבל האַלט פון אַלטע מינהגים און שמעקט נאָך טאַבאַק!

דאָס שאַרף שפּיציקע בערדל כאַפּט ער וואָס אַמאָל אין מויל אַריין, די שאַרף־שפּיציקע אויגעלעך לויפן פון איין פּאַסאַזשיר צום צווייטן, פאַר־האַלטן זיך אַ רגע אויף די לויזע קנעפּ פון די אָפענע כאַלאַטן — נאָר מיר קוקט ער אַ ווײַלע גלייך אין פּנים אַריין; ער וויל מיך דורכבויערן און דער־קענען, צי בין איך אַן אמתער צי נאָר אַ נאָכגעמאַכטער „גוי"... אין אַ ווײַלע אַרום פאַרגעסט ער אָן מיר, און דערציילט ווייטער דעם עולם מיט אמת־חסידישער התלהבות פון דער מפּלה, וואָס די נאַציאָנאַל־אַנטיסעמי־טישע פּאַרטיי מיט די גלחים צוזאַמען האָבן אין פראַנקרייך געהאַט! אין נייעם פּאַרלאַמענט זיצן כמעט סאַמע ראַדיקאַלן...

— וואָס הייסט עס?

— ווי ביי אונדז, להבדיל, די דייטשן, די אפּיקורסים, וואָס ווילן אַלץ עוקר מן השורש זיין, אַלץ איבערמאַכן — פון שפּיטאָל ביז תלמוד־תורה!

— און וואָס איז ווייטער די שׂימחה?

— אַ מיצווה אויף די נאַציאָנאַליסטן מיט די גלחים צוזאַמען! האָבן זיי נישט געזאָלט אָנהייבן מיט „אחינו בני ישׂראל"!

— כן יאבדו — באַשטייט דער עולם — מן־הסתם האָט ראָטשילד מיט „איקא" און „כל ישׂראל חברים" אויך נישט געשוויגן...

— אפשר... ראָטשילד האָט זיך אוודאי געלייגט אין דער לענג און דער ברייט... אַן ערלעכער ייד, ראָטשילד... דאַוונט יעדן טאָג ותיקין! נאָר דער עיקר איז די גבורה, וואָס וואַלדעק — רוסאָ האָט באַוויזן!

— ווער איז דער?

— אַ שפּאַס! דער ערשטער מיניסטער אין פראַנקרייך!

— און וואָס האָט ער אַזוינס געטון?

— אַ קלייניקייט! עס דאַרף זיין די ערשטע אסיפה אין פּאַרלאַמענט.

מען וועט אויסקלייבן אַ פּרעזעס אויף די גאַנצע סעסיע, אויף גאַנצע דריי יאָר הייסט עס; עס וועט ווייטער זיין אַ י נ ט ר י ג ע ס, די שוואַרצע חברה וועט, מן־הסתם, פּרוּוון דורכפירן אירס אַ מענטש... דאַכט זיך — אַן ערשטער מיניסטער דאַרף זיין דערביי? וואָס? גייט זיך מיין בחור, נעמט זיך די פּלוניתטע אונטערן אָרעם און פּאָרט זיך גאָר אַרויס שפּאַצירן אויף דער סעקוואַנע!

— וואָס איז אַזוינס סעקוואַנע?

— די פּאַריזער „ווייסל" הייסט „סעקוואַנע"; ס'איז דאָך פראַנצויזיש; אַזוי זיכער איז ער געווען!

דאָס אייגענע האָט געטון דער פּרעזידענט אַליין, ליובע דער, וואָס איז ערשט נישט לאַנג געווען אין פּעטערבורג — אויף אַ זומער־וווינונג צום „מאַמעלע" איז ער זיך געפאָרן!

און אַן זיי האָט אויך דער פּאַרלאַמענט אויסגעקליבן אַ יושב־ראש גאָר אַ גרויסן פון זייער צד, — עפּעס אַן אויסטערלישן נאָמען האָט ער, נאָר גאָר אַ פייערדיקער ראַדיקאַל!

און אונדזער ר' לייבל, דער חסידישער מאַכער ביי דער וואַרשעווער קהלישער קלפּי, וואָס שפּרינגט אויס דער הויט אַרויס, אַז מען גיט אָפּ אַ קוויטל פאַר אַ קליין שטיקל דייטש, וואָס ציטערט אימת־מוות, מען זאָל נישט איינפירן אין תלמוד־תורה אַביסל דיקדוק, וואָס זיין בעסטער חלום איז אַ זאַזשאָנד־גמינע, מיט שטריימלעך, על־כל־פּנים — פּריוועסאָוועקעס, עס זאָל קיין זכר פון די דייטשן נישט בלייבן, — דער אייגענער ר' לייבל פרייט זיך מיט די גרויסע אַפּיקורסישע ראַדיקאַלן אין פּאַריז.

— און פון וואַנען ווייסט איר דאָס אַלץ, ר' לייבעלע? — פרעגט דער עולם — פון „הצפירה" צי פון „המליץ"? אפשר גאָר פון „יוד"?

—פוי! — שפּייט ר' לייבעלע אויס — קיין טריפה־פּסול אין האַנט אַריין נעמט ער נישט! ער האָט זיך זיין „קוריער וואַרשאַווסקי"!

אויפן הייליקן „גרזשיבאָוו" — דאָס איי, פון וועלכן די יידיש־וואַרשעווער קוואָקע איז אַרויס — האָט זיך געמאַכט אַ צופאַל! עס איז אונדז פאַרבייגעפאָרן אין דער ברייט אַ וואָגן מעל, אויף דער טראַמוויי־שינע האָט דער וואָגן אַביסל אונטערגעטאַנצט, עטלעכע זעק מעל זענען אַראָפּ־געפאַלן און סטאָפּ! דער טראַמוויי שטייט; ווי געבילדעט אַ טראַמוויי פערד איז נישט, האָט עס דאָך אינמיטן גאַס, אין שיינעם העלן טאָג, אַראָפּגעלאָזט דעם קלוגן קאָפּ און מיט אַ לאַנגער רויטער צונג געלעקט די ווייסע זעק, — מאַטעריאַליסטישע צייטן!

תוך כדי דיבור האָט אונדז אַרומגערינגלט אַן עולם פון קוקער — ייִדן, ווייבער און קינדער, און איך האָב מיך קוים דורכגעשניטן און דער־יאָגט, די באַן נישט צו פאַרשפּעטיקן, דעם ווייס־בלויען טראַמוויי...

אין מוח אַרבעט זיך ביי מיר אויס אַזאַ מין „סענטענציע" (אַ מוסר־וואָרט): דער טראַמוויי איז אַ דעמאָקראַטישע אינסטיטוציע — ווער עס צאָלט אַ צענערל, דער פאָרט! קיין אויסנאַם פאַר ייִדן, אפילו קיין באַזונ־דער אָפּצאָל — פריצים, פויערן און ייִדן, להבדיל, זענען גלייך! דערפאַר גייט זיך יעדער טראַמוויי זיין וועג, אויף זיינע רעלסן, און איין בעל־עגלה טאָר דעם צווייטן נישט העלפן! אפילו די פערד קענען זיך נישט; זיי טרעפן זיך און „וויהערן" נישט, און שאָקלען זיך אפילו נישט צו מיט די קעפּ!

מיד פון אויסקלערן, מאַך איך די אויגן צו און הער, ווי צוויי (אפילו גוט באַקאַנטע) ליטעראַטור־פאַבריקאַנטן, אייגנטלעך — טאַנדעטער, רעדן געננוג שטיל אפילו — דאָס פאַרלאַנגט דאָס געשעפט און די בעסערע גע־זעלשאַפט אינעם „ווייס־בלויעם", וואָס גייט דורך מאַרשאַלקאָווסקאַ — אויך פון פראַנקרייך.

— „דעם עיקר ניצחון האָבן געהאַט אונדזערע לייט — די דרייַ־פוסאַרן; די, וואָס האָבן פאַר דרייפוסן מילחמה געהאַלטן מיטן גענעראַל־שטאַב! אַצינד וועט זיך עס אָנהויבן אויפסניי! די גרעסטע דרייפוסאַרן זענען אויסגעקליבן געוואָרן אין נייעם פּאַרלאַמענט אַריין, און הימל און ערד וועלן זיי אויפרודערן מען זאָל נאָכאַמאָל דורכזען דעם משפּט"!

— מען האָט דאָך געגעבן אַמנעסטיע, ביידע צדדים געשענקט! —

— זאָלאַ קוקט נישט אויף אַמנעסטיע! ער וויל, דער אמת זאָל אַרויס, בוימאַייל אויפן וואַסער! דער פּסק אין רען, זאָגט ער, איז קיין פּסק נישט, נאָר אַ ניי פאַרברעכן געווען! עס קומט זיי לכל־הפּחות — סיביר!

און עס האָט זיך שוין אָנגעהויבן. דערווייל האָבן זיי — די דרייַ־פוסאַרן אין פּאַריז, באַלד נאָך די „וויבאָרן", אַ גרויסע סעודה געמאַכט, אפשר פאַר הונדערט גרויסע לייט! מען האָט געגעסן, געטרונקען און רעדן געהאַלטן... מען לאָזט זיך הערן!

— זאָלאַ איז געווען?

— אוודאי! פייער און פלאַם האָט ער געשיטן! ער פייפט אויף דער אַמנעסטיע, אויפן פּסק פון רען...

— מוז מען טאַקע אַראָפּנעמען פון בוידעם די רעשט העפטן פון דרייפוס־ראָמאַן...

— אוודאי, און גוט אָפּשטויבן!

— געווים! מען וועט זיי נאָך פאַרצוקערן!
— הלוואי! אפשר צושרייבן אַ פּופּציק העפטן?
— למה רעש! וואַרט, זאָל עס טון אַ דייטש; מיר וועלן קומען צום גרייטן!

ביי דער פראַנציסקאַנער גאַס זענען די טאַנדעטער אָפּגעשטיגן, און אַריינגעקוויקלט האָט זיך אַ „שלאַנגאָן" מיט אַ בייכל, ווי אַ פעסל, וואַנצן, ווי אַ בעזים, רויטע בעק, ווי די באַרקעס און פעט־פּאַרלאָפענע אויגעלעך. אַ פריש עקזעמפּלאַר פון דאָרף. אונטערגעשטופּט האָט אים אַ בלייכער דאַרער סטודענט מיט רויטע, ברוינע־בלויע אַרומגעזוימטע אויגן!

זיי זעצן זיך, אונטערן „אַלטן" האָט די באַנק אַ שטערבלעכן קרעכץ געטון.

— פּשאַ־קאָשץ — טשיעלענצע־נוזשקי! — מאַכט דער אַלטער און סאָפּעט — עס איז נאָך אַזאַ מעשה אין דער קריסטלעכער וועלט נישט געהערט געוואָרן.

— באָ! — גענעצט אָפּ דער סטודענט.
— אַלע, סינקו, אַוואַשזיי! באָ...

ער קאָן נישט פאַרדייען דעם יידישן קריגס־מיניסטער אין איטאַליען: „זשיד אָי מיניסטער וואָיני"!

עס איז ווירקלעך נישט געהערט געוואָרן, איך זע ערשט, ווי געזינדיקט איך האָב, דערמאָנענדיק דעם פּאַקט אין פאַבריקן „ראש־חודש" כלאחד יד, און אָן שום פּירוש, גאַנץ אייראָפּע, ביזן לעצטן אויסגעפּאַשעטן שלאַנגאָן, גאַפּט!

און עס איז קיין וואונדער נישט!

מען איז אביסל געווינט געוואָרן צו באַרימטע יידישע מענער, נאָר אויף אַנדערע פעלדער!

ערנבירגער פאַר צערקוועס בויען! האַנדלס־אָבער־און אונטער־ראַטן!
— אונדזער געשעפט, האַנדל־האַנדל!

עס זענען באַרימט יידישע מוזיקער — ג אָ ר אַ פּשוטע זאַך:

מיר האָבן אַזוי לאַנג „מה־יפית" געזונגען; אַזויפיל יאָרן די פּריצישע הויפן מיט יידישע קלעזמער פאַרזאָרגט! עס איז שוין אין בלוט אריין, עס קומט שוין בירושה! עס איז פאַראַן אפילו אַ פּויליש־אַמעריקאַניש־קאַטויליש יידל, וואָס שפּילט אויף א יי ן פּאַרטעפּיאַן, אינגאַנצן מיט צ וו יי העגט, ד ר יי שטיק מיטאַמאָל! ער פּלעגט זיי דורך ווי, להבדיל, אַן הבדלה!

באַקאַנט זענען אויך יידישע אַקטיאָרן, און דאָס איז שוין אוודאי על־פּי דרך הטבע. אין דער לאַנגער גלות־נאַכט האָבן מיר אַזויפיל פרעמדע ראָלן געשפּילט; עס איז אויך אַריין אין די ביינער!

לעצטנס האָבן זיך באַוויזן יידישע פּאָליטיקער... נאָר פּאָליטיק האָט דאָך אוודאי שייכות מיטן שאַכער־מאַכער פאַרן אייזערנעם טויער, צי אויף דער וואָלאָוואַער גאַס!

עס הערט זיך נאָך פון יידישע געלערטע: יוריסטן, דאָקטוירים, אינ־זשעניערן, אַפילו פּראָפעסאָרן — וואָס איז דאָס וואונדער? — יידישע מוחות! האַנדל־קעפּ אויפן „תלמוד" געשליפן! און דאָס ט ר י נ ק ט נישט, הוליעט נישט, דועלירט זיך נישט, נאָר זיצט און לערנט...

אָבער קריגס־מיניסטער! נמרודס מלאכה, עישוס מאַנאָפאָל, אַרישע גבורה!

און דער אַלטער טרייסט זיך און טרייסט דעם זון:

— זעסט, — זאָגט ער — אויף אַזאַ מדרגה קומט מען, אַז מען לעבט נישט בשלום מיטן קלויסטער! זייט איטאַליען איז ווידערשפּענסטיק גע־וואָרן דעם פּויפּסט, האַלטן זיך ערלעכע קריסטן פון ווייטן, ווילן זיי זיך נישט בשלום מיטן קלויסטער! זייט איטאַליען איז ווידערשפּענסטיק גע־מען קאָן אים הייסן שיסן אויפן וואַטיקאַן! דינען טאָקע סאַמע נישטן!... און „אַז מען דאַרף דעם יידן, רייסט מען אים אָפּ פון דער תליה"! — ביי אונדז האָט מען אויך אַזוי געטון... מען האָט גענדאַרפט סוחרים, האָט מען דאָס „טאַלאַלייסטוואָ" א ר יי נ ג ע ל אָ ז ט ! אמת?

— אמת, — גענעצט דער סטודענט...

איך וויים אַפילו עפּעס צו דערציילן פון יידישע, אַלטע און נייע גיבורים, נאָר איך וויל בעסער שווייגן, ערשטנס — די היץ טוט אָן מעשים, צווייטנס — אַ שלאַגאַן קאָן ענטפערן מיט דער יד, דער בחור איז ערשט פון דאָרף, געוויינט צו פויערן! דריטנס — וואָלט איך מוחל געווען צען קריגס־מיניסטאָרן פאַר אַ שטיקל ערד פאַר רומעניש־יידישע עמיגראַנטן!

עס וועט זיין אַ פּלאַץ!

אין די באַן־וואַגאָנען טראָגט מען שוין אַרום פרישע קוריערס.

דעפּעשן מיט גרויסע אותיות: שלום! די בורן האָבן זיך אונטער־געגעבן!

דער עולם איז אויפגעשפּרונגען, יידן און קריסטן.

— פּאַסן וואָלט געלאָזט שניידן איירעפּע פון איר הויט! די גאַנצע

ציט פון מילחמה האָט זי אויף די בורנס מזל טרערן געגאָסן, קראָקאָדיל־טרערן, און מיטן מינדסטן פינגער פון פוס אין שטיוול נישט גערירט! און אַזאַ העלדן־פאָלק זאָל אויסגעלאָשן ווערן! אַזאַ פריי טראַנסוואַל זאָל פאַרפלייצט ווערן מיט די ענגלישע סוחרים־שווינדלער! דאָס פיינע האָלענדיש וועט פאַרגעסן ווערן און אין גאַנץ אַפריקע וועט זיך „גאָרגלען" דאָס „פּאַסקודנע" ענגליש און די שבטים פרייען זיך נאָך, וואָס מען וועט זיי צוריק אויפבויען די פערמען! די ענגלישע קאַץ גלעט און דראַפּעט דערביי די נשמה אויס!

אַנדערע זאָגן:

— אויס ענגלאַנד! אַצינד האָט זיך ערשט באַוויזן, אַז די ענגלישע אַרמיי איז ווערט אַ שאָס פּולווער!

— און זעט דאָך! אַ פאָלק אָן הערנער! אַז מען נעמט איין אַ מדינה, נעמט מען קאָנטריבוציע, פאַרשיקט מען די מורדים במלכות, וווּ דער פעפער וואַקסט, און דער ענגלישער „האַנדל־האַנדל" צאָלט נאָך צו, גיט באַלד אַמנעסטיע; אַלץ מוחל — נאָר די גאָלד־גרובן אַהער!

און איך קלער:

אַפריקע וועט זיין ענגליש, דאָס הייסט פריי, שטאַרק און רייך! אַ פּלאַץ וועט זיין נישט נאָר פאַר רומענישע יידן, אפשר אפילו פאַר מיינע בלאַסע שכנים, וואָס שטייען שוין איבערגעדרייט צום פענצטער און שאָקלען זיך מינחה...

פּלאַץ וועט ז יי ן , נאָר אויף הוצאות ווו נעמט מען?

איך פאַרטראַכט מיך: וואָס קאָן יק"א טון? וואָס קאָן טון „הנדיב הידוע" מיטן פּאַריזער און ווינער אַליאַנס צוזאַמען?

און איך דרימל און קלער אַזוי כמעט ביז אונטער אָטוואָצק.

איך קוק מיך אום, איך בין געבליבן אַליין מיט עטלעכע יידעלעך, יענע לייט זענען אַראָפּ אין וואַווער, פאַלעניצע, שווידער... מיינע שכנים נעמען אַביסל בראָנפן: לחיים, לחיים! און איינער זאָגט מיט אמת־יידישן הומאָר:

— „ווייס איך, וואָס זאָל איך מיר ווינטשן?"

„זאָל איך מיר ווינטשן דאָס געלט, וואָס די פראַנצויזישע גלחים האָבן אומזיסט אויסגעגעבן אויף די פראַנצויזישע וויבאָרן, צי דאָס געלט, וואָס איז נאָך ביי די שוואַרצע לייט געבליבן?

„זאָל איך מיר ווינטשן דאָס ביסל פונט שטערלינג, וואָס קיטשענער וועט באַקומען פאַרן שלום, וויפל ענגלאַנד וועט באַצאָלן פאַר די פאַר־

ברענטע פערמען, צי אפשר גאר — וויפל די גאנצע מילחמה האט געקאסט?

„און אפשר — גיט ער צו ביטערלעך — וואלט מען יוצא געווען מיט דעם געלט, וואס אונדזערע רומענישע עמיגראנטן פעלט אויף הוצאה פון גיהנום ארויס?”

„דערווייל, ברודער, בין איך א קבצן — האב איך אליין נישט אויף הוצאה! לחיים!”

זעט איר, נאך איידער איך בין אראפּגעשטיגן פון וואגאן, האב איך א גאנצן ראש־חודש.

איך קאן אייך נאר צוגעבן, אז אין רוסלאנד האט מען דערלויבט, יידן זאלן ארייננעבן די קינדער אין די עפּארכיאל־שולן, און יעדער קורא־טאר זאל אפּמאכן וויפל פּראצענט. און — וואס נאך וויכטיקער איז, — אונטער דער השגחה פון פינאנץ־מיניסטער וועלן ביי אלערליי פאבריקן געעפנט ווערן מעכאנישע שולן, ווו אלע וועלן אויפגענומען ווערן אן אונ־טערשיד פון קלאס און גלויבן.

דערפאר, זאגט מען, וועט מען דאס יאר אין מאסקווער אוניווערזי־טעט קיין איינציקן יידן נישט אריינלאזן!

זייט געזונט! זאל אייך דער אויבערשטער אין די הייסע טעג שיקן א קילונג פארן גוף און פאר דער נשמה...

יוני, 1902.

3

אָנהויבן מוז מען פון וועמען? פון אונדזערע באַלעבאַטים, פון די אומות העולם...

אַלץ ווענדט זיך אָן זיי!

מיר זענען צו שוואַך אויסצופילן, קענן זייער ווילן, דאָס קלענסטע פּראָגראַם!

מיר זענען די שוואַכסטע, און כדי אַזוינע זאָל ב ע ס ע ר ג יי ן, מוזן פריער די שטאַרקע ב ע ס ע ר וו ע ר ן!

מען מוז וואַרטן און האָפן אויף דער צייט, ווען הייליק וועט זיין דער מענטשלעכער ווילן, נישט די פויסט, וואָס פירט אַלץ אויס מיט געוואַלט; ווען הייליק וועט זיין דאָס מענטשלעכע לעבן, נישט דער אייזערנער גאָפּל, וואָס כאַפּט אַלץ אַרויס פון טאָפּ...

וואָס זאָלן מיר טון? דערווייל מוזן מיר, ווי נוח בדורותיו, אַלע ווײַלע עפענען דעם צוהר פון תיבה און אַרויסקוקן און זען, צי האָט זיך אַרום אונדז דאָס וואַסער נישט געשטילט...

דער ציוניזם, וואָס וויל דערהאַלטן און הויך אַנטוויקלען א ב אַ־ ז ו נ ד ע ר יידיש פאָלק אויף זיין באַזונדער לאַנד, מוז באַלד צוגעבן: מיטן סולטאַנס גוטן ווילן און מיט דער גאַראַנטיע פון אַנדערע רעגירונגען...

דער נאַציאָנאַליסט, וואָס פאַרלאַנגט, אַז יעדער פויגל זאָל מעגן נעסטן, אייער לייגן און זיינע אייגענע לידער זינגען אויף יעדן בוים אין יעדן וואַלד; דער, וואָס זאָגט זיך אָפּ (און וויל עס אויך פאַר אַנדערע!) פון פּאָליטיש־קריגערישן לעבן, און פאַרלאַנגט, מען זאָל אים לאָזן ווייטער שפּינען זיין היסטאָרישן פאָדעם מיט אייגענע הענט, לויט אייגענעם גע־שמאַק... וואָס וויל גיין, אויבוויל צום אַלגעמיינעם צוועק, נאָר פ ר יי אויף זיין א יי ג ע נ ע ם וועג, נישט „עטאַפּנים פּאָריאַדקאָם" אויף פ ר ע מ ד ע — מוז אוודאי בעטן, משיח זאָל קומען פ ר י ע ר צו זיי...

נאָר אַפילו דער ענו, דער געלבזיכטיקער זון פון פאַקטאָר מיט דער שענקערן, דער אַסימילאַטאָר, וואָס פאַרשענקט אַזויפיל און פאַרלאַנגט אַזוי ווייניק, וואָס איז גרייט זיך אייגנהענטיק אָפּצושיילן די הויט, אין אַן

אנדערער אריינצושפּרינגען וואָס וויל יוצא זיין מיט יום־כּיפּור אין דער דייטשער שיל און מיט קבר־אָבות, מוז אויך זאָגן דעם יהי־רצון: לאָזט מיך!

— לאָזט מיך זיין, וואָס איך בין, בחדרי חדרים, אונטער ריגל און שלאָס; אין גאַס און עפנטלעכע הייזער וועל איך טראָגן וואָס פאַר אַ מאַסקע איר ווילט!

— זייט ליבעראַל! איר זעט, איך שטאַרב גלידערווייז אָפּ, זייט נישט קיין אומגעדולדיקע יורשים און טוט מיך נישט מיט געוואַלט! —

און מיט אַ זיס חניפהלע ליגט ער צו:

—און אפשר וועל איך מיט דער צייט אַליין קומען! אַנישט איך — מיין זון, מיין אייניקל, — די טעכטער מיינע האָב איך שוין לאַנג, ווי לוט אין זיין צייט, אייך אַרויסגעשטופּט פון טיר...

— און אין וואָס גייט עס? אין היינטיקן טאָג! די גאָלדענע פאַרגאַנגענהייט האָב איך אייך שוין לאַנג פאַר די פיס געוואָרפן און איר האָט זי מיט די פיס צעטרעטן, און איך שעם מיך אצינד מיט איר. איך לעז אייערע „זיכרונות” און פאַסט אייערע תעניתים, און פריי מיך אין אייערע ימים־טובים. פון דער צוקונפט האָב איך נישט וואָס צו קלערן, — מיין שמאָל און פלאַך טייכל מוז אין אייער ברייטן טיפן ים אריין און דאָרט פאַרשווונדן ווערן! אויפן מאָרגנדיקן פעלד זיי איך נישט און אַקער נישט, עס זאָל קאָנען עפּעס פאַר מיר וואַקסן!

זייט ליבעראַל, שענקט מיר דעם ה י נ ט י ק ן טאָג!

יאָ, אַפילו „אויסטוישן דאָס רענדל” קאָן מען נישט אָן זייער ווילן.

כּל־זמן איינצלנע טוען עס, זאָגט מען נאָר „גיורא עד עשרה דרא”! זאָל אָבער קומען אַ מנין אַסימילאַטאָרן! מען וועט פאַר זיי דעם ק ל ו י ס־ט ע ר פאַרמאַכן...

לאָמיר עפענען דאָס פענצטער אין דער פינצטערער נאַכט און זוכן וואָס עס איז פאַר אַ שימער אין שטאָלערנעם הימל.

אין דער לעצטער רגע האָט דער ענגלענדער אוועקגעכאַפּט דאָס מעסער פון בורס האַלדז... זאָל זיין, מען האָט געוואָלט פאַרכאַפּן „די קאָראָנאַציע פאַר דער אָפּעראַציע”, דאָך וואָלט עס פאַר פופציק יאָר אומעגלעך געווען; דערצו מוז מען דאָך האָבן דאָס ג ע פ י ל, אַז דאָס רעכט ליגט דאָך נישט אויף דער שפּיץ שווערד!

דער אַמעריקאַנישער לייב האָט אויסגעריסן פון די שפּאַניש־וועלפּישע ציין אַ שעפּעלע — די אינדזל קובאַ, און האָט עס אַליין אויך נישט איינגעשלונגען, נאָר באַפרייט: גיי, לעב דיר דיין אייגן לעבן.

אין פראַנצױזישן פּאַרלאַמענט האָט מען אָפן גערעדט װעגן שלום מיט דער גאַנצער װעלט, אפילו מיט דײַטשן. נ ק מ ה צװישן פעלקער האָט אױפגעהערט צו זײַן אַ הײליק פּאַטריאָטיש געפיל, און דער פּאַרלאַמענט האָט קריעה נ י ש ט געריסן! בורזשואַ האָט אױסגערופן פראַנקרײַך, די אײביקע אַקושערקע, װאָס העלפט שטענדיק דער מענטשהײט, װען זי ליגט אין קימפּעט מיט אַ נײַער אידײע, זי זאָל זײַן די ערשטע (נאָטירלעך אױף רוסלאַנד געשטיצט) און פּאַרלײגן, אַז די פעלקער זאָלן זיך אַנטװאָפענען און צעלאָזן די אַרמײען!

באַ! אַן אָפיציר פון דער פראַנצױזישער אַרמײ האָט אַ העברען פון זיך געפּאַטשט! דאַכט זיך „אחת דתו להמית".

און דאָס קריגס־געריכט האָט אים נישט געהײסן הענגען, נישט קעפּן און איז יוצא געװען מיט אַ פּסק פון דרײַ יאָר פעסטונג און אױסשטרײַכן פון דער אַרמײ.

עס האָט זיך אַרױסגעװיזן, אַז מען האָט דעם אָפיציר דענערװירט, אין דער לעבער אַרײַנגעקראָכן, און דאָס קריגס־געריכט האָט געזאָגט, אַז אַ סאָלדאַט איז אױך אַ מענטש און אַז די מיליטערישע דיסציפּלין האָט אױך אירע גרענעצן...

נישט קײן נײַע, נאָר פונק־נײַע װערטער?

אַלץ װי אָפּהענגיק פון זײַ; זײַ מוזן פריער בעסער װערן, אונדז זאָל בעסער גײן, נאָר צו דעם איז נאָך װײַט, זײער װײַט...

אַפילו די רציחות אין רומעניען האָבן זײ נישט גערירט!

אין די עסטרײַך־אונגאַרישע דעלעגאַציעס האָט דער אױסלענדישער מיניסטער גאָלובאָװסקי געזאָגט, אַז עסטרײַך־אונגאַרן קאָן פאַר יידן אין רומעניען גאָרנישט טון; יעדערער איז באַלעבאָס בײַ זיך אין דער הײם. און קײנער האָט נישט געפרעגט, פאַרװאָס האָט זיך עסטרײַך־אונגאַרן אָנגענומען פאַר די אַרמענער און אָפּגעריסן באָסניען און הערצאָגאָװיניען פון דער טערקײַ, אַבי אײַנצופירן עסטרײַכישן יושר. און די טערקײַ האָט קײנעם קײן פרײַהײט נישט צוגעזאָגט, קײן טראַקטאַט נישט אונטערגעשריבן, און האָט עסטרײַך גאָרנישט צו פאַרדאַנקען...

מען האָט נישט געפרעגט, װײַל יעדערער האָט געװוּסט, אַז עס איז אין רומעניען קײן יידישע פּראָװינץ צוצונעמען נישט פאַראַן!

אין עסטרײַכישן פּאַרלאַמענט האָט מען נישט באַקומען קײן צװאַנציק אונטערשריפטן, מען זאָל קאָנען פאַרשטעלן די יידיש־רומענישע פראַגע.

אין אונגאַרישן פּאַרלאַמענט האָט אַ פּױערישער אָפּגעאָרדנטער יאָ

געפרעגט וועגן רומעניען, און דער מיניסטער־פּרעזידענט שעלי האָט גע־ענטפערט: זייט רואיק, די גרענעצן פאַר יידיש־רומענישע עמיגראַציע זענען פאַרמאַכט! אונדזערע אונגאַרישע יידן אַליין פאַרשטייען, אַז עס מוז אַזוי זיין, זיי האָבן עס אַליין כמעט פאַרלאַנגט!

אין ענגלישן פּאַרלאַמענט האָט באַלפור אויך בארואיקט דעם עולם מיט דער פאַרזיכערונג, אַז ביז היינט האָט זיך די עמיגראַציע פון רומע־נישע יידן נישט געשטאַרקט, און, אַז סיר־ווי־סיי זיצט אַ קאָמיסיע און קלערט, ווי אַזוי אַזוינע זאַכן צו באַוואָרענען...

און אַפילו די פאַרייניקטע שטאַטן האָבן געענטפערט אויף אַ פראַגע פון דער יידישער זייט, אַז זיי קאָנען נישט פּראָטעסטירן...

די אַמעריקאַנישע לאַנגע הענט, וואָס דערגרייכן ביז שפּאַניען וועגן קובאַ, זענען צו קורץ צו דערלאַנגען ביז רומעניען וועגן אָרעמע יידן...

און דערווייל לאָזן זיך צוויי טויזנט רומענישע יידן קיין ווין צו־פוס...

און דאָס איז דער „החלוץ לפני המחנה" — די ערשטע, וואָס גייען, עס וועט זיך ערשט אָנהויבן, ווי די היישעריקן וועלן זיי גייען, ווי די היי־שעריקן וועט זיי טראָגן דער ווינט, און ווי די היישעריקן וועט מען זיי טרייבן פון גרענעץ צו גרענעץ...

דאָס אַלץ ווענדט זיך אָן זיי!

עס איז אַזוי קלאָר, ווי דער טאָג, און דאָך נישט אַלע ווייסן עס!
אין ווייַמאַר איז געווען אַן אסיפה פון דייטשע סטודענטן.
צווישן אַנדערע האָט מען פון אונדז אויך גערעדט.

אין זאַל האָט ארומגעשוועבט דער אַנטיסעמיטישער גייסט, רעדנער האָבן אונדז געוואַשן מיט בלאָטע, אויפגעוויזן, אַז סעמיטיזם איז אייביקער קעגנזאַץ פון גערמאַניזם, און ווי וויט נידעריקער דער סעמיטיזם איז, — און דעמאָלט האָט זיך אויפגעהויבן אַ יידישער סטודענט, אין קאַטאָוויץ גע־בוירן, דאָמבראָווסקי מיטן נאָמען, און האָט אין זיין אייגענעם נאָמען, ווי אויך אין נאָמען פון אַלע זיינע יידישע חברים פּראָטעסטירט.

— נישט דער סעמיטיזם — האָט ער געזאָגט — איז שולדיק, נאָר די יידישקייט! נאָר די יידישקייט שטייט קעגן דער דייטשער־נאַציאָנאַלער אידייע! נאָר מיר — האָט ער הויך גערופן — זאָגן זיך פון דער יידישקייט אָפּ, מיר ווילן אויסטוישן די מאַקאַבעער אויף האָהענצאָלערן, ישעיה און ירמיה אויף שילער און געטע — צי ווילט איר דען נישט, מיר זאָלן זיך אַסימילירן?

און אַז מען האָט פון אַלע זייטן גערעגטפּערט: „ניין, ניין!" האָט דאַמבראָווסקי דאָך נישט אָפּגעטרעטן און געזאָגט, אַז עס העלפט נישט, ער און זיינע חברים מוזן זיך אַסימילירן...

די ד יי ט ש ע סטודענטן האָבן געפּיפן און געלאַכט, ד י יי ד י ש ע — געשוויגן...

ווי אַזוי קאָן מען זיך באַוואָרענען פאַר אַזוינע רעדנער און אַזוינע שווייגער?

וואָס קאָן אונדז פאַרזיכערן, אַז אונדזערע אייגענע קינדער וועלן נישט אַזוי רעדן אָדער אַזוי שווייגן, און נישט פאַרמערן מיט זיך די ריטער פון שמוציקן בעזים, מיט וועלכן מען פּאַטשט אונדז איבערן פּנים, און מען טרייבט אַרום, ווי פוילע בלעטער פון אָרט צו אָרט?

אין דער פרעמד, אין דער אָ פּ ה ע נ ג י ק יי ט קאָן אונדז העלפן נאָר די נאַציאָנאַלע שולע...

דאָס איז אויך, דאַכט זיך, אַזוי העל ווי דער טאָג, און דאָך פאַרשטייט עס נישט די פּיליע פון מפיצי השכלה אין אָדעס, ווייל באַיין־אופן נישט פאַרגרעסערן די צייט פאַר יידישע זאַכן אין די חברהשע שולן...

— פון דער הויך — האָט אַ געוויסער סאַקער געזאָגט — קוק איך אַראָפּ אויפן נאַציאָנאַליזם, ווי משה פון באַרג סיני אויפן עגל...

— די אַמעריקאַנער — האָט מרגליות גערופן — האָבן אויך קיין נאַציאָנאַלע שולע נישט...

ווי קרום מוז זיין אַ מענטש, וואָס גיט אַזאַ פאַרגלייך, און ווי נידעריק דער, וואָס שטעלט זיך אַליין אויפן באַרג־סיני...

נאָר אַלץ וועגדט זיך אָן זיי. דאָס בייזע ווי דאָס גוטע...

דער קוראַטאָר פון אָדעסער ראַיאָן האָט פאָרגעשטעלט דעם בילדונגס־מיניסטעריום אַ פּראָיעקט, מען זאָל די יידישע שולן איבערמאַכן פון צוויי־אויף דריי־קלאַסיקע, עס זאָל זיין מער צייט פאַר יידישע זאַכן...

עטלעכע היימישע פונקען:

אין ירושלים איז געענדיקט און געעפנט געוואָרן דאָס הויז פון אונדזער נאַציאָנאַל־ביבליאָטעק, וואָס מיר האָבן דעם דר. כאַזאַנאָוויטש צו פאַרדאַנקען.

אין פאַריז האָט מען געעפנט אַ יידישע פאָלקס־אוניווערזיטעט, פאַר־צוטראָגן יידישע געשיכטע, העברעאיש, פראַנצויזיש א. ד. ג.

די יידיש-וואַרשעווער געמיינדע האָט געעפנט אַ ניי שפּיטאָל און פון פּריוואַט נדבות אַ שולע אין טשענסטאָכאָוו פאַר ערד-אַרבעט און דאָרפס-ווירטשאַפט, אויסער אַלגעמיינער בילדונג, רעליגיע און העברעאיש נ י ש ט פאַרפעלט.

אין אונדזער היימיש פּאָליטישן לעבן האָט זיך געמאַכט נאָך אַ בלעטל — אַ חברה „חירות", מיטן צוועק מילחמה צו האַלטן מיט דער אַסימילאַציע אויסערן ציוניזם און אין ציוניזם, מילחמה צו האַלטן מיט פאַלשע בעלי-טובות, מיטן אַליאַנס, יק"א, וכדומה...

געבענטשט זאָלן שטענדיק ווערן די הענט, וואָס הויבן זיך אויף אָפּצורייסן די מאַסקן פון פאַלשע פּנימער, וואָס נעמען ווידלעם אויסצו-רייניקן אונדזער שטאָל, בעזימס אַרויסצוטרייבן פון בית-המקדש די אידייען-הענדלער...

נאָר פאַר יק"א האָב איך אַ גוט וואָרט.

פאַר נאַציאָנאַליסטן איז עס די איינציקע צווישנלענדישע יידישע אינסטיטוציע, דאָס לעבעדיקע צייכן פון אונדזער אחדות; דער ציוניזם דאַרף נישט בייז זיין, אויב יק"א באַשעפטיקט זיך נאָר מיט זיין „קעגנ-וואַרטס-פּראָגראַם", קיין שאָדן ברענגט יק"א נישט...

יולי, 1902.

4.

איך וועל אייך מאַכן אַ סיורפּריז — אַן איבעראַשונג...

אויפֿן אָרט פֿון אַ שווערער, טיפֿער און אַ ביטערער כראָניק, פֿון וועל־כער מילך ווערט געראַנען אין טאָפּ, פֿון וויין ווערט עסיק אין פֿלאַש און פֿון בלוט אין די אָדערן ווערן שטעכעדיקע שפּילקעס, — וועל איך אייך געבן — טרעפֿט וואָס?

אַ לעבעדיקע סצענע, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט אין אונדזער רעדאַקציע.

די פּערזאָנען: א י ך און דער ר ע ד אַ ק ט אָ ר; פּ אַ ר ד אָ ן — דער ר ע ד אַ ק ט אָ ר און א י ך . . .

איך בין אייך נישט מחויב פֿ אָ ר צ ו ש ט ע ל ן די פּערזאָנען, — איר קענט מיך, דעם רעדאַקטאָר אַוודאי...

ע ר ש ט נ ס — שרייבט ער (די געפּערלעכסטע קאָנקורענץ פֿאַר שרייבער), צ ו ו י ט נ ס — קוקט ער אַרויס פֿון יעדער שורה, פֿון יעדן וואָרט מיט שער און בליישטיפֿט...

דאַרף איך אייך זאָגן, אַז כאַראַקטעריזירט זענען מיר: ע ר אַלס יצר־טוב, שטיל און ערנסט, טיפֿע טרויעריק־פֿייכטע אויגן און צום הימל — צוויי ווייסע, שניי־ווייסע פֿליגל... אַ ז ו י זעט מען אים די פֿליגל נישט אָן, נאָר „סאַם־נאַ־סאַם" אין רעדאַקציע, אין אַ זומער־טאָג, אַז ער טוט אויס די מאַרינאַרקע (די באַרימטע היסטאָרישע מאַרינאַרקע) קומען די פֿליגל אַרויס בולט. א י ך ווייטער — אַלס יצר־הרע פֿון לאַכן, בקיצור געזאָגט אַלס „חוזק", נאָר, חס־ושלום, נישט גלאַט חוזק — מיט אַ פּ י ל אָ ז אָ ־ פֿ י ש ן סאָוס...

אויפֿן אָרט פֿון שער און בליישטיפֿט, קומט דער יצר־טוב אַריין מיט אַ פּאַק צייטונגען אַלס מאַטעריאַל צו ראש־חודש (שטרוי גיט ער!), א י ך — שפּיל מיך מיט מיין פֿאַרכישופֿטן שפּיגעלע, אַ מתנה פֿון אַ געהאָנגענעם כישוף־מאַכער, און וועלכן (דאָס שפּיגעלע מיין איך) עס קומט אַלץ אַרויס ק אַ פּ ו י ר ...

נאַטירלעך קוק איך אין שפּיגעלע אַריין און לאַך; דער רעדאַקטאָר בעט זיך: זיי ערנסט!

און ער גייט צו מיר צו, שטרייכלט מיר מיטן עק פון ווייסן פליגל איבערן קאָפּ און זאָגט:

— עס איז שוין צייט!

און איך פיל, אַז אונטער זיין ווייסן פליגל ציען זיך אויס מאַט און פאַרזילבערט מיין לעצט ביסל געקרייזלטע שוואַרצע האָר... אין אַלע רמ"ח איברים און שס"ה גידין לייטערט זיך מיר דאָס געבליט און ווערט קלאָר און שטיל, ווי דער סמבטיון לכבוד שבת... און שטיל און רואיק מאַכן זיך מיר די אויגן צו, ווי צו אַ זיסן שלאָף מיט נאָך זיסערע חלומות... אַ דורכזיכטיקער, נאָר עפּעס אַ ווונדערלעך טרויעריקער נעפּל נעמט מיך איינגאַנצן אַרום... און אין נעפּל, אין האַלבן דרימל הער איך זיינע ווייטערע רייד:

— און געדענק, דו ביסט אַ שרייבער! מיט עטלעכע טויזנט יאָר צוריק וואָלסטו אַ נ ב י א געווען, וואָלסט געמוזט זיין!

— און נביאים לאַכן נישט! עס ל א כ ן נאָר פ א ל ש ע נ ב י א י ם, אַראָפּגעשטויסענע מלאכים, דער גיהנום לאַכט!

— נביאים לאַכן נישט! אין הייליקן גרימצאָרן שפּאַלטן זיי פעלדזן, ברעכן זיי מ ו י ע ר ן, וואַרפן זיי צ ע ד ע ר ן; אין שטילער געטלעכער ליבע טרינקען זיי פאַרחלשטע מידבר-גרעזלעך מיט וואַרעם בלוט פון האַרץ, מיט האַרציקע טרערן פון אויג...

— עס איז „ראש-חודש", נישט „שטעט און שטעטלעך"!

— עס איז אַ חודש לעבן, אַ חודש יידיש לעבן...

— ביסט שוואַך און עסטעטיש, גראָב דיך איין אין טאָרף, גראַבל נישט אין זומפּ, רייס די גלות-בלימלעך פון אויבן!

— עס וועט זיין געגוג צו פאַרטרייבן דעם ג ל י ק ל ע כ ן שמייכל פון חתן-כלה אונטער דער חופּה, ווי דעם חוזק פון מאַרשאַליקס אויסגעאַקערט פּנים...

— אין י מ י ם נ ו ר א י ם, אין די שרעקלעכסטע צייטן, שטעלסטו דיך פאַר אַן עידה יידן צום עמוד, דו ביסט זייער ש ל י ח - צ י ב ו ר... אַ ש ל י ח - צ י ב ו ר ביסטו!

נאָר ווי ער האָט דעם „שליח-ציבור" דערמאָנט — ווי מיט דער האַנט אַוועקגענומען!

דער נעפּל אַרום מיר איז פאַרשוווּנדן, די אויגן עפענען זיך, דאָס

שפּיגעלע בליצט און עס ווייזט מיר אַ „שליח־ציבור" — מיין אַלטן קליינ־שטעטלדיקן שליח־ציבור...

אַ חנוודיק יידעלע, אַ קליינס, אַ דאַרס! אַזוי אויסגעמאַטערט, אויס־געטריפטע אייגעלעך, צוויי אָפּן געלאָזטע פענצטערלעך אין אַן אַלטער חורבה פון אַ פאַרגעסן הויז... ביים עמוד — לעבט ער! אויף קרומע הינערשע פיס־לעך טאַנצט ער „ממעמקים" קעגן די לייבן און הירשן אויפן אויסגעקראַ־בענעם מיזרח און אַ רענדל פוס קוקט אַרויס פון אַ לאָך אין אַלטן זאָק... די צו־גרויסע שיך קלאַפּן צו צום טאַקט... די הרוגי־מלכות באַווײנט ער מיט אַ קנאַקעדיקן פּאַלקאָוואַי מאַרש זכר־לשיפקא, אין „כי הנה כחומר" צעגיסט ער זיך, ווי אַ קליין קינד ביי דער מוטערס פאַרטעך אין אַ קליין רוסישער „וויעציערינאַ" און צום פּורימדיקן „שושנת־יעקב" גייט „יאַנ־טעקס" ליד פון מאַניושקאַס „האַלקאַ"!

איך לאַך, לאַכנדיק גיב איך אַ בלאָז אויפן שפּיגעלע, יענער שליח־ציבור פאַרשווינדט, עס באַווייזט זיך דר. ביק... נאָר דער רעדאַקטאָר רירט זיך באַליידיקט אויפן בענקל...

— זיי ערנסט — זאָגט ער שאַרפער ווי געוויינלעך — וויכטיקע ענינים!...

ער עפנט דאָס פּעקל ציימונגען, עס בלענדן פאַרשידנפאַרביקע הילן... ער בלעטערט אומגעדולדיק. איך פאַרגעס אַ ווײלע אָן שפּיגעלע, און עס מאַכט זיך אָן אַנדער שמועס.

ע ר : מען האָט אָפּגעציילט עלף מיליאָן יידן... עס מוז זיין מער... אַ סך ציפערן מיט פראַגע־צייכן...

א י ך : און וויפל אַבאָנירן דאָס בלאַט?

ע ר : ווייניקער ווי עלף מיליאָן (אַ העוויה אויפן פּנים)... אַ סך אַבאָנירן, מער ווי אַ סך לעזן... נאָך מער הערן זיך איין, ווי אַנדערע לעזן — נישקשה...

א י ך : הם!

ע ר : באַ!

ער האַקט זיך אָפּ, ער מישט ווייטער.

ע ר : אַ פּאָגראָם אין גאַליציען... פעלד־אַרבעטער שטרייקן קעגן די פּריצים און שלאָגן י י ד ן ...

א י ך : אַ נייעס! ווער מען דען זאָלן זיי שלאָגן? זאָלן זיי אָנרירן אַ פּריץ — האַ־האַ! פּאָליציי, מיליטער!...

ע ר : (האַלב דערשראָקן): אפילו אין ניו־יאָרק אַ פּאָגראָם...

א י ד: ביי ר' יוספּס לוויה...

ע ר: אהא! צופיל יידעלעך צוזאַמענגעקומען...

א י ד: על־כּל־פּנים צופיל פאַר אַמעריקאַנער דייטשן...

ע ר: און דאָך האָט דער גענעראַל לעאַ, כּמעט אין נאָמען פון קייזער, אפילו פּן פויפּסט, געזאָגט, אַז אַלע זענען גלייך...

א י ד: עס פרייט זיך טאַקע דער וואַרשעווער איזראַעליט...

ע ר: דאָך צופיל יידן מיטאַמאָל זענען געפּערלעך...

א י ד: אויך קיין נייעס; דאָס האָט שוין דער מדרש געוווסט... „בני ישראל — זאָגט ער — די קינדער פון ישראל — נמשלו — זענען געגליכנט — לדגים — צו פיש", מיינט מען: צו הערינג... שאספּתן היא שחיטתן — ווו אַ סך מיטאַמאָל, שעכט מען... מאַנטאַגיו אין לאָנדאָן וויל טאַקע צעשפּרייטן דעם לאָנדאָנער ווייטשעפּל און צעזייען איבער גאַנץ ענגלאַנד... וואַרשעווער אַסימילאַטאָרן ווייסן עס פון לאַנג. אַז צוויי טרעפן זיך אין אַ קריסטלעך הויז, שטייען זיי קיינמאָל נישט צוזאַמען, נאָר יעדערער אין אַ באַזונדער ווינקעלע... זיי גריסן זיך אפילו נישט, קענען זיך נישט! באַמערקט נישט איינער און גייט נאָענט צו צום צווייטן — באַקומט ער אַ ווונק מיט אַ פינגער: וואַנדער ווייטער...

ע ר: עס איז דאָך נישט אַזוי שלעכט...

דער סענאַט פון בערלינער אוניווערזיטעט האָט מ ס כ י ם געווען אויפן יידישן נ אַ צ י אָ נ אַ ל י ז ם; דערמיט, שרייבט דער „וואָסכאָד", האָט ער אויך מסכים געווען אויפן ציוניזם...

א י ד: וואָס דאַרף מען עס, אַז מען האָט שוין אַ הכשר פון רבנים?

ע ר: דר. כּאַזאַנאָוויטש שיקט אַרויס צום בית־נאָמן אין ירושלים אַ נייעם טראַנספּאָרט וויכטיקע ספרים, זעלטנהייטן...

א י ד: באַ! דער בית־נאָמן אָבער, — זאָגט מען — איז פאַרשריבן נישט אויפן קהל, נאָר אויף נאָמען פון אַ פּריוואַט מענטש... אפשר נאָך אַ סוחר... ער קאָן מיט דער צייט זאָגן: עלי כּתיב... אָדער באַנקראָטירן און די בעלי־חובות וועלן צוטרעטן...

ע ר: לאָמיר האָפן, אַז דער נאַציאָנאַל־פאָנד וועט זיך שטאַרקן... מען וועט מיט געלט אַלץ מאַכן, פאַרשרייבן אויף קהל...

א י ד: ירושלים — קהל? וועלן קומען די רבנים און וועלן זי פאַרמאַכן, ווי סטראַשונס ביבליאָטעק אין ווילנע...

דער רעדאַקטאָר (דער יצר־טוב) ווערט גרין און געל, ער שטאַרקט זיך דאָך און זאָגט ווייטער:

— דר. הערצל איז שוין צוריקגעקומען פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל...

א י ך : מיט לײדיקע הענט...

ע ר : (אומגעדולדיק): נישט דאָס איז דער עיקר! דער עיקר איז, מען האַלט אונדז פאַר אַ צד, דעם קאָנגרעס — פאַר אַ פּאָליטישע אינ־סטיטוציע, דעם דר. הערצל — פאַר אַ גערעכטלעכן פאָרשטייער... מען אונטערהאַנדלט מיט אונדז, כמעט ווי אַ רעגירונג מיט אַ רעגירונג... דערצו זענען מיר שוין געקומען!

עס שטעקט דערינען אַ סך אמת, עס איז אפשר אינגאַנצן אמת, נאָר אַ רעדאַקטאָר טאָר מען קיינמאָל נישט רעכט געבן, איך האָב מיך איינגעשפּאַרט און זאָג:

— עס, טערקישער אַפּעטיט צו די פּאָר גראָשן אין באַנק!

דער יצר־טוב — דער רעדאַקטאָר ווערט בלאַס, דער שמועס האַקט זיך אָפּ אַ ווײַלע, איך וויל זיך צוריקנעמען צו מיין שפּיגעלע. איך פיל, איך וואָלט דאָרט עפּעס שיינס געזען, נאָר ער רעדט ווייטער...

ע ר : (זיפצט און רעדט): אַ וויסטע כמאַרע גייט, אויף פּוילן גייט זי... אַ וויסטער אַרטיקל אין „נאָוואָיע ורעמיאַ"...

מען דאַרף — זאָגט די „נאָוואָיע ורעמיאַ" — פאַרווערן די יידן זאָלן אין פּוילן קיין גיטער נישט קויפן...

א י ך : ביי פּויערים קויפן טאָר מען שוין לאַנג נישט...

ע ר : ביי פּריצים מיינט ער...

א י ך : מאי טעמאַ?

ע ר : די יידן, זאָגט ער, קויפן אויס אַלע גיטער, פּריצים בלייבן אָן ערד...

א י ך : שקר — אַ קינד אין וויג ווייסט, אַז די גיטער אין יידישע הענט ווערן אַלע מאָל ווייניקער — זיי צעגייען, ווי זאַלץ אין וואַסער —

ע ר : ביכלל דאָס יידישע פאַרמעגן — —

א י ך : געוויס... תפילה עושה מחצה, פון „זרענו וכספּנו" נאָך דער הבדלה, ווערט מקוים דאָס ערשטע...

ע ר : נישט שטענדיק דאָס ערשטע...

א י ך : אויסער, ווו צוויי־און דריי־קינדער־סיסטעם...

ע ר : באַ!...

א י ך : אַלץ פאַלט אָפּ, ביפרט ערד, וואָס רוקט זיך אונדז

שטענדיק ארויס פון אונטער די פיס... און ביפרט אין פוילן, ווו ערד און קלויסטער זענען גלייך הייליק...

ע ר: עט, ביי פויערן אפשר! פויזנער פריצים פארקויפן די גיטער דער האקאטישער באנק...

א י ד: און דאך יאגט דער ווארשעווער „איזראעליט" יידישע האַ־קאטיסטן...

ע ר: אן פאקטן...

א י ד: ווער דארף פאקטן? אבי מען רעדט... נאר דער „איזראע־ליט", אז ער רעדט, מילא...

ע ר: אבער אז „נאוואיע ורעמיא" רעדט...

א י ד: שקרים!

ע ר: זאל זיין שקרים, זי האט א דיעה אין פמליא של מעלה... עס קאן זיין א גזירה...

א י ד: געוויס...

נאר אויפן ארט פון זיפצן האב איך מיך צעלאכט.

נישט גערנווייליק האב איך אין שפיגעלע אריינגעקוקט...

איך האב דעם בעלעמער רב דערזען!

נישט איינעם פון די היינטיקע פיר בעלעמער רבנים; די היינטיקע אלע פיר מיט אלע אלופי־בעלם צוזאמען זענען ווערט אן אויסגעבלאזן איי, איר זאלט אפילו צוליגן דעם קאזיאנע רב... זיי אלע האבן קיין דיעה נישט...

אן אלטן „מאור־הגדול" זע איך...

אין א קאפטאן מיט סטראקעס... בייזע ברעמען, שארפע אויגן, א הארטער ספאדעק מיט שטעכעדיקע האר... א בארד ביזן גארטל...

א פאפיר ציטערט אים אין דער האנט...

א פאפיר פון פוילישן סיים...

דער פוילישער סיים פרעגט אן, צי װאלט נישט גלייך געוועזן, יידן זאלן זיך אביסל קאלאניזירן... ווייניקער קרעמער װאלט נישט געשאדט... ערד וועט געבן דער סיים, וויפל מען דארף, וויפל מען וועט ווילן...

— היה לא תהיה! — שרייט אויס דער בעלעמער רב, און ווארפט פריער דאס פאפיר און דערנאך דעם ספאדעק אן דער ערד, פון יידן פויערן מאכן? און תורה ווער וועט לערנען?

און איך גיב א בלאז אין שפיגעלע אריין און זע א נייע סצענע:

א ריינער בלויער הימל, א גילדענער זומער־טאג... פעלד און וואלד בלענדן מיט טויזנטער העלע פארבן, — שארן לוסטיקע פייגעלעך שווימען

אין די לופטיקע ליכט־פּאַליעס און שניידן זיי דורך מיט געזאַנג... און אויפן ברייטן טראַקט, ווי אַן עמוד־ענן, פּאַרט אַ ברייט געעפנטע קאַרעטע מיט וואַרשעווער פּאַרזאָרגער... מען זעט זיי אין די אויגן, אַז זיי האָבן גע־לייזט די יידישע פראַגע „על צד היותר טוב” — די נעז גלאַנצן פול מיט נחת! זיי האָבן אין טשענסטעניעוו 1) אַ שולע געעפנט, מען וועט יידישע קינ־דער ערד־אַרבעט לערנען... מען וועט מיט דער צייט גיטער קויפן, פּאַר־צעלירן...

אויס קליינע קרעמער! אויס הענדלער, פּאַקטוירים, לופט־שלינגער, מעקלער אין צירקל ביי פּאַספּאָרטן און נולדים וניפטרים. אויס „פּאַר־דער־באַנק־דרייער”, „לאָטעריע־מאַכער”, היימישע פּאָסט־פירער, לעבעדיק פלייש־הענדלער, ביי־דער־גרענעץ־עמיגראַנטן־שינדער... אויס, אויס!

אויף דער ערט וועט מען זיי באַזעצן...

און אין מיזרח־זייט רוקט זיך שטיל אַרויס אַ קליין שטיקל וואָלקן — „נאָוואָיע ווּרעמיאַ”...

איך דערצייל דעם רעדאַקטאָר די סצענע און ער פאַלט צוריק אויפן בענקל...

באַלד שפּרינגט ער דאָך אויף, ער האָט קעגן מיר אַ ניי כלי־זיין געפונען!

— גאָט אין הימל, צי האָסטו פאַרגעסן אַנטאָקאָלסקין?

דאָ וועט שוין שווייגן דיין פאַרשאָלטענער שפּיגל!

איך וויל מיך פאַרקרימען, גלאַט אַזוי, עס האָט זיך מיר געוואָלט פאַרקרימען און ער שפּרינגט אויף, נישט ווי עס פּאַסט פאַרן יצר־טוב —

— שקר! שרייט ער, מען האָט ביי אים קיין קבורה־געלט נישט גע־נומען! אַנטיסעמיטן האָבן אויסגעטראַכט...

איך שפּאַר מיך נישט און ער באַרואיקט זיך.

— מען מוז זיין ערנסט, — זאָגט ער — אַז אַ פּראָסטער מענטש שטאַרבט, נעמט מען זיך אויך צום האַרץ...

„והחי יתן אל לבו” האָט שלמה־המלך געזאָגט!

„עס איז אַ רעטעניש, אַן אייביקע שרעקלעכע רעטעניש”...

און דער יצר־טוב גייט באַוועגט אַרום איבער דער שטוב און רעדט:

— אַ מענטש גייט אַרום, אַ מענטש מיט אָפענע אויגן...

— מיט אַן אָפן מויל — העלף איך אונטער...

---

1) אפשר — טשענטאָכאָוו? — (רעד.).

— מיט פרייע הענט...

— אויב מען קוקט נישט אויף זיי...

— און פּלוצים, איידער דו קוקסט זיך אום — ואיננו! די ערד האָט אים איינגעשלונגען...

דאָרט ליגט ער — די אויגן געשלאָסן, דאָס מויל פאַרמאַכט... די האַנט — טויט!...

— אַך! — ווער איך אויך גערירט, דער עיקר פון די טויטע הענט, וואָס קאָנען שוין אַפילו קיין פליג נישט אָפּטרייבן...

— ביפּרט — ציט ווייטער זינגענדיק דער יצר־טוב — ביפּרט אזא אַנטאָקאָלסקי...

אַ מענטש, וואָס איז אַרומגעגאַנגען צווישן אונדז מיט אַ גאָלדענער קרוין אויפן קאָפּ...

מיט אַ גאָלדענער קרוין, פון וועלכער עס האָבן שטראַלן געשלאָגן אויף גאַנץ כנסת־ישראל...

מיט אָפענע אויגן... און פון די אויגן האָט אַרויסגעקוקט אַ ריינע גאָלדענע נשמה... אַ רוח־הקודש, כביכול — די שכינה... מיט פרייע הענט... מיט די הענט...

איך ווער צערודערט:

— וואָס האָבן געטון די הענט?

זיי האָבן דאָס שניידערל געמאַכט...

— דאָס בלינדע שניידערל, וואָס ציט אַריין אַ גראָבן פאָדעם אין אַ דינע נאָדל?

— אהאַ! און די „אינקוויזיציע”, וואָס ער האָט יונגערהייט נאָך אָנגעהויבן, האַ?

— און נישט געענדיקט, וואָס? די אינקוויזיציע, פון וועלכער די פרומע דינסט האָט אַ הינער־שטייג פאַר כפּרות געמאַכט!

— אָ, די פּינטלעכקייט, — קרעכצט דער יצר־טוב — זיי האָבן אים נישט פאַרשטאַנען... די ווילנער מלמדים האָבן געוואָרנט די קינדער, זיי זאָלן נישט שניצן... „נישט אַלע קאָנען זיין דעם קייזערס בעלי־מלאכות”... זיי האָבן שפּעטער אויך נישט פאַרשטאַנען...

— וואָס?

— זיין ק ר י ס ט ו ס, זיין איוואַן דעם בייזן...

— מיט שטראַלן אויף דער כנסת־ישראל?

— שאָוויניסט! — זידלט מיך דער יצר־טוב...

עס שאַדט נישט, וואָס ער איז אין פרעמדע נשמות אַריינגעקומען, אין פרעמדע הערצער געגראַבלט...

ער איז טריי געבליבן זיין פאָלק!...

הער: געבוירן אין ליטווישן הארץ — אין ירושלים דליטא... גע־לערנט אין אַ ליטוויש חדר, ביז אין דער לעצטער מינוט מלעיל ומלרע נישט פאַרגעסן! פון אַ יידיש ווערטל נחת געשעפּט! קיינמאָל נישט גע־שמדט! מיט די מאָנטעפיאָרעס זיך משדך געווען! דעם אייניקל מיט אַ בריוו אויפן קאָנגרעס געשיקט... אויף אַ יידיש בית־הקברות באַגראָבן... קיין קבורה־געלט נישט גענומען, שקר, שקר שקרים!...

און ער רעדט ווייטער און ווייטער, איך אָבער הער נישט. נאָך וואָס? דאָס וועל איך אין אַלע יידישע צייטונגען לעזן, דאָס האָט מען ביים אָפענעם קבר געזאָגט...

איך קוק דערווייל בעסער אין מיין שפּיגל!

און אין שפּיגל זע איך אַנטאָקאָלסקין אין דער לופט!

ער פליט אַרויף און פון דער שניי־ווייסער נשמה טיילט זיך אָפּ דער גוף און פאַלט אויפן יידישן בית־עלמין אין אָפענעם גרוב אַריין!

און ביים אָפענעם גרוב שטייען קהל און רב:

— אונדזער אַנטאָקאָלסקי! — רופן זיי כמעט מיט פרייד — און מ י ר וועלן אים באַגראָבן!

די נשמה דערווייל פליט אַרויף...

וווהין? מן־הסתם אין גן־עדן אַריין!

נאָר אין וועלכן?

— א י ן א ו נ ד ז ע ר ן! — בעט זיך דער „וואָסכאָד" מיט אַ דין וויינענדיק קולכל...

— ניע סמיי! — שרייט מיט אַ ריזיקן באַס איוואַן איוואַנאָוויטש איוואַנאָוו — „טי נאַש! וו נאַש ראַי לעטי!" דיין נשמה איז צו ריין, צו טיף, צו ערהאבן, צו געמליעך, זאָלסט נישט זיין אונדזער! וו נאַש ראַי, מאַרש!

די אָרעמע נשמה דערשרעקט זיך און פליט אַוועק ל י נ ק ס... דער אָרעמער קליינער „וואָסכאָד" שפּרינגט ווייטער מיט אַ כעס און כאַפּט אָן איוואַן איוואַנאָוויטשן ביים אויער — פון שטיוול...

און נאָך אַ בלאָז גיב איך אין שפּיגעלע אַריין און זע אַנטאָקאָלסקין אין ל י נ ק ן גן־עדן!

ביים טיש, ווו עס בליצט מיט אָרדנס און עפּאָלעטן, זיצט ער אויך...

דאָך פילט ער זיך נישט היימלעך...

ער האַלט אויך אַ שווימענדיקן בעכער אין דער האַנט, די האַנט אָבער ציטערט.

אינמיטן פאַלט ער צוזאַמען...

אַ פליישיקע שווערע האַנט האָט זיך אים אויף די דאַרע אַקסל געלייגט — —

— סלושיי, דיין איוואַן דער בייזער, אַ פּראַכט, כאָטש זיצנדיק! נאָר דיינע אַנדערע ארבעטן — זיי מיר מוחל — זענען צו יידיש.

דער רעדאַקטאָר — דער יצר־טוב — שטייט אויף, נעמט צו דאָס פּעקל ציימונגען און גייט שטילערהייט אַוועק...

אויגוסט, 1902

5

א קורץ צעטל פון רומענישע גזירות:

טויזנט אכט הונדערט פיראונזעכציק — יידן טאָרן קיין אדוואָקאַטן נישט זיין.

טויזנט אכט הונדערט זעקסאונזעכציק — יידן ווערן פאַרעכנט אַלס פרעמדע. דאָס נאַטירלעך באַפרייט זיי נישט פון דינען אין מיליטער, פון בלוט־פאַרגיסן פאַרן „פאָטערלאַנד"!

טויזנט אכט הונדערט דרייאונזיבעציק — יידן טאָרן נישט האַנדלען מיט בראָנפן.

טויזנט אכט הונדערט איינאונאַכציק — יידן ווערט דערלויבט דער פּאָליציי צו מאַכן, ווען עס פּאַלט איר איין, רעוויזיעס אין יידישע הייזער און אַרויסצוטרייבן פון לאַנד אומבאַקוועמע יידישע פאַמיליעס.

אין זעלבן יאָר ווערט וועקסל־ און קאָמיסיאָן־געשעפט דערלויבט אַלס מאָנאָפּאָל פאַר רומענער.

טויזנט אכט הונדערט דרייאונאַכציק — טויזנט אכט הונדערט זיבנ־אונאַכציק — עס ווערט פאַרמאַכט די לאָטעריע, און טויזנט יידישע פאַ־מיליעס, וואָס האָבן דערפון געלעבט, בלייבן אָן פּרנסה.

עס ווערט פאַרבאָטן פאַקנטרעגעריי און פינף טויזנט יידישע פאַ־מיליעס, וואָס האָבן זיך דערמיט באַשעפטיקט, בלייבן אָן ברויט.

יידן טאָרן קיין מיטגלידער אין האַנדלס־קאַמערן נישט זיין.

עס ווערט זיי פאַרווערט פאַרצוטרעטן פאַר פרידנס־ריכטער.

זיי טאָרן נישט דינען אַלס שטייער־איינעמער אין מאַגיסטראַט.

דער טאַבאַק־האַנדל ווערט יידן פאַרווערט.

זיי טאָרן קיין באַאַמטע נישט זיין; נישט אָנעמען קיין עפנטלעכע אַרבעט.

רומענער, וואָס באַשעפטיקן יידן אין דעטאַיל־געשעפטן, ווערן באַ־שטראָפט.

טויזנט אכט הונדערט ניינאונאַכציק — יידן טאָרן קיין וויכטיקע פּאָדריאַדן ביי אייזנבאַנען נישט אָנעמען.

טויזנט אַכט הונדערט זעקסאונייַנציק — די אומזיסטע פֿאָלקס־שולן וועלן פֿאַר יידן פֿאַרמאַכט. זיי קאָנען נאָר אָנגענומען ווערן דאַמאָלט, ווען עס בלייבט פֿרייער פּלאַץ נאָך די רומענער, און אויך מוז מען פֿאַר יידישע קינדער צאָלן.

טויזנט אַכט הונדערט אַכטאונייַנציק — מיטל־ און הויכשולן (גימ־נאַזיומס און אוניווערזיטעטן) ווערן פֿאַר יידן געשלאָסן.

טויזנט ניין הונדערט און איינס — די הויז־שענק פֿון ביר און קאַ־ווע, ווי אויך דער פֿאַרקויף פֿון פּאַרבייסן און בעקעריי־זאַכן ווערט יידן פֿאַרווערט.

און צום סוף (אויב צרות האָבן אַ סוף) דער לעצטער שלאַג:

טויזנט ניין הונדערט און צוויי — יידן טאָרן נישט אַרבעטן און האַנד־לען אין פֿאַבריקן...

פֿרעמדע (לעז: יידן) טאָרן זיך נישט באַשעפֿטיקן מיט קיין געווערב (מלאָכה), ביז זיי באַווייזן נישט, אַז אין זייער לאַנד האָט דער רומענער דאָס זעלבע רעכט...

אַלע פֿאַך־שולן ווערן פֿאַר יידן פֿאַרמאַכט; זיי טאָרן אויך נישט אַרייַנטרעטן אין די צעכן!

— — — — — — — — — — — — — — — —

אייראָפּע, וואָס האָט רומעניע באַפֿרייט פֿון דעם טערקישן יאָך און אויסגענומען, זי זאָל יידן גלייַכע רעכט געבן, זעט און הערט און שווייַגט, יעדער האָט אַזוינע זינד אויפֿן געוויסן (אויב פֿעלקער האָבן עס) — אַזוי־נע זינד, שווערערע, לייַכטערע — עמעץ זאָל קאָנען מוסר זאָגן יענעם און אַליין נישט רויט ווערן...

„און אַמעריקע — האָבן מיר זיך אויסגערעדט אין איינעם פֿון די פֿריערדיקע ראש־חודשן — אַמעריקע, וואָס האָט גענוג לאַנגע הענט גע־האַט, צו דערגרייכן ביז שפּאַניען און אויסרייסן איר קובאַ פֿון מויל, האָט צו קורצע הענט צו דערלאַנגען ביז רומעניען". נאָר אויב נישט גענוג לאַנ־גע הענט, אַ גרויס מויל האָט עס, שרייען קאָן אַמעריקע... און שרייען מ ו ז עס, ווייל טויזנטער און טויזנטער רומענישע יידן אַנטלויפֿן פֿון גיהנום, פֿון שעבט־הויז צום פֿרייען לאַנד... און אַמעריקע, אויבוווייל זי האַלט יידן פֿאַר פֿיין, גוט, ערלעך, פֿעיק און אַרבעטזאַם, קאָן אַזויפֿיל יידן מיטאַמאָל נישט פֿאַרדייען — און אַמעריקע איז אַרויסגעטרעטן מיט אַ געוואַלט־שרייענדיקן פּראָטעסט קעגן „רוצחישן, מערדערישן רומעניען!"

אייראָפּע (אויסער ענגלאַנד, וואָס ליידט גלייך מיט אַמעריקע אויף

יידישע עמיגראַנטן־קרענק) ש ו ו י י ג ט! זי, איז מען אָפיציעז מודיע אויפן ווונק, פילט זיך אַפילו באַליידיקט! סטייטש, ווי קומט אַמעריקע אַ דיעה צו זאָגן אין אייראָפּע?! סדומס טענה צו לוט!

דאָך גאָר אָן אַ ווירקונג איז דער אַמעריקאַנישער פּראָטעסט, פון ענגלאַנד אונטערגעהאַלטן, נישט געבליבן, רומעניען איז קלוג, רומעניען האָט פאַרשטאַנען, וואָס אַמעריקע און ענגלאַנד מיינען, און האָט אַרויס־געגעבן אַ שטילע, נאָר אַ נייע גזירה — מען זאָל יידן קיין אויסלענדישע פּאַספּאָרטן נישט אַרויסגעבן.

אַ קאָמפּאַניע עמיגראַנטן האָט מען פון דער גרענעץ צוריקגעפירט.

און אונדזערע אויסלענדישע אַסימילאַנטן האָבן אַוודאי פריי אָפּ־געעטעמט: פּטור פון רומענישע יידן!

עס וועלן פאַרמאַכט ווערן די באַראַקן, ביליקע קיכן, שפּיטעלער פאַר עמיגראַנטן; אויס קאָמיטעטן! און מען וועט זיך רואיק נעמען צו וויכטי־קערע פראַגן: צי מען זאָל איבערטראָגן שבת אויף זונטיק! צי איז די צאָל פון פריידיקער און קאַנטאָרן נישט צו קליין? וכדומה...

די רומענישע יידן וועלן זיך בראָטן אויפן לאַנגזאַמען רומענישן גיהנום־פייער, נאָר די ווינער לאַנגע און פיינע צדקה־נאָז וועט דעם סוואָנד פון געדוויכערטן פלייש נישט פילן — הונדערטער און טויזנטער וועלן אויסגיין פאַר הונגער, נאָר די קלאָרע צדקה־אויגן וועלן עס נישט זען, און דאָס רייך־באַרעמהערציקע האַרץ וועט נישט ווייטון... אי וואָס, עולם־הבא? צדקה ומעשים־טובים וועט אויפן אָרט אויך נישט פעלן!

— — — — — — — — — — — — — — —

נישט אויף ישועות ונחמות האָבן מיר זיך צו ריכטן פון רומעניען, ווו דאָס געזעץ האָט ערקלערט יידן אַלס פרעמדע און רייסט ביי זיי אויס דעם לעצטן ביסן פון מויל, און נישט אויף בשורות־טובות פון גאַליציען, ווו יידן זענען גלייכבאַרעכטיקט, ווו דאָס געזעץ מאַכט קיין שום אונטער־שייד נישט צווישן „גאַנצע" און „באַשניטענע". ביי דער פּאַפּירענער פרייהייט ווערן די קנאַפּע ניין מאָל הונדערט טויזנט יידן אין גאַליציען באָיקאָטירט, אַרויסגעטריבן פון יעדן געווערב, פון יעדער באַשעפטיקונג, און שלעכט באַהאַנדלט און ערנידעריקט אויף יעדן שריט און טריט, עס האָט זיך אויסגערעכנט, אַז צוויי מאָל הונדערט טויזנט יידן זענען איינ־פאַך אָן ברויט, לעבן פון בעטלען, פון גראַשנדיקער צדקה. נישט דאָס ג ע ז ע ץ טוט עס, נאָר דאָס פ אָ ל ק, דאָס פאָלק אליין פון אַרבעטער ביז שלאַכטשיץ, ביזן העכסטן באַאַמטן אין דער אַדמיניסטראַציע, אין

געריכט... פון צייט צו צייט ווערט דאָס פעבל אונטערגעהעצט און מאַכט פּאָגראָמען אין דערפער און שטעט; פון צייט צו צייט ווערן יידישע הייזער, גאַסן און שטעטלעך אונטערגעצונדן און פאַרברענט; פון צייט צו צייט — יידישע טעכטער פאַרכאַפּט, פאַרפירט און אָפּגעטויפט...

דאָס פּאַפּירענע געזעץ שווייגט, און די קראַפט פון געריכט און פּאָליציי טרעט נישט איבער די שוועל פון קלויסטער!...

עס איז שלעכט, און עס מוז ערגער ווערן. עס מוז, ווייל די אַלגעמיינע עקאָנאָמישע לאַגע גאַליציענס פאַלט פון טאָג צו טאָג! עס איז שלעכט און עס מוז ערגער ווערן, ווייל אַ מאַסע פון די גייסטלעכע אָרדן, וואָס האָבן זיך נישט געוואָלט אונטערגעבן דער פראַנצויזישער רעגירונג און האָבן געמוזט אַרויס פון פראַנקרייך, האָבן זיך שטילערהייט איבערגעצויגן און באַזעצט אין גאַליציען. גאַליציען וועט פרומער, וועט, אויב עס איז מעגלעך, קאַטוילישער ווערן און די רעאַקציע וועט וואַקסן וואָס אַמאָל שטאַרקער... און, ווי געזאָגט, ביים טויער פון קלויסטער ענדיקט זיך די מאַכט פון קייזערלעך־קעניגלעכן באַאַמטן!...

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

אין רוסלאַנד האָט די רעגירונג ערלויבט אַן אַלגעמיין יידיש־רוסישציוניסטישע פאַרזאַמלונג אין דער גובערניאַל־שטאָט מינסק. די אסיפה איז געווען אַ גרויסע און האָט מיט דער צאָל פון די דעלעגאַטן, ווי אויך מיט דער אַרבעט איבער די עטלעכע טעג, באַוויזן, אַז די ציוניסטישע באַוועגונג וואַקסט פון טאָג אויף טאָג.

די פאַרזאַמלונג האָט געעפנט דר. ברוק מיט אַ רעדע, אין וועלכער ער האָט פעסטגעשטעלט, און, ווי עס זעט אויס, מיט דער איינוויליקונג פון דער מערצאָל אויף דער אסיפה, אַז די ציוניסטישע אַרבעט באַשטייט נישט נאָר אין דער פּאָליטיק, וואָס איינצלנע פערזאָנען קאָנען פירן אין נאָמען פון דער גאַנצער פּאַרטיי, נאָר אויך און נישט ווייניקער, אינעם שטרעבן אויפצוּוועקן די פאַרשלאָפענע קרעפטן פון פאָלק, צו אַנטוויקלען זיי און אָרגאַניזירן. דאָס פאָלק, וואָס האָט ביז אַהער באַנוצט אַזויפיל קראַפט און ענערגיע אויף אויסצוהאַלטן, איבערלעבן און שווייגנדיק ליידן, מוז אָנהייבן פאַרווענדן די קראַפט אויף אויפלעבן, פאַררייניקן און אָרגאַניזירן זיך.

פון די באַריכטן איבער דער ציוניסטישער באַוועגונג אין די ראַיאָנען אין רוסלאַנד האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז איבער דער קורצער צייט האָבן זיך פאַרמערט אַזוי די צאָל פון די פּונקטן, וווּ דער ציוניזם האָט זיך אָנ־

גענומען, ווי אויך די צאָל פון איינצלנע ציוניסטישע פאַריינען. די שקל־סומע איז אויך געוואַקסן, דער פאַרקויף פון אַקציעס פאַר דער קאָלאָניאַל־באַנק איז גוט געגאַנגען; עס איז געזאַמלט געוואָרן פאַרן נאַציאָנאַל־פאָנד, און די קולטור־פראַגע, ווי עס ווייזט זיך אויס, באַשעפטיקט דאָס מערסט פאַריינען. עס עקזיסטירן מאַסן פאַריינען און עס גרינדן זיך נייע מיטן צוועק צו לערנען העברעיש, יידישע געשיכטע, צו גרינדן מוסטער־חדרים און דערגלייכן. די עקאָנאָמישע פראַגע פאַרנעמט אויך אַ געוויסן פּלאַץ אינעם פאַריין־לעבן. עס ווערן צוזאַמענגעשטעלט אַרטעלן, אַלערליי אַרט אַרבעטער־צוזאַמענלעבן און ווירקן, עס ווערן געעפנט ביליקע קרעדיט־קאַסעס א. ד. ג.

אויף דער פאַרזאַמלונג האָבן זיך דאָס ערשטע מאָל די רוסיש־פּוילי־שע ציוניסטן געשפּאָלטן אויף דריי אונטערפּאַרטייען:

1) „מיזרחי" — וואָס פאַרזאַמלט אונטערן פאָן ציוניסטישע רבנים, אַזוי קאָנסאַרוואַטיוו־פרומע יידן, ווי אויך אַ געוויסע צאָל אינטעליגענטן „בעלי־תשובה"... אין דער שפּיץ שטייט דער לידער רב — ריינעס.

2) די פראַקציע, אָדער די „ראַדיקאַלע" אָדער די „פאָלקס־פּאַרטיי", וואָס באַשטייט ס'רוב פון יונגע ציוניסטן, אויסלענדישע און אינלענדישע סטודענטן — אָן דער שפּיץ שטייען מאָצקין און דר. וויצמאַן.

די פּאַרטייען זענען די רעכטע און די לינקע אין ציוניזמוס.

בשעת, ווען „מיזרחי" בויט אַלץ אויף רעליגיע און ציטערט פאַר „קולטור" נישט לויט דעם רבנישן רעצעפּט, בויט די פראַקציע אויפן נאַ־ציאָנאַל־געפיל, נישט אָפּהענגיק פון גלויבן און פרומקייט.

פון דער רעכטער און לינקער שניידט זיך אָפּ אַ געוויסע

3) מיטל־פּאַרטיי, וואָס באַשטייט פון „ווילדע", וואָס ווילן גיין זייער אייגענעם וועג; פון ציוניסטן, וואָס האַלטן דאָס שפּאַלטן פון ציוניזמוס אויף אונטערפּאַרטייען פאַר שעדלעך, און אַזוי מיטלמענטשן...

באַמערקט איז געוואָרן, אַז די פראַקציע האָט זיך, ווערנד דער אסיפה, אין דער צאָל פון אָנהענגער געשטאַרקט...

אויסער מיט באַריכטן פון אַלע ראַיאָנען, האָט זיך די מינסקער ציוניסטישע פאַרזאַמלונג באַשעפטיקט מיט צוויי הויפּט־פראַגן — וועגן אָרגאַניזאַציע און קולטור.

וועגן אָרגאַניזאַציע איז מען צו קיין פעסטן באַשלוס נישט געקומען און געזעצט אַ קאָמיסיע, וואָס זאָל פאַרשטעלן דער צווייטער אַלגעמיין־רוסיש־־ציוניסטישער פאַרזאַמלונג, ווען נישט — דעם קאָנגרעס

אַ נייעם פּראָיעקט. בנוגע צו ק ו ל ט ו ר איז געבליבן, ע ר ש ט נ ס, אַז קולטור ווערט גערעכנט פאַר איינע פון די וויכטיקסטע נאַציאָנאַל־אַר־בעטן: עס זענען געווײלט געוואָרן צוויי קולטור־קאָמיסיעס, איינע פאַר דער פרומער מיזרחי־פּאַרטיי, די צווייטע פאַר די פרייע ציוניסטן, און געבליבן איז, אַז די שקל־קאַסע דאַרף ב י י ד ע שטיצן. די ציוניסטישע קולטור־אַרבעט איז, ווי עס זעט אויס, באַגרענעצט געוואָרן אויף נ אַ צ י אָ נ אַ ל־ק ו ל ט ו ר — העברעיש, יידישע געשיכטע, רעפאָרם פון חדרים און ישיבות און דערגלייכן...

— — — — — — — — — — — — — — — — —

אויף י י ד ן האָט די מינסקער פאַרזאַמלונג געמאַכט אַן איינדרוק אַ ג ר ו י ס ן, אָבער נאָך אַ גרעסערן אויף דער פּוילישער פּרעסע.

דעם צופאַל, אַז פאַרן עפענען די אסיפה האָט עמעץ באַליידיקט דעם „פאַרשטייער" פון דער „גאַזעטאַ פּאָלסקאַ" און דער איז אַנטלאָפן פון מינסק, האָט מען אויפגעבלאָזן, ווי אַ „לונג־און־לעבער" און געמאַכט דערפון אַן אַנטיסעמיטישן „פּיתום־ורעמסס"... דעם „קאָרעספּאָנדענט" האָט מען אויפגעהויבן ביז דער מדרגה פון לכל־הפחות אַן אַמבאַסאַדאָר אין אַ פרעמדער מדינה, באַפאַלן זענען דעם אַמבאַסאַדאָר, הונדערט, אויב נישט טויזנטער דעלעגאַטן! ווילד, באַרבאַריש, שרעקלעך! און דער צוועק דערפון איז געווען, מען זאָל קענען אַרבעטן אין דער פינצטער, בסוד פאַרן קריסטלעכן פּובליקום, און — ווו אַ סוד, איז אַ גניבה, ביפרט אַ יידישער סוד! מען וויל, ווייניקסטנס, אונטערמינירן פּוילן און אויסשיסן אין דער לופט! און דאָך האָט די פּוילישע פּרעסע פון דער מינסקער פאַרזאַמלונג נישט ווייניק געשריבן! און ווי ערלעך! למשל:

די מינסקער אסיפה האָט ערקלערט העברעיש אַלס נאַציאָנאַל־שפּראַך און די קלוגע פּוילישע פּרעסע, וואָס כאַפּט אַלץ פון דער לופט, ווייסט נישט קיין אונטערשיד פון ה ע ב ר ע י ש ביז י י ד י ש, (זיי ברענגען גאַנץ אָפט איבערזעצונגען — נאַטירלעך געפעלשטע — פון „זשאַרגאָנישן" „המליץ" צי „הצפירה"!) — און באַלד איז אויסגעבלאָזן געוואָרן אַ שרעק־לעכע נאַכריכט, אַז די מינסקער אסיפה האָט באַשלאָסן, אַז די יידישע נאַ־ציאָנאַל־שפּראַך איז זשאַרגאָן! און זשאַרגאָן — זאָגט די פּוילישע פּרעסע — איז דייטש; דייטש איז היינט אין פּוילן טריפה, ווי חזיר, איבער דער האַקאַטע! על־כן: ווילן די ציוניסטן, דאָס הייסט אַלע יידן, רעדן דייטש, ווערן האַקאַטיסטן און לכל־הפחות חרוב מאַכן פּוילן!

מיט שוים אין די מיילער ווערן דערציילט טויזנטער שקרים, בילבולים...

און דער א מ ת — די פוילישע פּ ר אַ ו ו ד אַ?

די „פּראַוודאַ" מוז זיין אָריגינעל און פריי! זי זאָגט קיין שום פאָלק נישט אָפּ דאָס רעכט צו האָבן אַן אייגן לאַנד און צו לעבן דאָרט זיין באַזונדער לעבן — נאָר פאַרבאַרייטן זיך דערצו דאָ, ביי דער „פּראַוודאַ" אין פוילן, — דאָס איז אַן אומערהערטע עוולה! ריים פון עץ־החיים עפּל וויפל דו ווילסט, נאָר איבערן צוים פון גן־עדן קריך נישט און אויפן וועג צום בוים זאָלסטו קיין פוס נישט שטעלן!

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

דער באַרימטער פראַנצויזישער שרייבער זאָלאַ איז פאַרגאַרעט געוואָרן און געשטאָרבן.

די פוילישע „ראָלאַ" שרייבט: „זאָלאַ האָט נישט געגלייבט אין גאָט, ער איז ווידערשפּענסטיק געוואָרן זיין הייליקן קלויסטער — אַ מיצווה אויף אים! איר שפּילט אייך מיט גאָט?"

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

נאָר אויב די אַנטיסעמיטיש־פּוילישע פּרעסע (דאָס הייסט דריי פערטל פּרעסע מיט נײַנציק פּראָצענט לעזער!) האָבן ווייניק סימפּאַטיע פאַר זאָלאַ און נאָך ווייניקער פאַר דער מינסקער אסיפה, צעגייט זי זיך פאַר דאָס, ווי אַ וואַסער, אוים לויטער רחמנות איבער דער אומגליקלעכער לאַגע פון אומגליקלעכן רומעניען — — —

עס זיצן אין איר יידן, ווי די ווערים אין אַ פלוים, און פרעסן זי אויף, און וויל מען זיך פאַרטיידיקן, נישט לאָזן זיך אויפפרעסן פון די ווערמיקע וועלף (אַזוי וואַקסט אַלץ ביי אַנטיסעמיטן אין די אויגן), קומט אַמעריקע, אונטערגעהעצט פון יידישע באַנקירן, און פּראָטעסטירט! — און עס גייט אַדורך אַ געוויין דורך די „בלעטער", און דער פּויליש־קריסטלעכער לעזער לעזט און מאַכט פויסטן און קריצט מיט די ציינער... און די יידיש־פּוילישע אינטעליגענץ, וואָס ערגערט זיך און דערהאַלט די יידישע נשמה מיט די פילע קריסטלעך־אַנטיסעמיטישע בלעטער, שמייכלט: אַלץ לאָזט זיך איבערקויפן! שאַדט נישט! און גייט רואיק אין טעאַטער, אין צירק אַריין... איבערקויפן זאָל ראָטשילד, בלייבערעדער!

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

געשטאָרבן איז דער מעמעלער רב — דר. י. רילף.

די ציוניסטישע פּאַרטיי פאַרלירט אין אים איינעם פון אירע טעטיקסטע מיטגלידער. די דייטש־יידישע טעאָלאָגיע — איר גרעסטן געלערנטן און רוסיש־פּויליש־יידישע עמיגראַנטן — אַן אויסלענדישן פריינט, און מיר האָבן זיי אַזוי ווייניק צווישן די דייטשע יידן!...

סעפּטעמבער, 1902.

6

פרעגט אַ פּראָווינץ־פּאַנאַטיקער (אַ יידן צי נישט קיין יידן), וואָס איז אַזוינס שיגעון? וועט ער אייך ענטפערן אויף קלאָר: אַ דיבוק, אַ רוח... משוגע ווערט אַ מענטש, ווען ער ווערט ב אַ ז ע ס ן פון איינעם פון יענע לייט, וואָס איז געפערלעך צו דערמאָנען. אַשמדאי אַליין צי לילית מאַכט זיך אַמאָל אַ שפּאַס און קריכט אין אַ מענטש אַריין! און וועמען טוט וויי, אַז מען שלאָגט אַ משוגענעם, אַז מען באַוואַרפט אים מיט שטיינער, אַז מען פּייניקט אים? מן־הסתם דעם בעל־דיבוק! פון דעם איז נאָר איין טריט צו דער מיינונג, אַז אַ „משוגעת" איז אַ מיצווה צו שלאָגן, צו דורסן... אַזוי שלאָגט מען דעם שיגעון אַרויס! און אַזוי טוט טאַקע דער גראָבער מאַרק־עולם, ווי אויך אונדזערע ווילד־געבוירענע קינדער, איידער די שולע, די ליטעראַטור און דאָס לעבן צווישן מענטשלעכע מענטשן שלייפט און פיילט אָפּ די ווילדקייט פון די יונגע נשמות... אַלטע מענטשן געדענקען אָבער נאָך, ווען אַ ל ע האָבן אַזוי געמיינט, ווען אַ „הקדש" צי אַ שפּיטאָל פאַר משוגעים איז ערגער געווען פאַר די ערגסטע טורמע, שרעקלעכער אפשר פאַרן אמתן גיהנום. ווען פּייניקן, שלאָגן, שמידן און בינדן זענען געווען די איינציקע רפואות, וואָס דאָס כמעט הייליקע „פאַרצייטנס" האָט געהאַט, אויסער השבעות און החרמות, פאַרן אומגליקלעכן קראַנקן. עס זענען שוין אָבער אַנדערע צייטן, היינט ווייסט מען שוין, אַז שיגעון איז אַ קרענק, אַן אומגליק, נישט קיין דיבוק, נישט קיין רוח; אַז אויב מען שלאָגט, טוט וויי דעם קראַנקן מ ע נ ט ש, אויב מען פּייניקט אַ קראַנקן מענטש, איז מען ווילד, באַרבאַריש ווילד, און די שפּיטעלער זענען רעפאָרמירט געוואָרן, און די אומגליקלעכע קראַנקע האָבן אונדזער האַרץ, אונדזער מענטשלעך רחמנות געווונען.

פונקט אַזאַ טעות האָט די מענטשהייט געהאַט און האָט נאָך קעגן אַנדערע אומגליקלעכע, קעגן — פאַרברעכער.

דער אומגעבילדעטער מענטש, וואָס זעט אין דעם גייסטעס־קראַנקן אַ רוח צי אַ דיבוק, זעט אין יעדן פאַרברעכער אַ להכעיסניק, אַ „שלעכטע זאַך", אַ מענטש, וואָס וויל גערנוויליק יענעמס לייד, וואָס האָט נחת

פון יענעמס צער, אַ שלעכטן מענטש, אַן וועלכן מען דאַרף זיך נוקם זיין, וואָס פאַרדינט, וויניקסטנס, אַלערליי שטראָף! דער פרומער וועט נאָך צוגעבן: אַ מיצווה! דער פרומער מיט אַ גוט האַרץ: אַ טובה! — זאָל ער אָפּקומען אַביסל אויף דער וועלט!

דער געבילדעטער מענטש אָבער ווייסט שוין פון טעות. ער ווייסט, אַז ניינציק פּראָצענט פאַרברעכער זענען געוויינלעכע מענטשן, טיילמאָל, אַפילו גאַנץ אָפּט, גוטע מענטשן, וואָס נאָר די נ ו י ט טרייבט זיי צו דער זינד... זיי זאָגן, אַז אויב די מענטשלעכע געזעלשאַפט נעמט אויף זיך די פליכט, צו פאַרהיטן דאָס געזונט מיטן פאַרמעגן פון אירע מיטגלידער קעגן דעם פ אַ ר ב ר ע כ ע ר, איז זי נאָך מער מחויב צו באַוואָרענען אירע מיטגלידער פאַרן פ אַ ר ב ר ע כ ן אַ ל יי ן! שולן פאַר אַלע, ברויט, אַ דאַך איבערן קאָפּ, דאָס וויניקסטע, וואָס אַ לעבעדיקער מענטש מ ו ז האָבן, און די טורמעס, זאָגן זיי—וועלן בלייבן לער, אָדער כמעט לער! און אויב דער אידעאַל אונטערצוברענגען דאָס פאַרברעכן אַליין, איז פאַר אַ וויטערע, שפּעטערע צייט און אומעגלעך פאַר ה יי נ ט; אויב די מענטשלעכע געזעלשאַפט איז דערוויל נישט אימשטאַנד דאָס פאַרברעכן צו פאַרניכטן, האָט זי וויניקסטנס נישט דאָס רעכט דעם פאַרברעכער באַרבאַריש צו באַהאַנדלען!

זי טאָר זיך נישט נוקם זיין אָן דעם, וועמען זי האָט דאָס לעבן אָן פאַרברעכן אומעגלעך געמאַכט, אָדער וועמען זי האָט נישט אויסגעלערנט צו אונטערשיידן צווישן „גוט” און „שלעכט”... זי טאָר נישט שטראָפן דעם אומגליקלעכן פאַרברעכער פאַר זיין אייגענע זינד. און אויב זי איז געניי־טיקט דעם פאַרברעכער אומשעדלעך צו מאַכן, אָפּצוזונדערן, אָפּצושליסן און באַשעפטיקן מיט אַרבעט, אַפילו מיט שווערער אַרבעט, מוז זי עס טון מיט באַרעמהערציקייט — —

— „אַראָפּ די קייטן„! —

אַזוי קורץ און שאַרף איז געווען דער באַפעל פון איטאַליענישן יוסטיץ־מיניסטער!

איטאַליענישע קייטן ווערן פאַרקויפט אויף אַלט אייזן, אויף ברוך! 700 אומגליקלעכע פאַרברעכער, „באַשטראָפט” אויף לעבנסלענגלעכע אַרבעט, וועלן אַרבעטן אָן קייטן!

איטאַליען האָט אין דעם פאַך איבערגעשטיגן אַלעמען...

יידן אין איטאַליען איז דאָ זייער וויניק, דער טייל, וואָס יידן האָבן

אין פאַרברעכן, וואָס ווערן מיט קיטן באַשטראָפט, איז איבעראַל צו גרינגג; עס איז דעריבער קיין יידיש נייעס נישט.

און דאָך דערצייל איך עס אייך, ערשטנס — פאַרוואָס נישט? איר זייט דאָך מענטשן! צווייטנס שטעקט דערינען אַביסל יידישקייט, תורת־משה ווייסט נישט פון קיין שטראָף אַלס נקמה. מען באַשטראָפט „למען ישמעו וייראו, ולא יוסיפון"... און: „אל תדון את חברך עד שתגיע למקומו"...

דאָס רעשט נייעס פון היינטיקן חודש איז נישט אַזוי פריילעך.

אין בערלין האָט זיך לעצטנס אָפּגעשפּילט דער לעצטער אַקט פון דער קאָניצער טראַגי־קאָמעדיע.

פאַרן געריכט זענען געשטאַנען אַנטיסעמיטן, וואָס מען האָט פאַר־קלאָגט, אַז זיי האָבן מוטוויליק, מיט שלעכטן געוויסן, געוואָלט מאַכן פון אַ געוויינלעכן מאָרד — אַ רעליגיעזן מאָרד; אויפבלאָזן אַ בילבול־דם. אין געטויטן ווינטערס גוף איז געווען דאָס גאַנצע בלוט. אויפן האַלדז איז קיין צייכן פון „שחיטה" נישט געווען, און צום סוף האָט אַן אַנטיסעמי־טישער דאָקטאָר געזאָגט: אַז מען האָט אים געקוילעט, „כדת משה וישראל" און אויסגעצאַפּט דאָס בלוט אויף מצות לכבוד פּסח! די אַנטיסעמיטישע באַנדע האָט נישט גערוט און פון טאָג צו טאָג אויסגעקלערט נייע בילבולים אויף אַנדערע קאָניצער יידן! עס איז כמעט קיין איינציקער קאָניצער ייד פון בילבול נישט פריי געווען. די באַנדע האָט אויפגעבלאָזן קעגן יידן אַ פייערדיקע שינאה, האָט אַזוי געווירקט אויפן געריכט, אַז עס איז גענוג געווען, אַ קאָניצער ייד זאָל נישט קענען אויסווייזן געגנוי, ווו ער איז געווען אין דער צייט, ווען דער מאָרד איז געשען, ער זאָל אָפּזיצן גאַנצע חדשים אין תפיסה. די געריכטס־דינער, וואָס האָבן נישט געפאָלגט די באַנדע, וואָס האָבן געזוכט דעם אמת, האָט מען אין די אַנטיסעמיטישע בלעטער באַשמוצט, און פאַרקלאָגט, אַז זיי זענען איבערגעקויפט, אַז זיי זענען יידישע משרתים...

און אין בערלינער געריכט האָט דער אמת מנצח געווען: צוויי פאַרקלאָגטע אַנטיסעמיטן, די רעדל־פירער פון דער קאָניצער באַנדע, זע־נען באַשטראָפט געוואָרן מיט געפענגעניש; דער פּסק פון בערלינער „בית־דין־צדק" זאָגט בפירוש אַרויס, אַז דער בילבול איז אַ בילבול געווען, נאָר אַ קליין ווערעמל שטעקט אין שיינעם עפּל.

אַ פּראָקוראָר האָט עדות געזאָגט, אַז רעליגיעזער מאָרד איז אין

דייטשלאַנד אומעגלעך! די דייטשע יידן זענען צו געבילדעט, האַלטן נישט פון יידישן אַבערגלויבן!...

אַ כמאַרע האָט אויסגערעגנט, אַ צווייטע קומט אָן. איין בילבול־דם איז אַוועק; עס איז שוין שיר־נישט געווען אַ צווייטער!

געשען איז עס אין מיצרים. מען האָט איינגעזעצט אַ געוויסן חיים כהן, אַ יונגנמאַן פון ירושלים, וואָס ער האָט געוואָלט אַרויסנאַרן אַ זיבן־יעריק מיידל און שעכטן זי אויף פסח... דאָס זיבן־יעריקע מיידעלע איז געלעגן קראַנק אויפן האַלדז, און חיים כהן (אַזוי זאָגט דער אַקט) האָט געוואָלט זי איבערקויפן מיט זיסע זאַכן און אַרויסנאַרן פון שטוב אַכט חדשים פאַר פסח, איבערהאַלטן זי די גאַנצע צייט, דערנאָך קוילען כדת משה וישראל און באַנוצן דאָס בלוט צו די מצות...

אַ שכנה האָט אין דער צווייטער שטוב געהערט חיים כהנס רייד, נאָר אַז זי איז אַהיינגעלאָפן צום מיידל, איז שוין חיים כהן אין שטוב נישט געווען! דעם טויער־היטערס ווייב האָט געזען, אַז חיים כהן האָט, אַרויסגייענדיק פון הויז, געהאַט אין דער האַנט אַ קעסטל, אין וועלכן מען האַלט געוויינלעך זיסע זאַכן! דאָס מיידל אַליין האָט פריער געזאָגט, אַז נישט חיים כהן איז עס געווען, נאָר דערנאָך האָט זי געזאָגט, אַז יאָ!

אויף דעם עדות זאָגן איז חיים כהן פאַרמישפּט געוואָרן אויף אַ יאָר געפענגעניש מיט שווערער אַרבעט...

נאָר שרעקט אייך נישט! עס איז קיין רעכטער בילבול־דם נישט געוואָרן... אַ פּראָקוראָר אין מיצרים איז אַמאָל קליגער, ווי זיינס גלייכן אין דייטשלאַנד. ער האָט געזאָגט, אַז ער באַשולדיקט נישט חיים כהן, אַז ער האָט געוואָלט כאַפּן אַ קריסטלעך מיידל און שעכטן לכבוד פסח אויף כשרע מצות... עס וואָלט געווען צו נאַריש! יידן דאַרפן קיין בלוט צו מצות נישט! אָבער אַ קריסטלעך מיידל, ווען אַפילו אַ זיבן־יעריקס, קומט צוניץ. מען קאָן זי פאַרקויפן אין אַ שאַנד הויז אַריין, צו אַ קונצן־מאַכער וכדומה...

דאָס זאָגט דער פּראָקוראָר און — דאָס פאָלק?

דער פּראָקוראָר וועט שוין קיין שטיינער אין אַ יידיש פענצטער אַריין נישט וואַרפן, אָבער די רומענער, די גריכן און די קאָפטן אין מיצרים — זיי קאָנען עס גאַנץ לייכט טון! חיים כהן איז דאָך דערוויל פאַרמישפּט!

דער אַמעריקאַנער פּראָטעסט קעגן רומעניען איז שוין כמעט פאַר־געסן געוואָרן'

רומעניען האָט פאַרשטאַנען אין וואָס עס גייט און אירע אַמבאַ־סאַדאָרן אין לאָנדאָן און ניו־יאָרק האָבן צו וויסן געטון, אַז די רומעני־שע רעגירונג איז נישט אימשטאַנד איינצוהאַלטן די יידישע עמיגראַציע. און אין דעם איז עס, ווי עס זעט אויס, ווירקלעך געגאַנגען. מיר ווילן נישט דערמיט אַרויסטרעטן אומדאַנקבאַר קעגן אַמעריקע, וואָס האָט פּראָטעסטירט, און נישט קעגן ענגלאַנד, וואָס האָט דעם פּראָטעסט אונ־טערגעהאַלטן. ענגלאַנד און אַמעריקע קאָנען נישט צופרידן זיין פון אַ מהומהדיקער עמיגראַציע פון אַן אָרעמסטן קלאַס מענטשן, און צוויי וועגן האָבן זיי געהאַט זיך דערפון צו פאַרהיטן, איינעם אַ זיכערן: צו פאַר־מאַכן די גרענעץ פאַר פרעמדע יידן, און אַ צווייטן: צו פּרווון פּראָטעס־טירן, צו פאַרופן זיך אויף מענטשלעכקייט, אויף יושר, פּרווון אויפוועקן ביי רומעניען, צי אַזוי ביי אייראָפּע, אַ פונק רחמנות... געוויילט האָבן ביידע פעלקער דעם נישט זיכערן, נאָר דעם מ ע נ ט ש ל ע כ ן וועג! און — ער האָט דערוויי'ל צום צוועק נישט געפירט.

פון רומעניען קומען אַלץ נייע ידיעות, אַז מען ריכט זיך אויף בע־סערע צייטן פאַר יידן; אַז מען רעכנט עפּעס פאַר יידן צו טון; אַז עס איז מעגלעך, אַז מען וועט זיך נעמען צום האַרץ — — אַלע וויסן, אַז דאָס זענען שקרים, פאַלשע שמועות, וואָס רומעניען פאַרשפּרייט צו פאַר־בלענדן די אויגן, צו פאַרקלענערן די געפאַר. ט אָ מ ע ר רופט זיך נאָך עמעץ אָן, און וואָס שאַדט עס, מען רעדט? אַלע וויסן עס און אַלע שווייגן, אויסער דייטשלאַנד! דייטשלאַנד האָט נישט געשוויגן, דער אָפיציעלער „רייכס־אַנצייגער" האָט גערעדט! ער האָט גערעדט צוליב דעם קעניג קאַרל, דעם דייטש, וואָס רעגירט אין רומעניען, פאַר זיין כבוד וועגן! און צוליב די דייטשע קאַפּיטאַליסטן, וואָס האָבן די רומענישע רעכט אין דער האַנט, פאַר זייערע קופּאָנעס־וועגן! זאָל אייראָפּע נישט מיינען, אַז קעניג קאַרל איז אַ באַרבאַר, זאָל אייראָפּע נישט האַלטן דעם רומענישן קרעדיט פאַר פאַרלוירן — צוליב דעם איז דער „רייכס־אַנצייגער" אַרויס מיט אַ ברע־נענדיקן אַרטיקל קעגן — רומענישע יידן, די אומזיסטע פרעסער, שינדער, וואָס עקספּלואַטירן דאָס אומשולדיקע לאַנד, וואָס פרעסן עס אויף לע־בעדיקערהייט...

קעגן אַזאַ ה ו י כ ן און ט י פ ן אַנטיסעמיטיזם, וועט דאָס בערלינער געריכט שוין גאָרנישט האָבן!

— די פּרייזיניקע פּאַרטיי וועט דאָך פרעגן דעריבער אין פּאַרלאַמענט?
— וועט זיין נאָך אַביסל דברים בטלים!

אין ווין איז צווישן די עסטרייכישע ציוניסטן און דער יידישער פאָלקס־פּאַרטיי געקומען צו אַ פּשרה. דעם דרייאונצוואַנציקסטן אָקטאָבער (נייעם סטיל) איז געווען אַן אסיפה פון די פאָרשטייער פוןביידע פּאַר־טייען און זיי האָבן אונטערגעשריבן אַ פּראָטאָקאָל, לויט וועלכן ביידע פּאַרטייען נעמען אָן, — פון איין זייט דאָס פּראָגראַם פון דער יידישער פאָלקס־פּאַרטיי — דאָס קעגנוואַרטס־פּראָגראַם צו הייבן דאָס יידישע פאָלק גייסטיק, ווירטשאַפטלעך און קערפּערלעך — און פון דער צווייטער זייט דאָס ציוניסטישע פּראָגראַם, וואָס דער באַזעלער קאָנגרעס האָט אויפגעשטעלט: צו שאַפן אַן עפנטלעך־רעכטלעך געזיכערטע היים פאַרן יידישן פאָלק אין יידישן לאַנד.

ביידע פּאַרטייען זענען זיך מיתחייב איינע די צווייטע צו שטיצן, איינע דער צווייטער צו העלפן און צוזאַמען צו פעכטן פאַרן יידישן פאָלק.

פאַרן יידישן פאָלק! נישט אַלע דאָך זענען זיכער, אַז עס איז פאַראַן אַ יידיש פאָלק! נישט אַלע אינטעליגענטן, מיין איך! און פון וואַנען זאָלן זיי עס וויסן? מענטשן, וואָס זענען פון פרעמדע פרעמדאַרטיק אויפ־געצויגן, קוקן נאָר פרעמדע אין מויל אַריין! אַפילו נאַציאָנאַליסטן־ציוניסטן פרעגן עצות, צי מען מעג? נישט נאָר ביי רבנים, נאָר ווי אויך אַ שריפטשטעלער, ווי אַ פעדער־האַלטער, ביפרט ווי אַ פּאָליטיקער! און נישט איין שוואַך־קאָפּ קאָן משוגע ווערן, הערנדיק אַלערליי תשובות פון אַלערליי גרויסע לייט... איינער זאָגט: יאָ, אַ צווייטער: ניין, אַ דריטער וויל זיך ערשט מיישב זיין; פון יידישן פאָלק האָט ער אַפילו עפּעס גע־הערט, נאָר וואָס און ווען געדענקט ער נישט...

און אונדזערע שוואַך־קעפּ (דער זעצער זאָל זיך נאָר נישט טועה זיין אויף שאָפּס־קעפּ) וואַרטן אומגעדולדיק און מיט האַרץ־ציטערניש אויף אַ נייעם פּסק, וואָס זאָל אַרויסגעגעבן ווערן אין ווענעדיג פון דער סטודענטן־געזעלשאַפט „קאָרדאַ־פראַטער", דאָס הייסט: „האַרציקע פריינט". די סטודענטן־געזעלשאַפט האָט זיך פאַרבונדן צום צוועק אַ גוט לעבן צו מאַכן צווישן אַלערליי פעלקער. מיטגלידער, לויט מען שרייבט, האָט זי איבער צוואַנציק טויזנט. יעדעס יאָר ווערט געמאַכט אַן אַלגעמיינע אסיפה. די מיטגלידער פון פאַרשידענע פעלקער פון דער גאַנצער געבילדעטער

וועלט זאָלן זיך באַקענען און רעכט ליב קריגן. איייניקע יידישע סטודענטן אויס רומעניען האָבן געוואָלט אַריינטרעטן אין די געזעלשאַפט, נאָר די רומענישע אָפּטיילונג האָט זיי אָפּגעזאָגט, און דערצו אַ טעם געגעבן: אַז די, וואָס האָבן אין רומעניען קיין ציוויל־רעכט נישט, קאָנען נישט גילטן אַלס רומענישע סטודענטן, און קאָנען נישט אויפגענומען ווערן פון דער רומענישער אָפּטיילונג. די רומעניש־יידישע סטודענטן האָבן זיך גע־ווענדט צום קאָמיטעט פון דער געזעלשאַפט, און דער קאָמיטעט האָט גע־גרינדעט, צוליב די רומעניש־יידישע סטודענטן, אַ באַזונדערע אָפּטיילונג, אַ „ספּעציאַל־אָפּטיילונג" פאַר די, וואָס געניסן נישט פון בירגער־רעכט אין ערגעץ אַ לאַנד, דאָס הייסט — פאַר יידן! איייניקע יידישע סטודענטן זע־נען אָבער דערויף נישט באַשטאַנען; זיי ווילן זיך נישט באַפרידיקן מיטן אומשולדיקן נאָמען „סעקציאָן־ספּעציאַל" און האָבן פאַרלאַנגט אַן אָפענע אָפּטיילונג פאַר י י ד ן, פאַר סטודענטן פון יידישער נאַציאָן! דער קאָ־מיטעט האָט נישט געוווּסט, וואָס מען טוט מיט דער וווּנדערלעכער פראַ־גע, ער האָט אָפּגעלייגט די אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג, און פריער צוזאַמענ־גערופן אַ קליינע אַסיפה, אָפּצוקלערן, ווי אַזוי מען זאָל זיך נוהג זיין... די קליינע אסיפה איז צושטאַנד געקומען... מען האָט פיל גערעדט, טייל רעדנער האָבן פאַרלאַנגט, מען זאָל מיט כוח אַריינשטופּן די יידן אין די אָפּטיילונגען פון ז י י ע ר ע לענדער! אַנדערע זענען באַשטאַנען אויף אַ באַזונדערע יידישע אָפּטיילונג, און ערשט די אַלגעמיינע געזעלשאַפט (פאַרזאַמלונג — רעד.) וועט פּסקנען: יאָ אָדער ניין!

שוואַך־קעפּ, זייט געדולדיק און וואַרט!

איינער, וואָס האָט שטענדיק מילחמה געהאַלטן קעגן אַזוינע שוואַך־קעפּ, וואָס קוקן אַלע פּרעמדע אין מויל אַריין, איז געווען ראובן אָשר ברוידעס. נאָך אַ שווערער קראַנקייט איז ער איצט געשטאָרבן אין ווין. ראובן אָשר ברוידעס האָט פיל געשריבן. ער האָט איבערגעלאָזן דער יידי־שער ליטעראַטור צוויי גרויסע ראָמאַנען: „הדת והחיים", „שתי הקצוות", קליינע ערציילונגען און פיל מאמרים אין העברעישע און זשאַרגאָנישע ציַיטונגען. די פיל צייטונגען, וועלכע ער האָט אַליין אַרויסגעגעבן, האָבן נישט געהאַט קיין לאַנגע יאָרן; די גרויסע ווערק זיינע זענען געבליבן נישט געענדיקט, אָבער דאָך וועלן זיינע אַרבעטן נישט פאַרגעסן ווערן. זיין ראָמאַן „הדת והחיים" האָט געהאַט אַ גרויסע ווירקונג און פאַרנעמט נאָך אויך איצט אַ שיינעם אָרט אין דער נייער העברעישער ליטעראַטור.

אָקטאָבער, 1902

7

די פּאַריזער וועלט־שווינדלער — די פאַמיליע הומבערט — האָט מען אין שפּאַניען געכאַפּט! די שפּאַנישע פּאָליציי האָט זיי שוין איבערגע־געבן דעם פראַנצויזישן קאָנסול און מען האָט זיי שוין אויך טראַנספּאָר־טירט קיין פּאַריז. די פראַנצויזישע רעגירונג, וואָס מען האָט באַשולדיקט, אַז זי קוקט אויף דער זאַך דורך די פינגער, אָטעמט פרייער אָפּ און וועט זיך אפשר אָנהייבן פריער אַריינמישן אין אויסלענדישע פּאָליטיק, צוזאַ־מען מיט רוסלאַנד און עסטרייך אין דער טערקיי, וואָס דאַרף איינפירן רע־פאָרמען אין מאַקעדאָניע און קאָן נישט, אָדער צוזאַמען מיט דייטשלאַנד, ענגלאַנד און איטאַליען אין ווענעצועלאָ, וווּ מען מאָנט אויף פּריוואַטע חובות מיט קאַנאָנען...

די וועלט, אויב זי ווערט נישט בעסער, ערלעכער ווערט זי. שטענדיק פלעגט מען מילחמה האַלטן צוליב עולם־הזה, פּשוט געזאָגט: צוליב דער מטבע, נאָר ג ע ז אָ ג ט האָט מען: צוליב הייליקע זאַכן. אויף די פענער איז געווען אויסגעשטיקט מיט גאָלדענע אותיות: לשם יחוד דעם פּרינץ, דעם פאָטערלאַנד, דער רעליגיאָן, דעם הייליקן קבר און וואָס איר ווילט. דער ערשטער ערלעכער מאַן איז געווען ביסמאַרק, וואָס האָט פון פּאָלי־טישן פּנים אָפּגעריסן די מאַסקע און אָפן געזאָגט, אַז „די געוואַלט גייט פריער פאַרן רעכט״... דייטשלאַנד מיט ענגלאַנד צוזאַמען, און איטאַליען אַלס נאָכשטופּערן, פאַרלאַנגען גאַנץ איינפאַך: געלט! באַצאָל אונדזערע באַנקירן זייערע חשבונות...

אַ קליינע מילחמה האָט זיך שוין אָנגעהויבן. און אַז די פאַרייניקטע שטאַטן וועלן זיך אַריינמישן לשם יחוד „אַמעריקע פאַר אַמעריקע״, וועט ווערן אַ גרויסע מילחמה, אַ וועלט־מילחמה, און וועגן וואָס? וועגן פינף מיליאָן פּריוואַט־חובות...

דערווייל שיסט מען שוין, כאָטש דאָס פרידן־געריכט זיצט אין האַאַג און וואַרט... און קלערט, נאָך וואָס עס זיצט!

און אַז עס דונערט, הערט מען נישט, ווי פּיש־בלאָזן פּלאַצן... און

אז קאַנאַנען רעדן, הערט מען נישט, ווי רומענישע יידן קרעכצן, און דער אַמעריקאַניש־ענגלישער פּראָטעסט בלייבט אויפן פּאַפּיר...

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

נישט לאַנג איז אין ווין אויך אַ שטיקל מילחמה געווען, נאָר אַ יידיש־קהלשע: מען האָט פאָרשטייער געוויילט...

די ציוניסטישע, — צוזאַמען מיט דער יידישער פאָלקס־פּאַרטיי, האָבן געוואָלט אין פאָרשטאַנד אריין, ראָטשילד עט קאָמפּאַניע, צוזאַמען מיט עטלעכע סאָציאַליסטן, האָבן זיך געווערט. געזיגט האָבן — ראָטשילד עט קאָמפּ.

ווילט איר — טרויערט אַביסל, ווילט איר, זאָגט: גם זו לטובה!

דאָס הויפּט־געשעפט פון יידישע קהילות איז צדקה, און צו צדקה מוז מען האָבן גבירים, וואָס קאָנען ג ע ב ן און נ ע מ ע ן אויף צדקה! מיט „שטייער" אָדער, ווי מען רופט עס, „עטאַט", איז נאָך קהל נישט צו פירן! אַ נביא1) האָט געמוזט זיין אַ חכם, אַ גיבור און אַן עושר; פאַר אַ ראש־הקהל איז איבערגענוג דאָס לעצטע. „חכמים" מוזן זיין די קהלשע באַאַמטע, יידישע גיבורים זענען ביכלל אַן איבעריקע זאַך. מיט ענווה פירט מען מער אויס, אָבער עשירים מוזן זיי זיין; אויף דעם שטייען ש פּ י ט ע ל ע ר, שולן און וואָס איר ווילט!

אונדזערע קהילות וועלן נאָך לאַנגע, לאַנגע יאָרן האָפן אויף אַ צופאַל פון אַ גביריש האַרץ, כדי פון דער פאַרציטערטער האַנט זאָל ארויס־לאָזן אַ מטבע פאַרן יתום, פאַר דער אַלמנה, פאַרן קראַנקן אָרעמאַן... פון צייט צו צייט באַווייזט זיך די לייוונט אין דער קהלשער קעשענע, און מען מוז וואַרטן, אַן אָפּגעלעבטער גביר, וואָס האָט שוין קיין ציין און קיין מאָגן נישט פאַר „אמת גוטע זאַכן", זאָל חשק באַקומען צו אַביסל כבוד און אריינשטעלן אַ בעטל אין יידישן הקדש... און שפּעטער, אַז עס וועט קומען די רעכטע צייט, דער עפּל זאָל אראָפּפאַלן פון בוים, זאָל ער, חס־ושלום, נישט פאַרכאַפּט ווערן און אַביסל צייט האָבן צו ציטערן פאַרן מלאך־המוות מיטן גיהנום און צו קויפן זיך ביי קהל אַ חלק לעולם־הבאָ פאַר באַר כ ש ר געלט...

און כל־זמן פאָלקס־פּאַרטייען און ציוניסטן האָבן קיין גבירים נישט, מעגן זיי זיך האַלטן פונדערווייטן!

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

1) (אפשר: גבאי — רעד.)

דאָס זעלבע לאָזט זיך זאָגן וועגן די וואָלן, וואָס זענען אין וואַרשע געווען.

אין וואַרשע איז קיין אָרגאַניזירטע יידישע פאָלקס־פּאַרטיי נישט פאַראַן און אַרויסגעטרעטן זענען נאָר ציוניסטן אַליין. קעגן זיך האָבן זיי געהאַט די וואַרשעווער „פּאָסטעמפּאָוצי" מיט וואַרשעווער חסידים צוזאַמען. די ציוניסטן האָבן נישט אויסגעפירט. מען האָט נאָך די „שטימען" נישט אויסגעציילט, דאָך ווייסן אַלע, אַז קיין איינציקער ציוניסט וועט דאָס מאָל נישט דרימלען אין אַ קהלשן פּאַטער־שטול, אָבער די ציוניסטישע שטימען וואַקסן און מיט דער צייט — — מיט דער צייט וועלן די ציוניסטן איינעמען וואַרשעווער קהל, זיי וועלן זייערע אייגענע גבירים האָבן!

נאָר אויב דער וואַרשעווער ציוניזם איז נאָך נישט גביריש, באַלעבאַטיש איז ער שוין און גאַנץ פיין באַלעבאַטיש! די אַנדערע פּאַרטייען האָבן קיין „פּראָגראַמען" נישט אַרויסגעגעבן. זייער פּראָגראַם איז דאָס, וואָס זיי האָבן ביז אַהער געטון: דאָס געמיינדע־הויז, דאָס איינציקע אין גאַנץ רוסלאַנד, דאָס נייע שפּיטאָל, די שולן, די תלמוד־תורהס, די רבנים, דער „הייליקער אָרט". אַ וואַרשעווער באַלעבאָס ווייסט, וואָס מען האָט געטון און וואָס מען קאָן טון... די „צדקה" וואַקסט און וועט וואַקסן פון טאָג צו טאָג, אַביסל טרוקן, אַביסל האַרט, אַביסל אַרומגעשפּונען מיט איבעריקער שרייבעריי, נאָר גרעסער ווערט זי און רייכער אין אַנשטאַלטן, אין לעגאַטן — —

די ציוניסטן דאַגעגן, וואָס ווילן דאָס געשעענע ירשענען און ווייטער פירן לויט זייער פּראָגראַם, האָבן געמוזט איבער אים מזכיר ומודיע זיין, און זיי האָבן עס געטון, און דאָס פּראָגראַם איז גאַנץ באַלעבאַטיש אַרויס...

ווען עס זאָל זיין אין וואַרשע אַן אָרגאַניזירטע פאָלקס־פּאַרטיי, וואָלט זי זיכער דאָס פּראָגראַם נישט אונטערגעשריבן. עס ווימלט אין אים מיט רבנים, מגידים, מלמדים, אַביסל מער לשון־קודש... און דעם קהלשן שטייער ווילן די ציוניסטן העכערן, אָבער נישט שטייגערן, נישט אָפּשאַפן די נאָרמע... דאָס באַלעבאַטיש־ליבעראַל־פרומלעכע פּראָגראַם איז געדרוקט און פאַרשיקט געוואָרן אויף העברעיש און פּויליש: י י ד י ש נישט!... דאָס זענען קהל־זאַכן און וויסן דערפון דאַרפן נאָר די, וואָס צאָלן. די, וואָס לעזן העברעיש אָדער פּויליש, און נישט דאָס פּעבל...

צולעצט עטלעכע פראַגע־צייכן.

דער „וואָסכאָד" האָט מיטגעטיילט, אַז די רוסישע רעגירונג איז

בדיעה צו קאָלאָניזירן יידן אין רוסלאַנד. צו דעם צוועק זאָל פּראָיעקטירט ווערן אַ רעכט, יידן זאָלן מעגן קויפן אין גאַנץ רוסלאַנד קאָלאָניעס, פון צוואַנציק, דרייסיק און פופציק דעסיאַטין, יעדעס מאָל מיט דער ערלויבעניש פון דער פּאָליציי.

די „נאָוואָיע וורעמיא" איז אַרויס קעגן „יידישע פּלענער" מיט אַ פייער, און טרייסט זיך און אירע לעזער דערמיט, אַז „לא היה ולא נברא" — עס איז אַזאַ פּראָיעקט נישט פאַראַן.

די „בודושטשנאָסט" איז געקומען אַלס תנא דמסייע דעם „וואָסכאָד" און פאַרזיכערט, אַז אַזאַ פּראָיעקט איז זיכער פאַראַן...

פרעגט זיך:

צי איז ער פאַראַן באמת?

צי, אויב ער איז פאַראַן, וועט ער אויסגעפירט ווערן?

און — אויב ער וועט אויסגעפירט ווערן, צי וועט דאָס געברויך פון אַ „פּאָליציילעכע איינווויליקונג" נישט גענוג זיין דאָס געזעץ זאָל בלייבן אויפן פּאַפּיר?

— — — — — — — — — — — — — — — — —

נאָך אַ פראַגע:

אין רוסלאַנד הערט מען וואָס אַמאָל פון נייע קאָנצעסיעס אויף יידישע צייטונגען —

פרעגט זיך:

— צי וועט דאָס אָרעמע יידישע פּובליקום דאָס אַלץ טראָגן?

— צי קאָן דאָס אַלץ די יידיש־ליטעראַרישע אַרבעטס־קראַפט באַדינען?

— צי וועלן ענדלעך אונדזערע בלעטער אויפהערן צו זיין כל־בוניקעס און באַקומען פּראָגראַמען?

— ווער וויים...

— — — — — — — — — — — — — — — — —

— און ציינד אַדיע, אָדער: צום ווידערזען ערגעץ אַנדערש!

דעצעמבער, 1902